STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06205

HELE BLIKN

F. Bimko

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פ. בימקאָ

העלע בליקן

דאס צווייטע בוך

ניו יארק. .1926

Copyright, 1926

By

PH. BIMKO, New York

העלע בליקן

דער זיידע...

אין אַ קליין שיין הילצערן הייזל מיט אַ גערטעלע פון פּאַרנט, האָט געוואוינט דער אַלטיטשקער זיידע. אין אַ קליין באַ'חנ'ט שטיבעלע פון דעם הייזל, האָט ער זיך געעלטערט, דער זיידע. נאָך איידער ער האָט קינדער געהאַט, האָט ער זיך דאָ, אין דעם נידריקן הילצערנעם הייזל מיט זיין ווייב געהאַט באַזעצט, און שפּעטער, ווען ער איז פון אַלע זיבן אַליין געבליבן — פון דעם הייזעלע נישט אָפּגעטראָטן.

קינדער האָט ער געהאַט, דער זיידע, אַ סך ; צו דער ריכטי־קער צייט זיי דער וועלט אָפּגעגעבן : „נאַ דיר, וועלטעלע, עפּעס פון מיר אויך צושטייער...“ און זיי, די קינדער, וואָס זיינען צו דער צייט פון זיידנס טיפן עלטער געווען, כאַטש אין איין כרך אַזוי ווייט פון אים אַוועק ; און געשיקט זייערע מסחרים איבער ווייטע לענדער געפירט, — איז ער, דער זיידע, נאָכדעם ווי זיי אַלע האָבן זיך ביי אים אין משך פון אַ יובל ארויסגעוואַקסן און אָפּגעטאָן, ווידער אַליין מיטן הייזל געבליבן, אַליין — אַ שטיין, און ווי אַ געטרייער שומר דאָס הייזל אָפּגעהיטן ווי מ'היט אַמאָל מיט אַ באַזונדערע ליבשאַפט אָפּ אַ טייערע זאַך...

מיט אַ זיידענעם גערוך פון אַלטן פּאַרפיום וואָס ווערט קיינ־מאָל נישט אויסגעוועפּט, — האָבן געאָטעמט די ווענט פונם הייזל, אינעווייניק ; דער פאַרעלטערטער גערוך האָט זיך געזעצט אַזוי ווי אַ זון־שטראַל איבער אַלעם, און פון אַלעם זיך געטראָגן...

אין דרויסן, הינטערן פענסטער פון דעם הייזל, איז צום איבריקן אָפּגעקומען די טעג, דער זיידע ; איז ער געזעסן פון פרימאָרגן אין אַ טיפן פאָטעל אַריינגערוקט, אַזוי ווי פאַרפאַלן

געווען אין אַ טיפן שאַפּענפּעלץ, און די זון האָט געוואַרימט זיינע מיט הויט באַצויגענע קנאָכנס, דאָס געל־וואַקסענע פּנים, די געלע ביינערדיקע הענט; עס האָט זיך געבאַקן דער שטייפער קער־פּער, אַז מארך און אַז זאַפט אין די ביינער, וועלכע האָבן גע־קלונגען ווי בלעך, און געווען צוזאַמענגעהעקלט אויף רינגלאַך; און טיילמאָל, אַז ס'זיינען די אייניקלאַך אַראָפּגעקומען, ווי די קאָלירטע זומער־פייגעלאַך אים באַשיט און געזשומט — האָבן בלויז זיינע אויגן קלוג־אויפגעלויכטן, און געהאַט פאַר זיי אַ וואַ־רים־ליכטיקן בליק, אַ ווייכן, אַ זיידישן.

דער זיידע.

דעם זיידנס קינדער זיינען נישט קיין גלייכע געווען; צווישן זיך אליין שוין לכתחילה געווען פאַרשידן. און די אייניקלאַך, אָפּ־גערעדט, — זיינען איינס פון ס'אַנדערע אַזוי וויים געווען, אַזוי אָפּגעפרעמדט, דאָס כּאַנכע האָבן זיך אפילו נישט געקענט; און נאָר דער איינער זיידע, דאָס איינע שטיקל זיידע וואָס האָט זיי נאָך פאַרוואַנדט, בלוט פאַרוואַנדט...

אַ סך קינדער האָט דאָס ווייב דעם זיידן געהאַט און נאָכ־דעם ווי זיי זיינען פאַר זיך אין דער וועלט אַוועק — האָט זיך אַרויסגעוויזן, דאָס כאָטש זיי קומען אַלע גלייך פון איין בויך אַרויס, האָבן זיי נישט אַלע גלייך זיך זייער מזל אויף דער וועלט געבראַכט; ערשט דאָן, ווען דאָס לעבן האָט זיי צווישן די שרויפן אַריינגעכאַפּט, אַזוי האָט זיך אַרויסגעוויזן, דאָס איינעם איז גרינגער אָנגעקומען זיין וועלט, און דער אַנדערער, דער דריטער, דער פערטער, דער פינפטער, — האָט זיך שווערער גע־ראַנגלט ביז ער האָט זיין „שטעלונג" אין דער וועלט באַקומען.

און דאָס נאָכמער האָט זיך, ווי געוויינטלאַך, אָפּגערופן אויף די שפּעטערדיקע דורות, אויף די אייניקלאַך; ביי יענע קינדער פונם זיידן, וואָס האָבן גרינג זייער וועלטל געהאַט איינגענומען, גע־

ווען רייך, — זיינען די איינִיקלאַך אויך באַלד אין אַן אַנדערע וועלט געקומען ; האָט זיי די זיסקייט פונם לעבן אויסגעזויגן, און מיט אַ וואונדערבאַרן חן געשיקטליך אַרומגעשליפן ; און יענע איי־ניקלאַך, וואָס זייערע טאַטעס האָבן קוים דעם טאָג אַדורכגעשטופּט, און די נויט אין זייערע מוטערס מילך געשפּירט — האָבן נאָר דאַן געוואוסט, אַז זיי זיינען איין בלוט, ווען זיי פּלעגן זיך צונויפ־קומען אַהער צום זיידן ; דער שטילער זיידע איז געווען דער שטאַם, דער אַלטער גראָער בוים, און אַרום אים האָבן זיך דאָס אַלע אויסגעמישט, געוואָרן נאָענט, בלוט־נאָענט...

און האָט וועלכעס פון די רייכע קינדער, חשק געהאַט דעם אַלטן זיידן פון הייזל אַרויסצוקריגן, אים פאַרכאַפּן ווי אַן אַלטן אַנטיק, — פאַר זיך אַליין, האָבן די איבעריקע, די אָרימע, פאַר־שטייט זיך, באַלד אָפּגעהאַלטן : „אין הייזל ביזטו אונזער אַלע־מענס, און ערגעץ־אַנדערש־וואו קיינעמס נישט זיין“; זיי האָבן אים נישט געוואָלט זען אין ערגעץ, דעם זיידן, נאָר פאַר זיך באַ־זונדער, כדי ער זאָל נישט ווערן צופיל היימיש מיט די איינִיק־לאַך פון איין קינד, און אַ רייך קינד, פאַרשטייט זיך, — די איבעריקע זאָלן זיך דורכדעם דערווייטערן פון אים ; און דער זיידע אַליין איז געווען ווייט פון אַוועקגיין צו וועלכן פון די קינ־דער ; ער האָט דאָ, אין הייזל זיצנדיק, געצויגן ווי אַ פלאַם די קינדער מיט די איינִיקלאַך פון אַלע ווינקעלאַך ; סיי יענע וואָס האָבן זיך געפרייט מיט זייער לעבן, און סיי יענע וואָס האָבן ס׳לעבן פאַרשאָלטן...

האָט דער זיידע געפילט, ווי די קינדער און איינִיקלאַך ציען צו אים, און ער איז דאָ הינטערן פענסטער פון זיין הייזל געבליבן, אָפּזיצן די איבעריקע טעג, וואָס ער האָט נאָך צו לעבן...

און אין דער דאָזיקער שטילקייט, כמעט אויסערן לעבן און אונ־טער די בלויע הימלען, האָט זיך אַריינ־און־אַרויסגעגאָסן דאָס

טאָג־טעגלאַכע גנעזאנג פון זיין אָפּגעלעבטער וועלט ; אין דעם פאַרשלאָפענעם בלוט זיינעם האָט זיך נאָך טיילמאָל עפּעס גע־רודערט, און לאַנגזאַם געטריפט פון אַ קעמערל אין אַ קעמערל, פון איין לײדיק גראָבן אָדער אין אַ צווייטן, ביז אין אַ קליין דין פאַרוועבט זיידן אָדערל, וואָס האָט אויפגעמאַכט דאָס מײלכל און זיך אויפגעהויבן, געוואָרן פעט ווי אַ שוואַרצע פּיאַווקע, וואָס טרינקט זיך אָן מיט בלוט ; און אַמאָל צוזאַמענגעפאַלן, איינגע־שרומפן געוואָרן, ווען דאָס בלוט האָט שוין מער נישט געקענט אַרײנקומען...

און דער קערפּער, דעם זיידנס קערפּער, איז דאַן געוואָרן אַזוי שווער־וואַגיק, געלעגן אַראָפּגעלאָזט אַז שום ווילן אין דעם טיפן פאָטעל, אַזוי ווי אַ משא פון ליים, אַ טויטע משא אין אַ פאַרקלאַפּטן קאַסטן ; דעמאָלט, ווען דער זיידע האָט אַזוי אויס־געטאָגט זיינע טעג זיצנדיק אין טיפן פאָטעל, און געהאַלטן די אויגן פאַרמאַכט, איז שווער געווען באַלד צו כאַפּן — אויב ער שלאָפט אָדער ליגט אַזוי פאַרטיפט אין דער דאָזיקער הינער־פלעט פון דער הויכער עלטער זיינער.

געווען אָבער, אַז דאָס בלוט האָט זיך אַמאָל אָנגעוואַרימט אין אים, און אפילו גענומען שפּראָצן פון זיינע באַקן ; און דאָס, אַז די קינדער מיט די אייניקלאָך פלעגן זיך מאַכן אַ יום טוב מיט אים, אָנפילן די שטוב ביי אים, און ברייט אַרום דעם הייזל ; דאָס האָט אים ליכטיק געמאַכט זיינע אויגן, און זיי האָבן אַרויסגע־לויכטן פון אונטער די קאַליענענע ברעמען, און דער אָטעם האָט דאָס האַרץ שטאַרקער אויפגעהויבן... ברייטער צעוויגט...

אין שטוב און אַרום שטוב האָבן זיך געפּאַרעט די קינדער, און זיך דאָס געפרייט מיט זיין טיפע עלטער, וואָס דערהאַלט זיי אַלע ; עס האָט געזשומט ווי אין אַ בינשטאָק ; אַלע האָבן זיך צוזאַמענגענומען, אפשר צום טויזנטסטן מאָל פּילייבט, ביים

זיידן אין שטיבל, — זיך געקומען דערנענטערן; די פרויען מיט די יונגע פיצלאך אויף די הענט, אנדערע — מיט באגליקטע צארטע שנירן זיידענע, אייניקלאך, מיט אלעם וואס די משפחה האט זיך נאר געקענט פארברייטערן, און האט זיך טאקי פארברייטערט, — דא זיך פארגעשטעלט איינס ס'אנדערע, און אין דער גרויסער משפחה אריין, זיך באקענט און אין איר אנגעשלאסן...

ס'האבן גערוישט די קול'בלאך פונם קליינווארג, דאס זייד; ווער ס'האט דא איצט געפרואווט דאס אייגענע קול, זיך צע־שאלט פון גרויס חדוה, און אונטערגעריסן דערמיט די ווענט פונט אלטן הייזל, זיי געמאכט טרייסלען... אז אנדערער האט זיך גלאט פון גרויסקייט געלאזט הערן אין דער וועלט אריין... יעדער איינער אויף עפעס אנדערש, ווי געוויינטלאך צווישן אזוי פיל קינדער פון אזא גרויסער, און ברייטער, פילפארצווייגטער משפחה...

דאס מאל, וואס איז אפשר געווען דאס הונדערטסטע מאל, אז די ווענט פונם הייזל האבן זיך געהויבן אין דער לופטן, און אלע קינדער מיט זייערע אייניקלאך און אור־אייניקלאך, שנורן און איידעמס, — האבן זיך ווידער אמאל געפרואווט דערנענטערן נאך א לאנגער צייט, ארום דעם אלטן זיידן; און דער זיידע אליין, אזוי ווי עפעס אן אלטע איינגעבאלזאמירטע פיגור, איז אונ־באוועגלאך געזעסן אין טיפן פאטעל אראפגעלאזט; צו זיינע אויערן האט דערגרייכט דאס שטורמישע רוישן אזוי ווי פון א ברייט וואסער, וואס וואלט זיך אויף אים געטראגן, מעכטיק ברייט געטראגן...

און וואס שטארקער די קולות אינוועניק, וואס פריילאכער, אויפגערוימטער, — אלץ טיפער איז ער געזונקען, דער זיידע; מער זיך דערוויטערט פון אלעם, און זיך דערנענטערט צו א טי־פע שטילקייט; אנגעקומען אלץ מער אין א ליידיקער פוסט־קייט, וואו ס'הערט אויף עפעס צו זיין פון זיך אליין, און מ'ווערט

אויסגעמישט מיט אַלעם וואָס ס'שוועבט און באַוועגט זיך אין בלאָען עטער אונטער די הימלען...

ער האָט זיך דערוואַרטעט, דער זיידע, פון זיינע קינדער, אייניקלאך, אור־אייניקלאך, אור־אור־אייניקלאך, שנירן און איי־דעמס ; זיך אָפּגעשיידט פון זיי נאָכן אָפּזיצן אַ גאַנצן יובל און זיך וואַרימען, באַקן אויף דער זון, — בעת ס'האָט געראַשט איינ־ווייניק, און ס'האָבן געקלונגען די כוסות, זיך געגאָסן די ווײַנען ; און גראָד ווען דער טאָג האָט זיך שוין געהאַט אויסגענומען, ס'האָט אינוועניק זיך געהאַט אויסגעלייטערט דאָס געמיט ביי זיי אַלעמען, און די הערצער האָבן גענומען זינגען, צו שקיעה ; די גאַנצע משפחה ווי איינע, — גענומען זינגען שירה פאַרן אַלטן שטאַם, דעם וואונדערלאָכן זיידן, וואָס האַלט זיי אַזוי נאָענט :

— אונזער זיידע !...

— דער גרויסער זיידע !...

— און אַלמעכטיקער זיידע !...

האָט זיך דער אַלטער זיידע פּלוצלונג פון זיי אָפּגעטאָן, און זיי זיינען געבליבן אַליין — אַנגעגרייט אויף צעריסן און פאַרפרעמדט צו ווערן ; זיין צעברעקלט, און זיך שוין מער פּיליכט קיינמאָל נישט צוזאַמענצוקומען...

די עלטער...

דער רויטער אָפשיין פון די בלוט־רויטע הימלען, האָט אויפגע־ריסן די אויגן ביי דער בלינדער קיילען אין בעט, און זי האָט גע־וועקט אומרואיק דעם אלטן מאַן אירן :

— עזריאל, גיי אַראָפּ אַ קוק טאָן, ס׳ברענט !

און ביז דער אַלטער, שטייפער, עזריאל האָט זיך איבערגע־קערט אין בעט, האָט ער שוין געהערט רייסן די טיר, קלינגען די שייבן, און הייזעריקע שטימען זיך אַריינרייסן :

— גייט ארויס,

— גייט ארויס,

— ס׳ברענט !

און דער אלטער עזריאל מיט דער בלינדער קיילע האָבן כמעט נאַקעטע זיך ארויסגעכאַפּט אין דער גאַס ; צוטומלטע זיך ארומ־געקוקט, ווי די פלאַמען פון שכנות׳דיקן הויז לעקן דעם דאַך פון זייער מויער, און פון גרויס דערשראָקנקייט נישט געפילט די חרפּה פון זייער נאַקעטקייט...

אויפן גאַס זיינען זיי נאָכגיכער געוואָרן ארומגעכאַפּט פון זייערע קינדער, די אויסגעגעבענע, וועלכע זיינען געקומען צולויפן פייל אויסן בויגן, דערקענענדיק אָן די רויטע הימלען, אַז ס׳ברענט דאָ בלויז אין שכנות פון זייער טאַטע־מאַמע...

און די קינדער האָבן דאָס אַלטע פּאָר־פּאָלק, זייער ליבע טאַטע־מאַמע, שיעור נישט צעטראָגן פאַר גרויס פרייד ; נישט געשפּירט דעם גרויסן שאָדן פון דער אַלטער ירושה מויער, וואָס האָט נאָך הונ־דערט און צוואַנציק יאָר באַדאַרפט זיי אָנקומען, ווי דאָס גרויסע

געווינס פון די ליבע טאטע־מאמע, וועלכע גוטע מענטשן האבן באצייטנס באוויזן ארויסצוכאפן פון די פלאמען...

די אלטע טאטע־מאמע האבן נאך נישט באוויזן צו קומען צו זיך פון דעם פייער, און די קינדער האבן זיי שוין צעטראגן אויף שטיקלאך ; עטלאכע דערוואקסענע זין און טעכטער, אויסגעגעבע־נע, וואוילהאבנדיקע, — האט איטלאכער באזונדער פון זיי גע־וואלט האבן טאטע־מאמע ביי זיך...

און אויף דער הייסע מינוט איז מען מיט די אלטע טאטע־מא־מע קודם אוועק וואו מ'האט געקענט, צו וועלכן פון די קינדער ס'איז נאר געווען נענטער...

שפעטער האבן זיך די איבעריקע קינדער מתקנא געווען אין דעם זון, וואס האט פשוט דורך א צופאל זוכה געווען צו האבן די אלטע טאטע־מאמע ביי זיך, און זיך גענומען ארומקריגן צווישן זיך :

— מיר קומט טאטע־מאמע.

— טאטע מאמע דארפן גיין צו מיר !

די אלטע לייט האבן זייערע קינדער פיין אויסגעגעבן, און דאס וואס ס'איז זיי אזוי גוט געגאנגען נאך דער חתונה, — האבן זיי זיך איינגערעדט, — האבן זיי נאר צו פארדאנקען די אלטע טאטע־מאמע, וועלכע האבן זיי לכתחילה נישט ארעם פון דער שטוב ארויס־געלאזט...

יארן נאכדעם, ווי זיי זיינען געזעסן אליין אין דער מויער, די אלטע טאטע־מאמע, און פארשאפט דערמיט ווייטאק די וואויל־האבנדיקע קינדער, נישט וועלנדיק פארלאזן די אלטע איינגעזעסענע שטובן... און איצט, אז דאס פייער האט זיי געהאט ארויסגעטריבן, האבן די טעכטער אויף זיי גוט אנגעשריגן :

— נאָר דערפאַר ווייל איר זייט געווען אַזוי איינגעשפּאַרט האָט געמוזט ברענען !

— מ'האָט זיי נישט פריער געקענט אַרויסקריגן, — ביז דאָס פייער האָט זיי פאַרטריבן...

דער אַלטער קיילען איז אפשר נישט קיין גרויסער חלוק געווען, וואו זי איז ; ס'איז איר גאָר געווען היימלאַכער מיט דעם דראַבנעם קליינוואַרג צוזאַמען, נאָר דער אַלטער עזריאל האָט געצויגן צו זיין אַליין, צווישן די פיר איינענע ווענט, און זיך געבעטן ביים ווייב, די אַלטע קיילע זיינע :

— ווילסט, ס'זאָלן אויפהערן די מחלוקת, זאָל מען גיין פאַר זיך...

די קינדער האָבן טאַקע צווישן זיך פון תמיד גוט געלעבט, נאָר דאָס וואָס דער איינגסטער זון האָט גראַד צופעליק אויסגעכאַפּט די אַלטע טאַטע־מאַמע, — האָט אַנגעמאַכט צווישן זיי קנאה־שנאה.

דער עלטסטער זון האָט געהאַט אַ גערעכטע טענה :

— טאַטע מאַמע דאַרפן גיין צו אים, ער איז דער בכור...

די טעכטער, זיי זיינען דאָך אודאי נישט געווען אומגערעכט :

— ביי אַ זון וועלן טאַטע־מאַמע געווים זיין אין גלות ; ביי אַ זון זיין, הייסט : ביי אַ שנור... און אַ שנור איז אַ פרעמדע, אַמאָל נאָך ערגער פאַר אַ פרעמדע...

און דער אַלטער עזריאל, ער האָט אפילו אַן אַלע געקריגערייען, גלאַט אין ערגיץ נישט געוואָלט זיין ; זייענדיק ביי אַ קינד, ביי אַן אייגן קינד אפילו, האָט ער זיך באַקלאָגט :

— בעו ער אַליין נישט האָבן דאָס נחת, וואָס ביי זיך, ווען ס'אָל זיין אַליין פאַר זיך...

ביי זיך, אין אַן אייגענע שטוב, האָט ער זיך געקענט פאַרגי־נען אויפצושטיין פאַרטאָגס אָדער זייענדיק מיד — זיך צוצולייגן אין מיטן טאָג; און ביי אַ קינד, אַן אייגן קינד אפילו, — ס'איז געקומען פאַרטאָג, ער האָט שוין נישט מער געקענט שלאָפן, האָט ער מורא עפּעס געהאַט אַראָפּצוגיין פון בעט, געמוזט בלייבן ליגן ביז שפּעט אויפן טאָג אַרוים, און אויפשטיין ווען אַלע זיינע אויפגעשטאַנען...

און אַז ער וועט זיך פריער אויפהייבן, האָט ער געוואוסט, וועט וועט מען אים אויך נישט זאָגן גאָר, נאָר די משרתים וועלן געוויס מורמלען:

— וואָס גראַבלט ער זיך דאָ, טן, דער אַלטער, אַזוי פרי און וועקט אויף ס'גאַנצע הויז...

עזריאל האָט זיך געפילט כסדר געבונדן ביי איטלאַכן קינד באַ־זונדער, באַטש איטלאַכס קינד, ביי וועלכן ער איז נאָר אַפּגעווען אַ שטיקל צייט, — איז אים אַנטקעגן געקומען מיט אַלעם גוטן:

— טאַטע, ס'וועט דיר נישט פעלן פון כל טוב ביי מיר...

האָט אַלץ דער אַלטער עזריאל נישט געקענט אויסקומען אין ערגיץ, ביי קיין שום קינד, און געמוזט גיין צוריק, אין אַן אייגן ווינקעלע, מיט דער אַלטער קיילען; די אַלטע קיילע האָט זיך שוין אפילו נאָכער באַקלאָגט אויף דער שטילקייט, פון וועלכער זי איז אַביסל געוואָרן אַפּגעוואוינט, און ליב געהאַט דאָס רוישן פון דעם קליינוואַרג, אירע אייניקלאַך...

עזריאל, פאַרקערט, האָט אויפגעלעבט אין דער שטיל, צו־ריק באַקומען די שטייפע, געלאַסענע, האַרטנעקיגע פאַרטראַכט־קייט, זיך צוריק דערפילט דער אַלטער, אונאָפּהענגיקער בעל־הבית, פון פאַר יאָרן...

זיך געקענט אומגעשטערט גראַבלען אין מיטן נאַכט, רופן קיילען אין דער וועלט אַריין, זיך צולייגן דרימלען ווען ער האָט

נאָר געוואָלט, און נישט געשפּירט די אונזיכערקייט, יענע אויס־געשפּראָכענע אומצופרידנקייט, וואָס מיט די אייניקלאַך צוזאַמען...

אין דער שטילקייט איז ער געזעסן, עזריאל, פאַרגליווערט ווערנדיק אין די ליידיקע, אויסגעהוילטע טעג; דער אַלטער באַ־יאָרטער בעל־הבית, וואָס האָט אויסגעכאַוועט אַ גאַנצן דור, און זיך איצט נישט געלאָזט בייגן פון אים, — איז זיך אַזוי רואיק, געלאַסן פאַרגאַנגען, מיטן שטאַלצן געלאַסענעם שמייכעלע, אין זיין מיפּע עלטער...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

זיך זעצנדיק שבעה נאָך זייער ליבן אַלטן טאַטן, עזריאלן, האָבן זיך די קינדער געטוליעט איינער צום אַנדערן, און עפּעס אַזוי געהיימניספול, סודות'דיק גערעדט וועגן אים און די אייזערנע האַרטנעקיגקייט זיינע:

— ס'איז דעם אַלטן טאַטן נישט באַשערט געווען צו שטאַרבן אין גלות, ביי קינדער, נאָר אויסלעבן זיינע יאָרן פאַר זיך, בכבוד...

— ער וואָלט נאָך אפשר פריער געווען געשטאָרבן, האָט אים ס'פייער אַרויסגעטריבן און דערמיט פאַרלענגערט ס'לעבן...

דער שאָפער.

דער שאָפער איז זיכער געפאָרן; ער האָט געהאַלטן די האַנט אויפן רעדל, און זיין מאַשינדל איז ביי אים גלאַטיק געגאַנגען, זיך גע־גליטשט איבער די גלאַטע גאַסן, וואָס זיינען געווען דאָ שיטער, דאָ — געדיכט, און זיך אומעטום דורך זיי אדורכגעגליטשט ווי א פיש...

בעסער איז אים געווען צו פאָרן וואו די גאַס איז באַזעצט מיט מאַשינען; דענסטמאָל האָט ער זיך נישט געברויכט באַ־זונדער אנשטריינגען, געקענט זיין קאַלט, און האַלטן די האַנט אויפן רעדל בלויז פאַר יוצא־וועגן; דענסטמאָל האָט ער נישט געפירט די מאַשין, נאָר ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן ווי ער זיצט עפּעס אויף א רעדל, אָדער א שרייפל פון א גאַר גרויסער מאַשין, וואָס האָט הונדערטער רעדער, וועלכע דרייען זיך איבער דער גאַנ־צער לענג גאַס, פון עק־ביז־עק, — נישט אראָפּרוקנדיק זיך פון אָרט; און א שיעור־רעדער, וואָס דרייען זיך מיט א גלייכן טריב, נישט גיכער, פּאַמעליכער, נישט צונויפקומענדיק, און פאַנאַנדער־גייענדיק זיך.

און פאַרהאַלט זיך עפּעס וואָס דאָרט ערגיץ אויף א רגע, צוליב א האַנט, וואָס הייבט זיך פאַר א ווײַלע אויף און וואָרנט — הייבן־אָן אַלע רעדער לאַנגזאַמער זיך דרייען; לאַנגזאַמער, ביז זיי שטעלן זיך איינגאַנצן אָפּ, און בלייבן שטיין; און אַזוי ווי ס'דרייען האָט זיך אָפּגעשטעלט וואָס ער ווייסט נישט ווי אַזוי, — אַזוי נעמען, די רעדער מיט אַמאָל זיך ווידער דרייען, וואָס ער ווייסט נישט, און נאָך וואָס אַמאָל — גיכער, גיכער, ווייט־ווייטער, איי־

נער הינטערן אנדערן, אויף א גלייכן מהלך, אזוי ווי אפגעמאסטן, באוועגן זיי זיך, אן א סוף, און אן א אויסלאז...

ער זעט נישט די האנט אויפן ראג, וואס זאל אים אפשטעלן, אדער — לאזן גיין; ער שפירט איר בלויז, און דאס אויך, זייער לייכט; די איינע האנט איז דאך פאר אלע, קומט אוים א האר רעלע אויף אים, אויף זיין חלק, און דאס אויך — ווי א פעדערל גרינג, א בלויזער זשעסט; און קומט זי אים אן נענטער אויפן פנים, די האנט, איז זי אזוי צארט און דעליקאט, ממש זייד, בלויז איידלקייט...

שווער איז אים דער לײדיקער וועג; ווען פאר'ן אויג גלאנצט דער טונקל גרויער אספאלט־פאס, און די רעדער באשטיין נישט זיך אפילו צו גליטשן אזוי גלאט, נאר ווילן שווימען... אריבערשוויי־מען דעם לאנגן פאס, וואס וואלט גוט געווען, ווען ער וואלט נישט דערשפירט אויף יעדן ראג די גאנצע גרויס און גרעב פון דער אויפגע־הויבענער האנט, אונטער וועלכע די מאשין הייבט נישט איינמאל אן קרעכצן, איינהאלטנדיק זיך פאר איר, איינקארטשענדיק זיך — ביז זי ווערט אינגאנצן איינגעשרומפן, און בלייבט געהארכזאם שטיין...

אן אומרואיקע מאשין איז זי, זיינע; א ווילדקייט שטעקט אין איר, און ווערט פשוט פאר'שכור'ט פון די ליידיקע גאסן, ווי א קליין הינטל פון א צו גרוים שטיק פלייש; עס פישטשעט אזש פאר גדולה, לויפנדיק אין די ווייטקייטן; נאר א גליק, וואס ער איז שטארק, זיצט זיכער, האלט דאס רעדל אין דער האנט, און נעמט איר איין, די מאשין; האלט איר א סך מאל — מיט די לעצטע כחות, מוז זיך אונטערהייבן אזש, פארבייסן די ליפן, און בייז ווערן:

— דו, ווילדע חיה... דו וועסט זיין געלאסן?...

אזוי האט ער כסדר זיך אן צו יאגן מיט איר; זיין צו איר דא שטרענג, מילד, — אבער קיינמאל נים אראפנעמען די אויגן פון איר, ארויסלאזן די לייצן...

פאַר דער דאָזיקער האַנט וואָס אויפֿן ראָג, האָט זי נאָך אַ שטיקל געפּיל, און גיט זיך אונטער; אַמאָל בייז, אַמאָל — ווייליג, און אַלע מאָל כמעט בייגט זי, ווי עס זאָל נישט זיין, — אַראָפּ ס'קעפּל ווי אַ הינטל, ווען דער בעל־הבית טרעט דאַרויף אָן מיט אַ פּוס אויפֿן קאַרק; ס'מאַכט זיך אָבער אויך אַמאָל, אויף אַ וועג, וואו ס'שפּירט זיך נישט די האַנט, און מ'ברויכט אויך האָבן שכל איר איינצוהאַלטן; און דאָס, ווען אַ קליין קינד פֿאַרקריכט זיך, אָדער — אַן אַנדער מאַשין פֿאַרדרייט זיך, קומט אַן אומגעריכט פון אַ סקווער, און שטעלט אַרויס אַ נאָז... דאַ קומט אים שוין אַן מיטן טויט איר צו באַהערשן, מוז ער שוין צולייגן זיין האַנט, זיין אייגענע האַנט, און איר צודריקן שטייענדיק מיט די פּיס פֿאַרן קאַרק.

— שטיי...

ביז זי שטייט...

ער מיידט בכיוון אויס לײדיקע גאַסן; האָט מורא פֿאַר די שפּעטע נאַכט־שעה'ן, ווייל אין די שפּעטע נאַכט־שעה'ן, ווען די ביימער איבער די שטילע וועגן ביים ים אָטעמען ברוסטיק — קלאַפּט אים ס'האַרץ פֿאַר זיין קליין חיה'לע; די וועגן זיינען אָפּגעקערט, גלאַט, און עס האָט גראַד אַזוי ליב איבערצושרעקן די שטילקייט, איר אויפטרייסלען, און מאָדנע הנאה צו פּישטשען. ציטריק פּישטשען ווי אַ פייגעלע...

ער היט זיך דערנסטמאָל דערפאַר, אַזוי ווי דאָס מאַשינדל וואָלט גאָר קיין שום אחריות נישט געהאַט פֿאַר זיך; און אַזוי גיך ווי דאָס לויפֿט, — זוכט ער נאָכגיכער אַריבערצוקומען דעם וועג, און אים פּטר'ן: רק צו אַנטלויפֿן פון דער שטילער ליידיקייט... פון דער לײדיקער גאַס אַראָפּ...

און די מאַשין גייט ביי אים ממילא נאָכגיכער; מיט זיין אײלן זיך, גיט ער איר צו מוט, חוצפּה, אַז זי זאָל לויפֿן אַן שום אי־

בערלעגונג, אָן שום באַרעכנטקייט, און בלייבט שטיין, אומגע־ריכט שטיין — מיט אַ ביטערן קרעכץ, ווען אַ רויט־אייגל טוט פּלוצ־לינג אויף דעם אַ קוק ; איין קוק, און עס גיט דאָ בלויז אַ ציטער, אַ הייב־אויף זיך, און שטייט... דער׳הרג׳עט צום טויט... אָפּגע־האַקט דעם קאָפּ, און האָט קיין שום פאַרענטפערונג, קיין שום תירוץ..

ער איז שוין אַ סך מאָל געוואָרן אָפּגעשטעלט ; און אַ סך מאָל האָט מען אים דאָס אויף אַריינגעשריבן, פאַר חטאים ; זיי האָבן זיך געמערט און געמערט, אנגעוואַקסן אַ גאַנצער באַרג, — אָבער ער האָט איר נישט געקענט אויס שנצ׳ן, די מאַשין, זי זאָל ווערן אָביסל באַשיידענער און זיך אַזוי נישט בריקען...

קוקנדיק אויפן צעטל, קען זיין, האָט ער שוין אפשר גאָר נישט געטאָרט פאָרן ; אָדער ער האָט נאָך אפשר יאָ געמעגט, און דאָס אפשר איינמאָל : און דאָס איינע מאָל — זיך געוואָלט אָפּ־ראַטעווען, און פאָרן... פאָרן... ווי פאַרן ערשטן חטא זיינעם...

און געפאָרן...

געזעסן זיכער, געהאַלטן ס׳רעדל אין דער האַנט, און פאַר זיכערקייט, קוים גע׳פּועל׳ט ביי זיך, אויסצומיידן לוידיקע גאַסן ; נישט ווייזן דער מאַשין אַ לעקאַכל, אַ שטיקל פרייען וועג, — זי זאָל ווערן ווילד, צערייצט ... און שפּעט, אין די נאַכט־שעה׳ען, זיך איינגעגנצן אַראָפּגערוקט פון גאַס, — ער זאָל נישט אַזוי אָפּט געשטרויכלט ווערן מיט די פינסטערע לוידיקע זייטן־וועג ביים ים ; נאָר גראַד, און ווי אויף צו להכעיס האָט זיך אים געמאַכט צו פאָרן אויף יענע וועגן ; און דאָס מאַשינדל האָט כסדר גע־שלונגען מיילן־ווייטע שטיקער־וועג, געשלונגען און אויסגעשפּיגן...

האָט ער קרום געקוקט אויף די בעלנים, וואָס זיינען געקומען צופרידן שטעלן זיין מאַשינדל ; און אויף וועלכע ער האָט נאָר מיטלוידיק געשאָקלט מיטן קאָפּ :

— זיי ווילן דווקא ברעכן נ׳קארק, די לייט, ווייל זיי ווייסן נישט ס׳אַרא ווילדע מאַשין ביי מיר איז...

ער האָט זיך אָנגעשטרענגט איר בסדר צו האַלטן, די מאַשין; טייל מאָל איר טאַקי צוריקגעהאַלטן, און טייל מאָל אָבער אויך פאַר־לוירן יעדע שליטה איבער איר; און דענסטמאָל איז זי געלאָפן אַזוי ווי אָן אים, און עס פלעגט דויערן סעקונדן, מינוטן־גאַנצע, ביז ער פלעגט איר צוריק איבערנעמען, און האַלטן; אַז ער האָט איר שוין צוריק געהאַט, די מאַשין, איר באַהערשט, — פרייער אָפּגעצויגן דעם אָטעם, ליכטיקער געוואָרן אין קאָפּ, ליכטיק ביז גאָר און זיך דער־נאָך געפאָרן סאָליד, איינגעהאַלטן, מיט אַ געוויסן ריטם... אָפּגע־האַלטן די אויגן פאַר יעדן ברעקעלע, וואָס האָט זיך נאָר געקענט אַרונטערקייקלען אונטער דער מאַשין זיינער: דאָ — אַ קינד... אַ דערוואַקסענער, אַ הינטל אפילו... אַ קאַץ...

זיך זיין אָפּגעהיטן מיט יעדן טריט, מיט יעדן שפּאַן... און באַלד ווערן דערציטערט, ווען עפּעס אַ אינגל כאַפּט זיך אָן איז אַ מאַשין פאַר אים, אַ קליין לאַבוזל, — ס׳הענגט אויף אַלע פיר, און איז גרייט ביי יעדן טרייסל — אַרונטערצופאַלן גלייך פאַר זיינע רעדער...

ער זעט דאָ ס׳אומגליק מיט די אויגן, און נעמט ראשית גיין מער איינגעהאַלטן, נאָכער: צודריקן די מאַשין זיינע אויפן קאָפּ, זי זאָל זיך נישט אַזוי בריקן; און ער זאַמלט דערביי אויף אַלע כחות, ביז ער נעמט איר אַריין אין זיינע הענט, אַזוי ווי איינער וואָס לייגט זיך אַרויף מיט די בלויזע הענט אויף אַ צעווילדעוועטן הונט, און האַלט אים־צו ער זאָל אויף יענעמען נישט אָנפאַלן....

די מאַשין פאַרנט גיט זיך אַ טרייסל, דאָס יונגל — אַ הייב, און ער גיט שוין אַ שפרונג, זיך אַ שטעל אויף — אָפּשטעלן זיין מאַשין, נאָר דאָס יונגל בלייבט אָבער ווייטער הענגען, און ער זעצט זיך צוריק אַראָפּ; אַזוי איז ער אים איין שטיק צאַפּל, אַ שטיק אומרו, וואָס וואַרפט אים אין קדחות הייבטן אויף, זעצטן אַרונטער,—אַזוי ווייט, דאָס ער הערט אים צייטנווייז אינגאַנצן אויף צו זען, און

ס׳דוכט זיך אים: א שפין האט זיך הינטן צוזאמענגעדרייט ביי יענער מאשין, אדער עפעס א — קופקעלע, א פעקל איז צוגעבונדן דארטן, וואס הוידעט זיך אזוי אויף־און־אפ נאך אראפצופאלן...

און אט גיט זיך די מאשין פארנט א בייג־אוים אויף א זייט, א טרייסל, און שאקלט שוין אפ דאס יונגל פון זיך; טרייסלט אים אפ, און ער פאלט ארונטער, הארט אונטער די רעדער פון זיין מאשין, אבער זיין מאשינדל הייבט זיך אין דער רגע הויך אויף, גרילצנדיק, קוויטשענדיק ווי א חזיר׳ל, שטעלט זיך כמעט אין דער לופטן, און זעצט זיך אראפ צו דער ערד, הארט נעבן יונגן...

ס׳איז אים פינסטער אין די אויגן: ער זעט מיט פרייד דעם יונגן אוועקלויפן, אונטערהינקענדיק ווי א הינטל, וואס מ׳זאל האבן איבערגעבראכן א פיסל מיט א שטיין, און ס׳דריקט אים דאך א ווייטאק... שפירט א פייכטע ווארימקייט אויפן לייב... — — — — — — דאס האט א צווייטער הינטער אים ווידער נישט געקענט דערהאלטן זיין מאשין, ווען ער האט זיך ראפטום אפגעשטעלט — און זיך טיף ארייננעשניטן אין זיינער, אים ארנטלאך צוגעדריקט...

מיט דער כוואַליע

אַז דער טאָג האָט אים אויפגעמאַכט די אויגן, האָט ער זיך אָנגעטאָן, און נישט אַריינגעגאַנגען נעמען די זעג צו דער מלאכה, נאָר אוועקגעשטעלט בײַ דער טיר, און געשטאַנען.

— וועלוול, וואָס גייסטו נישט אַרײַן אַרבעטן ?... — האָט אים די מוטער חושב'דיק אָנגעקוקט.

און דער יונג איז געשטאַנען.

אויף זײַן האַרט פּנים איז געלעגן אַ פינסטערער וואָלקן. פּונקט ווי אויפן הימל אין דרויסן, וואָס האָט זיך נאָך נישט געהאַט אויסגעלייטערט ; זײַנע אויגן האָבן געקוקט צו דער ערד אַראָפּ . . .

— וועלוול, וואָס איז מיט דיר הײַנט דער מער ? . . .

און דער יונג האָט זיך נישט גערירט ; ביז ס'האָט זיך פון דרויסן דערטראָגן אַ געזימל פון מענטשן, האַרטע קולות, — האָט עס אים אָפּגעריסן פון דער לייסט, און ער האָט גענומען אַ האַמער אין האַנט, אים אַ הייב געטאָן אויפן אַקסל ; אָבער דאָ איז אים די מוטער פאַרלאָפן אין וועג, זיך צוגעקלעפּט צו אים, און מיט גרויס האַרצקלאַפּונג, אַזוי ווי אַ פינסטערע אימה וואָלט אַראָפּגעפאַלן אויף איר קאָפּ, — אים אַרומגעהאַלטן :

— וועלוול, דו גייסט נישט . . .

דעם יונגס אַקסלען האָבן אויפגעציטערט, איבער די פול־בלוטיקע אויגן האָבן זיך טונקעלע ברעמען אַראָפּגעלאָזט ; און בײַם אַראָפּלאָזן האָט מען געקענט זען זײַער ריכטיקע קאָליר ; ס'מויל זײַנס האָט זיך אויסגעקרימט, און נישט גערעדט ; דער טריט פון איין פוס איז שוין געווען געמאַכט, און איז דעריבער געווען

עטוואָס אָפּגערוקט פון צווייטן ; דער האַמער איז געזעסן האַרט אויפן אַקסל . . .

און די מוטער — נישט זי האָט אָפּגעטראָטן, נאָר עקשנות'־דיק אַריינגעקוקט אין זיין פּנים, פּונקט ווי זי וואָלט געשפּירט, אַז דעם יונגס לעבן קען דאָ ערגעץ פאַרלוירן ווערן מיט זיין גיין, און זיך דעריבער אָנגעלייגט אויף אים, געוואָרגן מיט די טרערן אין האַלז :

— וועלוול, כ'זאָג דיר : דו גייסט נישט . . .

פון דער אַנדערע זייט טיר, וואו עס האָט באַדאַרפט זיין נאָך אַ שטוב, — האָט זיך דאָ עפּעס אַ באַרוויסע מויד אָפּגעריסן ; פּונקט אַזוי ווי זי וואָלט דערשפּירט אין סוף־שלאָף דאָס ראַנג־לען זיך פון דער מוטער מיטן יונג, — אַ וואָרף־געטאָן איבער אַלע דריי־פיר בענקלאַך, וואָס זיינען געשטאַנען צעשטעלט אין דער ברייט פונם בעט, אַז זיי זאָלן צוהאַלטן ס'בעט־געוואַנט, וואָס זאָל איבער אַ נאַכט, ווען מ'ליגט אַזוי גע'פּגר'ט אין אַ זיסן כראָפּן, נישט אַראָפּפאַלן צו דער ערד ; מיט איר גאַנצן אימפּעט אַרויפ־געפאַלן אויפן יונג, און מיט דער אייגענער עקשנות פון דער מוטער, וואָס האָט געשפּירט ווי דער טויט שוועבט איבער אים, — זיך געבעטן :

— וועלוול, וואו גייסטו ?

און דער יונג, וואָס איז געווען אַזוי ווי געלעמט, האָט אַלץ נישט געהאַט קיין כח זיי בייצוקומען, — ביז ס'האָט זיך נישט אָפּגעריסן אין דרויסן, און אַ שטיק פייער איז אים איבערן קאָפּ אַריבער ; דאָס האָט אים אויפגעטרייסלט אין זייערע הענט, אַז ער האָט זיך אָפּגעשאָקלט פון זיי, גראָד ווי אַ וואָלף וואָס שאָקלט זיך אָפּ פון זאַמד, וואו ער ליגט און טאָרעט זיך אויס, — און מיט די ליפּן קוים אַרויסגעבערענגט, וואָס די אויגן האָבן נאָך אפילו פריער געזאָגט :

— גע'הרג'עט ווערן, גיי איך . . .

דער טאָג איז נאָך געווען פריש. דער הימל — נישט ריין, און אין די גאַסן איז שוין אָבער א קלאָרע ליכטיגקייט געווען אויפגעהעלט אויף די ווענט פון די הייזער, וועלכע האָבן נאָך געהאַט אויף זיך די ווייסע זילבערנע ראָפּע פון בייגאַכט . . .

דער יונג איז דאָ ארוים מיטן האמער אין דער האַנט, און נישט געשפּירט, ווי די מוטער זיינע שלאָגט זיך קאָפּ אין וואַנט, הינטער אים; נישט געהערט, ווי די נאַקעטע מויד מיט די ברוינע פיס, און געקענדזשערטן קאָפּ האָר, — האָט עפּעס נאָך געשריגן, און אין דעם אייגענעם הולך אים באַווייזן אָנצוכאַפּן אויפן הויף:

— גערענק, וועלוול, צו וואָס דיינע פיס וועלן דיך טראָגן . . .

און זיך צוריקגעכאַפּט, ווייל זי האָט זיך געזען נאַקעט אין מיטן העלן טאָג, און נאָר געקענט ארויסלאָזן אזא פירכטלאַכן גרילץ, ווי א געשלאָגענער הונט:

— גערענק, וועלוול, אָפּגעשניטענע יאָר וועסטו האָבן . . .

דער יונג, קען זיין, האָט שוין מער דאָס נישט געהערט, ווייל דער קלאַנג און דאָס מאַוים'דיקע געזאַנג האָט אים פאַרטויבט; צווישן שוואַרצע, פול־בלוטיקע און אָפּגעריסענע חברה־לייט, אַזעל־כע ווי ער, האָט עס אים געטראָגן; און מיט אַזעלכע אומגעלומ־פּערטע, רויע, חיה'שע קולות ווי זיי אַלע — געשריגן, זיך געריסן, דעם האַמער אַלץ העכער געהויבן, און אַליין נישט געוואוסט מער:

— וואו ס'האָט זיך אָנגעהויבן מיט אים, און אויסגעלאָזט מיט אַנדערע; וואו ס'זיינען אַנדערע, — ער זאָל נישט זיין מיט זיי?...

ס'האָט אים געטראָגן . . . די קולות געהויבן . . . אפילו ווען ער איז געשטאַנען, געשפּירט: ער שטייט, — האָט עס אים אַלץ נישט אויפגעהערט צו טראָגן און הייבן . . . אפילו ווען די גאַסן און די הייזער האָבן זיך מער נישט געמישט פאַר די אויגן, און דער קיילעכדיקער מאַרק מיט די הויכע מויערן האָט זיך מער נישט אומגעביטן, — האָט עס אים נאָך אַלץ געטראָגן

און געהויבן; ר'האט נישט מער געקענט איינשטיין אויף קיין ארט, און נישט מער געוואוסט, ווי מ'ברויך גיין; מיט דער גאנצער ברייט, פארנעם, און אימפעט... און ווען די כוואליע האט זיך דא ברייט געהאט אויסגעגאסן איבערן מארק, און אויף די געזעמסן פון די פאמניקעס, דענקמעלער, האבן הייזעריקע העלזער זיך געריסן:

— מ'ברויך דא בלייבן שטיין . . . ס'לוינט נישט איינצוריסן, פטר'ן די כחות . . .

האט ער נישט מיט אלעם פארשטאנען, דער יונג, וואס ס'הייסט: „נישט פטר'ן די כחות . . .“ און ס'האט זיך אים געדוכט: אז מ'האט זיך דא פארהאלטן נאר צוליב איינעם, וואס האט זיך פארשטאכן אין פוס, און קען נישט ארויפשלעפן מער דעם שוך, ווייל ער איז אנגעשוואלן געווארן ווי א קישן, און אנגעלאפן מיט בלוט . . .

און געהויבן דעם האמער:

— מ'ברויך גיין, שטארק גיין . . .

און אלע אנדערע מיט אים, וואס האבן אזוי קנאפ ווי ער געוואוסט: וואס ס'הייסט אויפן מארק בלייבן שטיין, — האבן די האמערס אויף די אקסלען געהויבן, און געמאכט מיט די פיס, זיך געשפארט:

— מ'ברויך גיין . . . וואס עפעס בלייבן שטעקן דא?

אקסל צו אקסל—צוגעשפארט, און זיך מאקי באלד אפגעדרוקט; פון דריקן זיך — זיינען די קולות געווארן העכער, טיפער, די געשרייען — מער הייזעריקער, חיה'שער, אבער די הייזער פאר דאס, האבן זיך שוין דא ווידער געביטן: קלענערע . . . . גרעסערע . . . . נענטער זיך צונויפגעקומען . . . . ברייטער זיך צעגאנגען . . . און אין זייערע קולות — האט זיך אויסגעדוכט: ווי דעכער זאלן קלינגען... ארונטערפאלן איבער די קעפ . . . מ'גייט . . .

די צעברענטע פנים'ער זיינען אנגערויט . . . די האר — צעפאלן אויפן שטערן, אזוי ווי די גרזשיוועס ביי צעהיצטע

פערד . . . די ערד, דוכט זיך, טרייסלט זיך . . . די הייזער ציטערן . . . פּאַכען . . . בייגן זיך . . . בוקן זיך . . . און עפּעס קוילערט זיך איבער זיי ... ס׳גרילצט אויף די שייבן ... יענער גרילץ, ווען די מויד האָט אים אַריינגעשריגן אין אויער:

— וועלוול, אָפּגעשניטענע יאָר וועסטו האָבן . . .

און ס׳טראָגט אים . . . די פיס פּאַרפּלאָנטערן זיך, טרעטן אָן אויף עפּעס ווייכס, ער פאַלט אַריבער, און שטעלט זיך צוריק גלייך; ביז זיי בייגן זיך אינגאַנצן איין, לייגן אים אַוועק, אַזוי ווי זיי וואָלטן זיך איינגעשפּאַרט, נישט געוואָלט מער טראָגן . . . ער שפּירט: ווי די אַנדערע, וואָס גייען נאָך דערווייל — פאַרטשעפּען זיך אין אים, פאַלן אַריבער, און בלייבן אויך שוין ליגן . . . און עס הייבט אים אונטער . . . ס׳טראָגט אים . . .

און קלערט:

—נישט אַנדערש: ער האָט זיך מסתמא אויך ווי יענער פריער, — פאַרשטאָכן אין פוס, און זיך נאָר פאַר אַ ווײַלע אַראָפּגע־בויגן אויסטאָן דעם שוך, וואָס קלעפּט אַזוי און איז שוין פול אָנ־געגאָסן מיט בלוט; אויסטאָן פאַר אַ ווײַלע, און ווייטער גיין . . . וואָרים, מ׳איז דאָך שוין פון מאַרק אַרויס . . . וואָס איז דאָ אַ סך צו קלערן? . . .

הינטער די ווענט, און אַזוי אייגן ווי זי האָט זיך אַרויסגע־וואָרפן פון בעט, איז געלאָפן די מויד, מיט אַ משוגענעם אויסזען, און געשלעפּט די מוטער אַ צעטראָגענע נאָך זיך:

— ס׳איז נישט ווייט שוין, מאַמע, וואו מ׳האָט געשאָסן . . .

און זיך דערשלעפּט צום אָרט, וואו די זון האָט מער אָרט געהאַט צו ברענען און בראָטן, — האָט זי צווישן אַנדערע באַלד געזען וועלוועלען ליגן, מיטן האַמער אויפן אַקסל, וועלכן די האַנט האָט נאָך אַרומגעהאַלטן: און ס׳פּנים זיינס איז נאָך געווען אַזוי פריש און מונטער, פּונקט ווי ער וואָלט ערשט פון בעט אַרויס,

און פֿאַר דער איינער ווײַלע נאָר־וואָס געהאַט אַרויסגעבּרענגט פֿון מויל, בשעת ער האָט זיך געריסן אין גאַס אַרײַן צו גיין.
— געהרג׳עט ווערן גיי איך . . .

מחבל

מחבל האָט געהאַלטן די ראַגאַטקע מיט די פערד און וועגן, אין זיינע הענט; געווען דער גרויסער גזלן, וואָס האָט אָנגעשראָקן די בעלי־עגלות, — זיי זאָלן אויסשטעלן די וועגן, אויס׳סדר׳ן אין א גלייכע שורה, און שטיין ביי די פורן אזוי ווי די זעלנער, נישט רייסן קיין פאַרשווינגען פאַר די פּאַלעס...

מחבל אליין האָט קיין וואָגן נישט געהאַט; אָבער ער האָט פון יעדן פאַרשוין גענומען ביים בעל־עגלה, פונקט ווי דער „טאָר־גאָווניק„ האָט גענומען פון פערד.

אויסגעבאָוועט אין שטאַל, אויף די האָלאָבלעס און קאַנען וואַסער, זיינען זיינע הענט געוואָרן אזוי ווי אויסגעצויגן, לענגער; האָט ער געהאַט א פּאָר דאַרע ברעטער, וואָס האָבן מיט איין קלאַפּ געקענט איבערברעכן א פּלייצע; א פאַריסן פּנים מיט לישייען, עטלאַכע לאַנגע שיטערע הערלאַך, — זיינען זיי ביי אים אריינגעפאַלן צווישן די אויגן, און נאָך בייזער אים געמאַכט אויסקוקן.

מחבל האָט אויך געהאַט א ווייב מיט קליינע ווערים, מיט וועלכע ער איז טאַקי דאָ געזעסן; זיין פענסטערל האָט ארויסגעקוקט אויף דער זעלביקער ראַגאַטקע, און ער האָט געמעגט זיין ווי פאַרשלאָפן, אָנגעטרונקען און באַזויפן, — האָט ער פונדעסטוועגן געהערט דאָס אָנקומען פון א וואָגן; און אפילו נישט געברויכט אוועקמאַכן דאָס פאָרהענגל, — ארויסצוקוקן, נאָר בלויז נאָכן אריינפאָרן אויף די שטיינער, אין קלאַפּן פון די רעדער מיט די פיס פון פערד, שוין געוואוסט:

— וועלכער בעל־עגלה ס׳איז אריינגעקומען...

די בעלי־עגלות האָבן פון אים געשמעקט דעם טויט; אָבער,

אַן אים זיך אויך נישט געקענט באַגיין ; האָט איינער געשפּיגן מיט דער גאַל, צוקוקנדיק ווי אַ צווייטער גענמט זיך אָן אַ פולע פור פאַרשווינען, און ער מוז שטיין און קוקן ; האָט אים יענער, וואָס האָט ווידער די פאַרשווינען אויפגענומען, — געבענטשט, און זיך געשעצט גליקלאַך, וואָס ר'האָט שטיין דעם מחבל ביי דער זייט כדי די איבעריקע בעלי־עגלות זאָלן נישט קענען אַנפאַלן אויף זיי, און זיי צו־צעטראָגן :

— ביי מיר איז דער וואָגן אויף ווייכע אַקסן, און ס'וואַרפט נישט די בעביכעס אַרויס...

— ביי אונז זיינען די קישנס פון געזעם געבעט מיט קאַנאַפּ־ליע, און געדעקט מיט געוואַנט...

מחבל האָט נישט געוואוסט קיין גליקן ; יענער בעל־עגלה וואָס איז פריער אַריינגעקומען אין שטאָט, — איז פריער אַרויס־געפאָרן; און אַז עס האָט וועלכער בעל־עגלה געפּרואווט אַ דריי טאָן מיט אַן אייגל, האָט ער שוין, מחבל, אויפגעהויבן די ברעמען זיינע, און זיי אויף יענעם אַראָפּגעלאָזט :

— הער נאָר, דו, אויב עס גלוסט זיך דיר צו לעבן אויף דער וועלט, זאָלסטו נאָר זען אַריינפאַלן צו מיר אין די הענט אַריין.

מחבל האָט געקענט קוקן דעם טייוול אין די אויגן ; צו זיין עובדא, האַלטן אַן אויג אויף די בעלי־עגלות, האָט ער נאָר געקענט אויס־קומען מיט זיין לייבן־גבורה ; ווייל בעלי־עגלות בכלל האָבן פיינט מורא צו האָבן פאַר שוואַכע הענט און זיינען אַליין אויך נישט קיין מפיל־קינדער ; ווייסן ווי אַזוי צו געבן אַ קלאַפּ, איבער־ברעכן אַ זשעברע, און נאָר מחבל האָט זיי געקענט האַלטן ביים צוימל...

און דערביי איז אויך נישט אַוועק דער טאָג, וואָס מחבל האָט זיך נישט געזאָלט באַנוצן מיט זיינע הענט צו זייער אָרנט־לאַכקייט ; וואָרים אַלע מאָל האָט זיך אַן אַנדערער אַפּגעריסן, אים געשפּרונגען ווי אַ צויג אין פּנים אַריין :

— איך וועל נישט ווארטן, ביז דער־יענער וועט זיך דאָרטן אויסגראבלען, זיך אָנקלייבן א פולע פור מיט פאַרשווינען; עס לוינט מיר היינט צו פאָרן מיט צוויי־דריי מענטשן ווייניקער...

האָט זיי מחבל גלייך געלייגט ווי די בערן:

— עס וועט אָנקומען צו דיר, וועסטו א ברירה האָבן צו פאָרן מיט איינעם, — וועט דיך א צווייטער דערפאַר בענטשן; און אויב דו באשטייסט נישט צו ווארטן, פאַר ארוים ליידיק אהיים, דו האָסט געהאַט א גוטן אהער־פאָר...

בעלי־עגלות האָבן זיך נישט איינמאָל געקאַטשעט פאַר געלעכטער, געלעגן אויף די בייכער, צוזעענדיק, ווי אזא צעהיצטער בעל־עגלה, וואָס האָט נישט געקענט אויסנעמען גאָר ביי אים, — האָט דערלאַנגט א פאַכע מיט דער בייטש, און ארויסגעפלויגן מיט זיין פערד און וואָגן ווי אן אונטערגשעמיסענער:

— זאָל ער דאָ ליגן אין דר'ערד מיט די פאַרשווינען זיינע אינאיינעם, דער מחבל...

די בעלי־עגלות האָבן אָבער פערדישע קעפּ, אָדער ווייל זיי זיינען וואוילע יונגען, אליין שלעגער, און זייערע הענט לייגן זיך ווי זייערע בייטשן אויף די פערד, — האָבן זיי דערפאַר נישט געדענקט, אָדער לכתחילה זיך נישט אראָפּגענומען קיין ראיה פון יענעם, בעשת יענער האָט בעקומען אָנגעבראָכן די ביינער, און אָלע טאָג האָט זיך שוין געפונען אן אנדערער, וואָס איז אים געשפּרונגען אין פּנים אריין, זיך געריסן פריער צו כאַפּן פאַרשווינען. ביז מחבל האָט ווידער יענעם געברויכט געבן צו פאַרזוכן דעם טעם פון זיינע הענט; און דאָס, נישט איין יונג איבער'ן טאָג, נאָר עטלאַכע — אמאָל, שילטנדיק זיי אין טאַטן אריין:

— פאַר'שרפה'ט זאָלן זיי נאָר ווערן, די גראָבע, פערדישע קעפּ; ערשט נעכטן אליין זיך געקאַטשעט פאַר געלעכטער, ווען יענער האָט זיך געריסן, און געשפּרונגען פון דער הויט און אזוי ווי ס'קומט צו זיך אליין, — האָט עס שוין פאַרגעסן...

אין א יריד־טאָג האָבן גאָר זיינע הענט נישט גערוט; איז

ער פון רעכטן באַגינען געשטאַנען, דער מחבל, און געאַרבעט מיט די הענט; זיי דאָ אַראָפּגעלאָזן אויף אַ פּלייצע, דאָרט וועמען איבערן קאָפּ:

— שטיי גלייך!

— דריי דיך אוים!

— פאַר אַרונטער!

— פאַר אַריבער!

און ביז שפּעט אין דער נאַכט רעגירט מיט די פערד און וועגן; געשלאָגן פויערים אַ מינוט צום טויט, ווייל זיי האָבן אים נישט געוואוסט צו האַרכן; אויסגעטיילט קלעפּ אין אַזאַ מאָג, סתם פאַר הנאה וועגן, זיך געפרייט מיט זיין גבורה, און נישט געזען קיין פּחד פאַר די אויגן, פון קיינעם נישט געוואָרן אַנגעשראָקן.

מורא האָט פונדעסטוועגן, מחבל; נישט חלילה, פאַר קיין לעבעדיקן בשר־ודם; מיט וואָס האָט אַ לעבעדיקער מענטש, ער האָט אפילו געמעגט זיין נאָך אַזאַ גבור — זיך געקענט פאַרמעסטן מיט אים?... נישט מער, אויב טאַקי אַ שטאַרקער, אַ גברן, — איז אים אַביסל שווערער אַנגעקומען יענעם בייצוקומען... אוועקצולייגן...

מורא האָט מחבל געהאַט פאַר אַזעלכן וואָס האָט אים דווקא נישט געקענט טאָן גאָר, אַ שטיינער: פאַר אַ טויטן. ער האָט געקענט פאַרצאַפּלט ווערן ביינאַכט, אַז אַ מויז האָט אים מיט אַ גראַטש פון שלאָף אויפגעוועקט, און ער זאָל זיך אַוועקזעצן שרייען אויפן בעט, ברענגען מיט זיינע צוויי שוואַרצע אויגן:

— וואָס גראַטשט אַזוי און ס'לאָזט מיך נישט שלאָפן?...

עס האָט אים געקענט ווערן אָפּגענומען הענט און פיס, און בלייבן אַ געליימטער, ווען ער איז אַמאָל אומגעריכט אַרויף אויף אַן אָפענע טיר פון אַ שטוב, וואו עס איז געלעגן צוגעדעקט אַ בר־מנן אויף דער ערד, און ליכט האָבן געברענט ביי אים צו־

קאַפּנס ...

ער האָט געמעגט זיין ווי אַנגעהיצט, דער מחבל, שטיין אין מיטן פון צווישן הונדערטער פורן, אַריינגעדרייט ; אַרויסקוקן פון צווישן די פערד־און־וועגן מיט זיין הויכעניש, ברייטע פּלייצעס, ביי וועלכן די הענט האָבן זיך אַזוי ווי עפּעס מיט אַ שוואונג געהויבן, — ביים אומגייען מיט זיי אַלע ; און זיי אַלע, די וועגן, ווי זיי זיינען זיך צעגאַנגען און צונויפגעקומען, זיך אָפּגעטיילט און אויסגעבונדן אינאיינעם; דער כשוף, דער שוואונג וואָס ביי אים אויפן פּנים, און אין אים איינגאַנצן — האָט זיי געהויבן, געטראָגן, די וועגן, מיט די פערד, און אָפּגענומען ס׳לשון ביי די פּויערים, זיי זאָלן זיך ברויכן לאָזן בלינד קירעווען, און זיך איבער׳צלם׳ען :

— פּאַטער׳ל, וואָס איז דאָס פאַר אַ באַשעפעניש, מ׳זאָל זיך אַזוי ברויכן לאָזן פון אים ?...

און בלייבן אַליין איז ער געבליבן, דער מחבל, אַ טויטער, אַז ער האָט אויפגעמאַכט די אויגן און געזען ווי ס׳קומט אַן אַ וואָגן מיט אַ מת; דאָ האָט זיך מיט איינמאָל אַזוי ווי אָפּגעטאָן די הייליגקייט, וואָס האָט ממש געלויכטן ביי אים אויפן פּנים, און ער האָט זיך גענומען וואַקלען ווי אַ דערשראָקן אינגעלע ; זיינען שוין די פערד דאָן נישט מער געגאַנגען אין די ריכטיקע וועגן, וואו זיי האָבן באַדאַרפט גיין, נאָר געקראָכן איינער אויפן אַנדערן, אַריין מיטן דישל אין אַנדערן, און די פּויערים אַליין האָבן זיך דערפילט אַזוי צעלאָזן, ווי זייערע פערדלאַך אָן דער בייטש, — און גע־שריגן, הויך געשריגן, געזידלט זיך, — געגעבן אין טאַטן אַריין, און וואו נאָר מ׳ברויך געבן...

אין אַזאַ טאָג, ווען ס׳מאַכט זיך אים אַ טויטער, טרעטן אים די בעלי־עגלות אויפן קאָפּ, און ער ווייסט : ס׳וועט שוין זיין אַ תל פון דער ראָגאַטקע, פון דער מעכטיקער און הייליקער ראָגאַטקע...

מחבל איז נישט אַליין : אַ חוצ׳ן ווייב מיט די קינדער — האָט ער אויך ברידער, שוועסטער, און אין אַ טאָג, ווען ס׳זיינען

נישטאָ קיין סך וועגן אויף דער ראַגאַטקע — גייט ער אַוועק צו וועלכן ס'איז פון זיי, זיך באַרימען מיט זיינע גבורות וואָס ער באַווייזט אויף דער ראַגאַטקע ; ווי די בעלי־עגלות האָבן ס'קרחת פאַר אים, און אפילו די פערד ציטערן אימת מלכות פאַר זיין געשריי, און ווייסן אַזוי וועג־אונ־וואו זיך אַוועקצושטעלן...

און אַז ס'קומט צום אַהיימגיין, ס'איז נאַכט, איז שוין מחבל נישט אויף דער נאַכט דער אייגענער וואָס בייטאָג ; כאַפּט זי אים נאָך ביי זיך אויף דער ראַגאַטקע, די נאַכט, איז ער נאָך ווי ס'איז, אַ שטיקל לייט, און קען אַנטרונען ווערן פון איר ; אָבער ערגעץ אַנדערש, און דערצו ביי די ברידער, וואו ער ברויך אַדורכ־גיין פאַרביי די שול, איז ער שוין גאָר אין דר'ערד ; דאָ בלייבט ער שטיין, שטייט — און שעמט זיך גאָר נישט צו זאָגן, אַזאַ גרויסער דאַרוואַל, אַז ער וואַרט ביז ס'וועט עמיץ אָנקומען, און האָבן מיט וועמען אַדורכצוגיין : און אויב ס'קומט נישט אָן קיין גרויסער מענטש, איז אויך גוט אַ חדר־אינגל, וואָס ער שטעלט מכלומרשט אָפּ מיט אַן אויסרייד :

— קום נאָר אַהער, קליין יאַטל, אַזוי פרי נאָך איז וואָס דו גייסט ערשט איצט פון חדר ?

און דאָס דאָזיקע אינגל איז זיין מלאך הגואל, וואָס פירט אים אַריבער פון דער אַנדערע זייט שול, ער זאָל נישט בלייבן שטיין פון יענער זייט כאָטש אַ גאַנצע נאַכט, ביז ס'וועט טאָג ווערן..

אַריינקומענדיק אין שטוב פלאַמט ערשט ביי אים אויף דער כעס, צוליב זיין אייגענער שוואַכקייט, און נעמט זיך זוכן צום ווייב ; אָבער ס'ווייב, וואָס ווייסט גוט וואו דער הונט ליגט באַ־גראָבן, — שרעקט אים אָפּ :

— דו זוכסט דיר שוין באַצייטנס צו מיר ?... און מיין מאַ־מע, מיינסטו, וועט דיר דאָס אַזוי שווייגן ?..

קוקט ער איר אָן צוטומלט, מחבל :

— דיין מאַמע ? וואָס קען מיר דיין מאַמע טאָן ? זי ליגט דאָך שוין מער פון צוואַנציק יאָר אין דר'ערד...

— אַ טויטע מאַמע קען מער טאָן פאַר אַ לעבעדיקע, — סטראַשעט זי אים.

— אַזוי ?... — גיט ער אַ טראַכט — איז דיין גליק, וואָס דו האָסט אַ טויטע מאַמע ; אַ לעבעדיקע, וואָלט איך איר דאָס קעפּל צוזאַמען מיט דיינעם, — אינאיינעם אַראָפּגעדרייט...

ס׳מאַכט זיך אַמאָל, ער קומט אַריין אַ צעהיצטער, נאָך אַ ביטער געשלעג ביי זיך אויף דער ראַגאַטקע, וואו ער האָט עטלאַכע יונגען אָוועקגעלייגט, און זעצט זיך אַוועק צום טיש, עסן ; לייגט אַריין דעם קאָפּ אין טעלער, זופּט, און אַרום איז שטיל, קיין פליג זשומט צומאָלט נישט אַרום׳ן גלעזל פון לעמפּל, נאָר פון יעדן בליק וואָס ער גיט, דוכט זיך, ווי דער באַלקן גיט זיך דאָ ערגעץ־וואו אַ שאָקל...

ס׳ווייב זיצט פאַררוקט פון מורא אין אַ ווינקעלע, הינטערן אויוון, מ׳זעט : די הייליקע גבורה רוט אויף אים, שווערט אים אַראָפּ איבערן בענקל, וואָס קען נישט דערטראָגן די משא ; און פּלוצלינג, — ס׳מאַכט זיך אַוועק די טיר פון זיך זעלבסט, שפּאַרט זיך אַוועק אויף אַ האַרעלע, גיט אַ שטילן סקריפּ, און ער, וואָס האָט זיך אינגאַנצן געהאַט אַריינגעטאָן אין טעלער, געלעגן אין אים איבערן קאָפּ — הייבט זיך אַרויס, און די אויגן נעמען גליען :

— ווער האָט אויפגעמאַכט די טיר ?... גיי נאָר צו זען, אויב ס׳שטייט נישט עמיץ אין דרויסן ?...

גייט ס׳ווייב זען, און זעט נישט קיינעם ; פאַרכאַפּט אים איבער אַ רגע אַ פּחד, אַ מורא׳דיקער פּחד, און ער שטעלט אַוועק דאָס עסן, לייגט זיך גיך אַריין אין בעט און ציט אַריבער די קאָלדרע איבערן קאָפּ, און טראַכט :

— ווער ווייסט, אויב נישט איר טויטע מאַמע, דעם ווייב׳ס, די כּאַליערע זאָל איר אַרויסרוימען פון זיין שטוב...

ער איז געווען א הויכער, שטארקער מאן, פעסט געבויט, א גבור; זיין ארבייט איז געווען ווי עס האט זיך געפאסט פאר אזא שטייגער מאן, — ער זאל בויען, עפעס ממשות'דיקס אויפבויען, וואס זאל האבן א קיום: א שטיק מויער, א וואנט... א הויז... און נישט זיצן צוזאמענגעקרעמפט אין דרייען, זיך ברעכן דעם קארק איבער א מאשין...

ס'איז זיך שווער געווען פארצושטעלן דעם מאן ביי א מאשין; ער זאל זיך ברויכן ברעכן דעם גוף, האלטן צונויפגעדרייט די פיס, די הענט, — און ער איז טאקע באלד אוועק צו אזא מלאכה, וואס האט זיך פאר אים געפאסט: בויען הייזער... בויען ווענט... און דערביי איז זיין קערפער געוואקסן, פון ליינען די ציגל, באלקנס, מויערן, איז זיין קערפער נאך אמאל אזוי שיין געווארן; פון שטענדיקן באוועגן זיך, איז דאס בלוט אין אים נישט געבליבן שטיין אויף איין ארט, נאר געלאפן, פון קאפ אין די פיס, פון די פיס אין די הענט, און אזוי איז ער אלע מאל געווען פריש, לעבעדיק און מונטער.

דאס איז אזוי געווען מיט אים זומער, — איז ער געשטאנען און געמויערט; די וועלט איז אן אפענע, א פרייע, שיינע בלאע הימלען, קלארע טעג, און ווען אפילו רעגנדיקע — מאכט אויך נישט שטארק אויס, מויערט מען אויך; וואקסן אלץ הייזער, קריכן פון אונטער די הענט אפיר.

און עס גייט א גאנג...

ווינטער איז א צרה ; ווינטער איז די וועלט איינגעשלאָפן ; די ערד — אונטער שנייען באהאלטן, און מען ווייסט גאָר באלד נישט ווי צו צוקומען צו איר, און קומט מען שוין יאָ צו — איז זי הארט, א שטיין; איינגעפרוירן, לאָזט זיך נישט רירן, און היינט גיי בוי, בוי א וועלט, אז די וועלט איז לא עליכם׳דיק, נישט דא געדאַכט, מיט אלעמען ; און מ׳ברויכט איר כסדר זוכן אָנ־צעווארימען... דערהאלטן דאָס שטיקעלע חיות..

איז ער ווינטער געבליבן אָן חיות ; צוגענומען די הייזער, דאָס רירעוודיקייט וואָס ביים בויען די הייזער, — האָט עס אזוי פיל אויסגעמאַכט פאר זיין קערפער, ווי פאר א בוים ווען מען נעמט פון אים צו די ערד...

און ער האָט פשוט נישט געהאַט פון וואָס צו לעבן, זיין קער־פער האָט גענומען דארן... איינגיין...

שטייט דער הויכער שטארקער מאַן, שפּארט אונטער דעם הימל מיט זיין קאָפּ, און וועלקט ; זיינע הענט הענגען אים אראָפּ און ווארטן... די פיס רירן זיך נישט...

זאָגט מען אים :

— גיי ארבעטן אין די הייזער...

קוקט ער ווי א נאַר, און פרעגט :

— וואָס איז דאָ אין די הייזער צו טאָן ?...

לאַכט מען פון אים :

— וואָס מיינסטו, ס׳איז אין די הייזער נישטאָ גאָר וואָס צו טאָן ? די אייגענע הייזער וואָס דו בויעסט זומער־צייט, מיינסטו, בלייבן אזוי אייביק ווי זיי גייען ביי דיר ארויס פון אונטער דער האַנט ?... עס לעבן דאָרט מענטשן, און וועלכער פון זיי, עס בייגט אוים א טיר, וועלכער עס שטופּט ארויס א וואַנט... אזעלכע זיינען פאַראַן גאָר גענוג, וואָס צעבייגן, צעשפּאַרן און מאַכן א תל פון דיין מלאכה... גיי, פאַרריכט דאָס... און קוק נישט בלויז ארוים אויף זומער...

פארקלערט ער זיך א ווײַלע, דער מאַן, און קומט נאָך א קלײנעם ישוב־הדעת צום שכל:

— אַז זיי זיינען געדעכט, די לייט...

און גייט אוועק ארבעטן אין די הייזער; קומט אריין אין אַן אָרט — א טיר גייט נישט־צו ריכטיק, נעמט ער זיך צו איר, פאַריכטן...

און, א מעשה פלא: אין שטוב, צווישן מענטשן, אין דער ווארימקייט, און עס איז פאַרט נישט די אייגענע מלאכה וואָס זי־מער אויף דער פרייער אָפענער וועלט, וואו ער ארבעט נישט בלויז ביי איר, נאָר לעבט זיך אוים, וואַקסט זיך אוים..

אין שטוב איז ער צוגעלייגט ביי איר.

שטייענדיק אזוי, באַמערקט ער פּלוצלינג די פרוי פונם הויז, ווי זי טרעט נישט אָפּ, נעמט פון אים קיין אויג נישט אראָפּ, ווערט אים עפּעס אזוי אומהיימלאַך: וואָס האָט זי צו שטיין און קוקן אים אין די הענט אריין?... ער טוט פונדעסטוועגן זיין ארבעט.. פרעסט די טיר... וועלכע ווי ס'דוכט זיך אים, לאָזט זיך נישט, רק צו־ליב איר קוקן — אויסבייגן, אזוי נעמט ער צולייגן כח, איר קנייטשן, און ווען זי איז נאָך אַלץ איינגעשפּאַרט, און לאָזט זיך נישט אויסקנעטן ווי א שטיקל טייג אין זיינע הענט, נעמט ער אָנ־שרייען אויף דער פרוי, שרייען צוליב זיין הילפלאָזיקייט:

— איר היט מיך, כ'זאָל אייך עפּעס נישט צונעמען פון שטוב?...

ווערט די פרוי רויט און טויט, און פארשווינדט; און ביים אוועקגיין קומט זי צו אים מיט א פארפלאָמט פּנים, און רעט פאַר פייער און וואַסער, פון דער וועג:

— שוין?... אויסגעגלייכט די טיר? און וואו גייט איר דאָס איצט אוועק?...

זאָגט ער אַן שום חכמות:

— כ'האָב נישט מער וואָס צו טאָן, גיי איך אוועק...

ווערט ביי איר נאָכמער פאַרפּלאָמט דאָס פּנים, און כאַפּט אים תיכּף אָן ביי דער האַנט, נעמט אים צוריק אַריין אין שטוב:

— כ'וועל אייך נישט אַוועקלאָזן אַזוי גיך, אַזאַ ריז, אַזאַ לייב פון אַ מאַן, וואָס איר זייט...

טראַכט ער ביי זיך:

— ווי קומט עס צו אים ?... זיינען זיי טאַקע אַזוי דער־שלאָגן דאָרט אין די הייזער, אַזוי ווייט און צעריסן צווישן זיך, אָדער אַזוי עלנט, אַז ער קען פאַר זיי זיין אַ טרייסט ?... אָדער דאָס וואָס ער איז אַזאַ הויכער, ברייט־פּלייציקער, געזונטער מאַן, גילט ?...

און וואו ער קומט נאָכער אין אַ שטוב, אויסגלייכן טירן, פענסטער, און ער זעט אַז די פרוי ווערט, קוקנדיק אויף אים — עפּעס אויסער זיך, נישט אַהין־און־נישט אַהער, קוקט אים צו לאַנג אין די הענט אַריין, אָדער — כאַפּט זיך עפּעס צו טאָן פאַר אים אין די אויגן, — אַזוי ווערט ער זיכער מיט זיך, און גייט שוין אַזוי גיך פון הויז נישט אַוועק: אָדער ער קומט שפּע־טער, מאָרגן, איבערמאָרגן נאָכאַמאָל נאָכקוקן זיין אַרבעט, מיט אַ תּירוץ, אַן אויסרייד:

— אויב ס'איז עפּעס נישט קאַליע געוואָרן, און ס'איז אַלץ ווי ס'באַדאַרף צו זיין...

און ער ליגט אַזוי אַ גאַנצן ווינטער אין די הייזער... פאַר־ריכט טירן, פענסטער און אויב די אַרבעט גיט אים נישט וואָס דער זומער — זאָגט ער — גיבן דאָס די מענטשן...

זומער גייט ער צוריק אַרויס צו דער אָפענער וועלט: בויט הייזער, שטעלט אויף ווענט, וואָס דערפון וואַקסט זיין קער־פּער אין דער לייַנג און אין דער ברייט... ווערט נאָך אַמאָל אַזוי שיין...

און קוקט פונדעסטוועגן אויס, ס'זאָל קומען ווינטער.

— ווינטער, — זאָגט ער — גייט ער פאַריכטן אין די הייזער, וואָס די מענטשן מאַכן קאַליע און פאַרדאַרבן... און דאָרטן איז אַן אַנדער וועלט... אַן אַנדער גייסט... וועלכער דערהאַלט אים ווידער ביז זומער...

נאַכן בײַט.

דער מאַן האָט געהאַט אַ פינסטער לעבן ביי זיין ווייב ; זינט ער איז מיט איר געקומען קיין אַמעריקע, האָט זי זיך נאָר געהאַלטן אין איין ארומרייסן מיט אים :

— פאַרוואָס ער גייט נישט ארבעטן ?

און ער איז געבליבן טויב און שטום ווי די וואַנט צו איר.

— די מלאכה דיינע ברענט דאָ אין טאָג אריין !

ער האָט זיך נישט גערירט פון שטוב ; וואָס מער זי האָט אים געברענט, מער האָט ער זיך איינגעדרייט, צונויפגענומען :

— כ'וויל עס נישט קענען...

און אַז זי האָט שוין געהאַט גוט אָנגעשריגן אויף אים, אַזוי, אַז ס'האָט שוין געקענט רירן אַ טויטן, — האָט ער זיך אויפגעהויבן, און מיט אַ פינסטער פנים זיך ארויסגעשאַרט :

— אַז כ'וועל גיין אין דר'ערד אריין, וועל איך דאָס קיינעם נישט האָבן מער צו פאַרדאַנקען ווי איר...

זי האָט געוויינט אויף אַמעריקע :

— אַמעריקע האָט אים איבערגעפירט ; אין דער היים, אַ שטיקל ארבעט, איז דאָס ביי אים פאַרברענט געוואָרן אונטער די הענט ; און דאָ, וואו ס'איז זיך געווען צו ריכטן — ער וועט איינלייגן אַ וועלט, זיינען אים די הענט מיט אַמאָל ווי אָפּגענומען געוואָרן...

דער מאַן האָט געהאַט אַ גאָלדענע מלאכה אין דער האַנט ; אין דער היים געקענט שטיין שמירן און וועגט טעג נאָכאַנאַנד, און נישט שפירן גאָר, אַז די ביינער זאָלן אים ברעכן ; פאַרקערט : ער האָט דעם כח זיינעם נישט איינגאַנצן דאָרט געקענט

אויסניצן, אין דעם קליינעם שטעטל, פון וואנען ער איז גע־קומען ; ער האט גאר ווייניק געהאט צו טאן דארטן ; געלעגן אויפן מקום אויסגעשפרייט הינטער א פלויט, און זיך געבאקן אויף דער זון, אדער זיך ארומגעדרייט ווי א בער, אויף די ליי־דיקע געסלאך ; זעלטנ־ווען ס'האט זיך אים געמאכט א שטיבל אויסצומאלן, פיר ווענטלאך — איז אין איין וואנט געווען א פענסטער, אין דער אנדערע — א טיר, אזוי, דאס ער האט נישט מער באדארפט געבן ווי צוויי־דריי שמיר, און נאכאמאל א צעפיר מיט די הענט, איז ער שוין געשטאנען, אויסגעגלאצט די אויגן, ארויסגעשטעקט די צונג :

— דאס הייסט : וועגט ?...

און אויסגעזען ווי א לייב, וועלכן מ'האט צוגעווארפן א ברעקל פלייש, וואס ער האט פארשלונגען אויף איין צאן, און שטייט באלד דערנאך, א צערייצטער און מיט אן אפן מויל :

— וואס האט איר מיר דא געגעבן, א לעק אויף א שפענדל ?...

מיט דעם הונגער נאך ווענט, און כח און קראפט אין די ביינער, איז ער געקומען אהער ; דא וועט ער זיך אפזוכן זיינע ווענט ; וועלן זיך זיינע הענט ערשט צענעמען, ווערן אויפגעבונדן, די בארשט זיך אנהייבן באוועגן פון דער ערד ביז צום באלקן, פון באלקן צו דער ערד, באוועגן... און זיך דערביי אפנעמען די עולה פון די יונגע יארן זיינע, וואס ער האט אפגעפינסטערט ביי די איינגעביקטע הייזלאך, אין קליינעם שטעטל...

ס'ווייב איז לכתחילה געווען אין זיבעטן הימל מיט אים, און נאך אויפן שיף, אונטערוועגס, וואו זי האט זיך גע'חבר'ט מיט אנדערע ווייבער, וואס האבן אזוי גוט ווי זי געפירט זייערע מענער אין דער גאלדענע מדינה, — אים גאר נישט געקענט אפרימען :

— זי ווייסט גאר אליין נישט, וואס זי וועט אויסנעמען מיט אים, דארטן...

בשעת די אַנדערע ווייבער האָבן זיך אויפגעגעסן פאַר קריינ־קונג :

— די האָט אַ מאַן, איז ער אַ פּוילער...

— יענע — סתם אַ ליידיקגייער...

און שטאַרק מורא געהאַט, אַז דאָס אַמעריקע זאָל זיי נישט צום איבריקן באַגראָבן, איז זי גאָר געווען אויסגענומען, און איר פּנים האָט געלויכטן קוקנדיק אויף איר טייערן מאַן, זיך גרויס געהאַלטן מיט אים ווי מיט אַ בריליאַנט, טויזנט קעפּ העכער פאַר די אַלע אַנדערע מענערס ווייבער :

— איר מאַן ?... פּ־ש־ש... ס׳גרעסטע גליק האָט איר געטראָפן מיט אים...

און אַזוי גיך ווי ער האָט נאָר אַ פוס דאָ אַראָפּגעשטעלט אויף דער ערד, אַ קוקגעטאָן אויף די הייזער, זיינע הייזער, — וואו ער וועט ברויכן שטיין צו שמירן ווענט, איז ער געבליבן אַ פאַרציטערטער, און ס׳האָט אים פאַרקוועטשט ביי די לעבער.

— ווי ? אַזוי הויך באַדאַרף מען צו זיי קריכן ?...

און שוין געבליבן זיצן אין שטוב, זיך נישט באַלד געוואָלט אַרויסרירן מער ; דאָס ווייב האָט זיך מיט אים גענומען אַרומקריגן, — אַזוי ווי זי וואָלט גאָר פון דאָך אַראָפּגעפאַלן, און אַלע טאָג אים גענומען מאַכן שוואַרץ־שבת :

— כ׳וועל די טיר מיט דיר אויסברעכן...

— אַלע שטיינער פון גאַס אין דיין קאָפּ אַריין וואַרפן...

אים האָט דאָס געאַרט ווי דער פאַר־יאָריקער שניי ; און זיך נאָך שטייף אַקעגנגעשטעלט :

— ווי ?... דאָרט אין דער הייך, ווילסטו, זאָל איך קריכן ?...

און זיך פריער נישט אַרויסגערירט ביז זי האָט זיך אים שוין גוט געהאַט איינגעגעסן אין די ביינער :

— אים בישוף געטאָן, אַמעריקע...

אין דרויסן ער איז אַרויס, איז ער געגאַנגען צו דער מלאכה, מיט

אזא חשק, ווי איינער וואָס גייט צו דער תליה: געשטאַנען ביי דער אַרבעט אָן אַ קאָפּ, און מורא געהאַט אַראָפּצוקוקן אונטן, אויף דער גאַס, פון וואַנעט ס'האָט זיך אים אויסגעזען צו זיין אַזוי הויך, אַזוי ווייט, און די גאַס — אַזוי שמאָל, ווי אַ שנירעלע; די מענטשן — נישט קיין מענטשן, נאָר מענטשלאַך, פּיצעלאַך, וועלכע גייען נישט, נאָר היפּן אונטער, שפּרינגען ווי די פליגן...

— כע־כע... ווען ער פליט אַזוי אַרונטער פון אויבן, ווי זיי וואָלטן אים דאָס באַזעצט, די פליגן...

אין אַזאַ רגע האָט ער גאָר מורא זיך אומצוקוקן; אַרבעט ער שטיל, פאַרביסן, מיט גרויס רוגזה, און וואָס מער מ'וואָלט אים גערן אָוועקגערופן ווי ס'געשיקט זיך, ביי אַן אַרבעט:

— הער־נאָר, דו, מ'ברויך גיין שמירן צו די בעק...

— זע־נאָר דאָרטן, די ווענט ווייגען ביי דיר אַראָפּ ?...

האָט ער געאַרבעט מיט מער פליים, געאַרבעט ווי אַ לייב. און מיט אַזאַ אינווייניגסטע, טונקעלע גבורה צעפּירט די הענט. געשמירט די ווענט...

ס'איז אים אויסגעקומען צו צערטלען מיטן פּינזל דעם קאַרניז אונטערן „רוף“, האָט ער ממש געשפּילט מיטן לעבן; דאָ איז שוין געווען זיין טויט; זיינען אים געפלויגן פייערדיקע רעדער פאַר די אויגן; און די גאַנצע טעמפּע מורא זיינע האָט זיך גענומען שפּאַרן ווי ביי אַ בופעל־אָקס, וואָס מען רייצט אים אָן מיט רויטע טיכער. און ער איז גרייט צו הרג'ענען מענטשן...

נישט זיכער מיטן לעבן האָט יענער געקענט זיין, וואָס זאָל אים קומען אונטער די אויגן און וועלן זאָגן אַ חסרון:

— הער נאָר דו, דער „דזשאָב“ איז נישט גוט געמאַכט; ער טויג אויף אַ כפּרה...

ס'בלוט האָט אין אים שטיל געקאָכט, און אַזוי ווי ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, — אַז מ'גייט אויף זיין לעבן, איז ער תמיד

גרייט געווען יענעם פריער דעם קאָפּ צו צושפּאַלטן, אוועקלייגן מיט איין קלאַפּ אויפן אָרט ; סתם אַזוי דער׳הרג׳ענען פאַר הוילער רציחה, פאַר דער אייגענער שוואַכקייט און בלינדער אַנמעכטיקייט קעגן די הויכע הייזער, וועלכע וואַקסן אַזוי פיל און גערדיכט אַרום, און גיין אויף זיינע יונגע יאָרן...

צום ווייב האָט ער אייגנטלאַך גאָרנישט געהאַט ; און אַז ס׳האָט זיך אים וואָס געמאַכט אַזאַ הענגל־ברעט, אונטערן „רוף״ — דאָ האָט זי שוין געמענגט די גאַל אויס זיך אַרויסריידן ; איינ־געהאַלטן, און מיט אַ וואונדערלאַך סבלנות געקענט פאַרנעמען אירע גוואַלטן, און זיך אַפילו נישט אָפּשרעקן פאַר די שכנים, וואָס זיי־נען זיך צונויפגעקומען נאָכגיכער ווי זי האָט אים גענומען פאַר׳־מסר׳ן אויפן הויכן קול :

— דער מאַן מיינער, ער וויל דאָך מיך פאַרהונגערן מיט דריי קליינע פּיצלאַך קינדער...

— דער מאַן מיינער, ער איז משוגע געוואָרן...

און איינגעשטילט איר נישט מיט קיין געשרייען, נאָר מיט די אויגן, וואָס ער האָט אין אַזאַ רגע אויפגעהויבן צו איר, די פינ־סטערע אויגן זיינע, אין וועלכע ס׳האָט זיך געזען די מורא, נישט אַראָפּצופאַלן פון דער אימה׳דיקער הייך, און זי פלעגט אָפּזיצן ; פאַר אַ ווײַלע אָפּזיצן, און באַלד אויפהייבן דעם קאָפּ, שטיל און גע־בראָכן, און אים אָנקוקן מיט אַזוי פיל רחמנות :

— אַזוי פיל מענטשן קריכן אין דער הייך, זעסטו, און ס׳שאַט זיי נישט, קיינעם...

אירע אויגן האָבן אים אַדורכגענומען, אַז ער זאָל אויפשטיין ווי אַ רוח, און זיך לאָזן גיין דעם טויט אַנטקעגן ; שמירן וועגט מיט זיין פינסטערע גבורה, גראַבלען אין קאַרניז, וואָס איבערן הענגל־ברעט ; און ביי איטלאַכן שאָקל, קוק־אַראָפּ צו דער גאַס — ווערן אַ דערציטערטער, זיין גרייט אַריינצוקריכן מיט די פינגער אין די מויערן, און נעמען קריכן אויף די גלייכע ווענט...

יענע, וואָס האָבן מיט אים געאַרבעט, — האָבן אים דאָס אַזוי געלאָזט; זיי האָבן אים געקענט, און מורא געהאַט עפּעס צו זאָגן. די פינסטערע הוריות זאָלן אים נישט אַראָפּוואַרפן; אים איבער־וועגן, ער זאָל אַראָפּפאַלן, און זיך ממית׳ן...

נאָך דער אַרבעט איז יאָ צורופן, און זאָגן:

— הער, בחור, אויב דו ווילסט בלייבן לעבן, גיי נעם דיך צו אַן אַנדערע מלאכה; האָסט טאַקי גאָלדענע הענט, אָבער דער קאָפּ דיינער איז צו זיי אין דר׳ערד...

האָט דאָס אים טיף־געקריינקט:

— וואָס?... כ׳האָב נישט מער מורא פאַר אייך, און איר — נישט ווייניקער פון מיר...

און ווען מ׳האָט געזען אַז ס׳איז שוין סכנות׳דיק ביי אים, און אים אָנכאַפּן מיט איין טויט־שרעק:

— ווי אַזוי שטייסטו עפּעס?... ווילסט אויך אַן אמת ברעכן נ׳קאַרק?...

האָבן זיך די אויגן אים איבערגעדרייט אין די לעבער, און זיך דאָס גאָר נישט געקענט שענקען:

— ווי?... אין דער היים, צו די קליינע שטיבלאַך, וואָס אין דער נידער, האָט ער זיך יאָ געזאָלט אויסטויגן, און דאָ צו די הייזער — נישט?...

און דאָס האָט אים נישט געלאָזט בייגן; וואָס מער אַלץ מ׳האָט אים דערפון געזאָגט, — מער אַלץ זיך גענומען אויסניכטערן, אַרבעטן מיט מער חשק, איינעמען צו ביסלאַך די הייזער מיט זייע־רע הויכקייטן, צוגעוואוינען זיך צו קוקן אונטן אַראָפּ...

און ס׳ווייב האָט גאָר אָנגעקוואָלן, געלעקט פון אים די פינ־גער:

— אַ, דו זעסט, אַז דו ביזט שוין באַלד דער אייגענער דאָ, ווי דו ביזט געוועזן אין דער היים; און האָסט נישט קיין מורא מער פאַר די הויכע הייזער...

האָט ער זיך וואוילעריש אַרויסגעשטעלט, צוליב די אַמבי־

ציע פון די אַנדערע, פאַר וועלכע ער האָט זיך אַזוי שטאַרק געשעמט:

— כע־כע... זיי מיינען, אַז נאָר זיי אַליין זיינען צו די הייזער געבוירן; און אַז אַ דאָרטיקער — קען זיך גאָר צו זיי נישט צורירן...

און אַז ער האָט זיך סוף־כל־סוף אויסגעגליטשט, אַרונטערגעפאַלן, געבליבן ליגן האַלב־טויט — האָט ער זיך נאָך דעמאָלט אפילו נישט געוואָלט אונטערגעבן...

— ס'איז דערפאַר, ווייל ר'האָט מורא געהאַט, און ס'האָט אים פאַרשווינדלט דער קאָפּ... נאָר גאָר פשוט: אַ צופאַל געווען... אַן אומגליק... וואָס קען טרעפן, און טרעפט נישט בלויז מיט אים, נאָר מיט אַ סך אַנדערע, געבוירענע און געצווינגענע אויף די גלייכע ווענט, — זיי פאַלן אַראָפּ...

דאָס פערדל.

ישראל־הירש, איז געווען דאָס לעבעדיקע פערד פון זיין אייגע־נעם וואָגן; ער האָט אים געשלעפּט איבער די גאַסן, זיך אַליין איינגעשפּאַנט אין אים, און אויסגעשריגן מיט אַ זעלטענער גבורה:

— קויפט, ווייבער, מציאות, איר וועט קיין חרטה נישט האָבן!

די אָדערן אויפן האַלז זיינען אים געוואָרן געשוואָלן, און ער איז נישט מיד געוואָרן צו שרייען טויזנט מאָל אודאי ס׳אייגענע:

— קויפט, ווייבער, מציאות, איר וועט קיין חרטה נישט האָבן...

באַגינען נאָך האָט עס אים אַרויסגעטריבן פון שטוב, און ווען ער איז געקומען אַהיים איז געווען פינסטער, חושך; און זיין ווייב האָט זעלטן־ווען אָנגעזען דאָס טונקעלע, פאַר־ברענטע פּנים זיינס; זי פלעגט בלויז ביינאַכט אַנטאַפּן די גראָבע אָנגעשוואָלענע אָדערן ביי אים אויפן האַלז, און קלאָגן:

— ישראל הירש, כ׳וויים נישט: וואָס די אָדערן זעצן דיר אַזוי אַרויס אויפן האַלז?...

אויף וואָס ער האָט אַרויסגעבראָפּעט מיט דער נאָז:

— מילא, ס׳שרייט דען עמיץ אַן אַנדערער פאַר מיר?...

אַן אַנדערט מאָל פלעגט זי אַנטאַפּן די אָדערן אויף זיינע הענט:

— ישראל הירש, זע נאָר די אָדערן ביי דיר אויף די הענט?...

און ער:

— מילא, ס׳שלעפּט דען עמיץ אַן אַנדערער דעם וואָגן פאַר מיר?...

און אז ס׳האָט זיך שוין געמאַכט : ער איז אַמאָל יאָ גע־בליבן איבער אַ יום־טוב׳דיקן טאָג אין שטוב ; געבליבן ליגן אין בעט, זיך אויסגלייכן די ביינער, — האָט זי געקענט לאַנג קוקן אויף אים, קוקן און חידוש׳ן זיך :

— דוכט זיך, גאָר נישט ס׳אייגענע פּנים, ישראל־הירש....

— וואָס איז דער חידוש — האָט ער זיך באַקלאָגט — אַז מ׳ווערט אזוי פאַרשוואַרצט און אויסגעריסן?...

און ס׳ווייב :

— ס׳חורבן ?... ביינאַכט זע איך גאָר נישט די בראָד מיינע, ווי גרויס זי איז !...

ער שפּרינגט אַראָפּ פון בעט, נעמט דעם טאַפּ געקעכטס צווישן די פיס, גראָבט פון דאָרטן אַרויס מיט די הענט דאָס איבערגעשטאַנענע עסן, און קייט אויף ביידע זייטן באַקן צייז :

— כ׳זאָל נאָר האָבן די איינע ישועה, מיין ווייב, — כ׳זאָל אויפגעריכט ווערן מיט אַ שטיקל פערדל, וואָס זאָל מיר אַפּשוינען ס׳לעבן...

— ס׳שרייען, — זאָגט זי — מאַכט דיר מער דעם טויט ; דו וואָלסט דיר אפשר אזוי נישט אָפּגעריסן ס׳האַרץ, ישראל־הירש, ביים שרייען, — וואָלט עס דיך נישט אזוי אָוועקגעלייגט...

— ס׳שרייען מאַכט מיר אזוי פיל נישט אויס, ווי דער וואָגן ; דער וואָגן הערסטו, דערגייט מיר די יאָרן ; כ׳שפּיר, ווי מיט איט־לאַכן מאָל, וואָס כ׳שלעפּ אים אַדורך איבער דער גאַס, האָב איך ווייניקער מיט אַ טאָג צו לעבן...

די נאַכט גייט אָוועק, און עס טרייבט אים שוין ווייטער אַרויס; ער מוז גיין אין שפּאַן, אַריינלייגן אין וואָגן דאָס ביסל כח, וואָס ער האָט זיך דערמיט אָנגענומען אויף זיין צעבראָכן בעטל, זיך שלעפּן איבער די צעיוורענע פעטע גאַסן, אויף וועלכע די רעדער קלעפּן זיך, קלעפּן זיך; אַריינלייגן דאָס רעשט ביסל גבורה, אויסציען זיך אין דער גאַנצער לענג, אויסשטרעקן די הענט, און צע־

נעמען דערבײַ די פינגער, וואָס זאָלן אַזוי ווי וועלן ערגיץ דער־לאַנגען, עפּעס אָנכאַפּן...

דער שוויס נעצט אַדורך ס'לײַב זײַנס, און ער איז שוין גוט אָפּגעגאָסן מיטן וואַסער, ביז ער דערשלעפּט זיך צו אַ ראָג — שטעלט ער זיך דאָ ערשט אַוועק אויסשרײַען מיט זײַן זעלטענע גבורה:

— קויפט, ווײַבער, מציאות, איר וועט קיין חרטה נישט דאַבן...

איז דאָס שוין בײַ אים אַ דערלײַכטערונג; און ער וואָלט אודאי באַשטאַנען שעה'ן נאָכאַנאַנד יעדע מינוט אַזוי צו שרײַען, ווי איינמאָל בלויז אַדורכצושלעפּן דעם וואָגן אין אַ היים־צוגליטן טאָג אויף די צעשמאָלצענע פעטע גאַסן..

אויף דער נאַכט, ער ברענגט זיך צושלעפּן אַהיים, — לאָזט ער שטײַן דעם וואָגן אין דרויסן, וועלכן ס'ווײַב דערשלעפּט שוין אין דעם שמאָלן דורכגאַנג פון צווישן די צוויי הויכע אָפּגעזונדערטע שכנות'דיקע הײַזער; און ער אַליין, ישראל־הירש, גייט אַרײַן אין דער שטוב, כאַפּט זיך צו צום טאָפּ־עסן, נעמט אים אַרײַן צווישן די פיס, און קאָפּעט פון דאָרטן אַרויס די קאַרטאָפל, פאַרשלינגט זיי מיטן קאַלטן באָרשט דערווײַל...

אַז ס'ווײַב קומט אַרײַן, ליגט ער שוין אין בעט און קרעכצט:

— ס'וועט נישט זײַן קיין אַנדערע עצה, ווי אַ האַלב יאָר כסדר אַרײַנעסן אין זיך יסורים מיט ווײַטאַק, וועט עס אפשר דערציען צו אַ שטיקל פּערדעלע...

האָט אָבער ס'ווײַב געוואוסט, אַז מען אַרבעט מוז מען עסן; און וואָס מער ער האָט געאַרבעט, געוואָלט קומען צו אַ שטיקל פּערדעלע און דאָס אָפּגעשפּאָרט פון דער קישקע, — האָט זי גע־ווײנט:

— אַז דו וואָלסט דיר פאַרגינען אַ פעטערן ביסן, ישראל־הירש, וואָלט דיר אפשר ס'פלייש פון לײַב נישט אַזוי אַראָפּגע־פאַלן?...

— יאָ, — האָט ער זיך געקריינקט — אַז כ'וועל מיר פאַר־

גינען צו עסן פלייש, וועל איך דאָך אייביק בלייבן ס׳פערד; און אָפּשפּאָרן, קומען צו א פערדל מוז מען דאָך, ווייל די כחות גייען מיר אוים פון שלעפן...

— האָט זי אים א סך מאָל געפּרואווט איבערשפּאָרן:

— אז די כחות גייען אים אוים מער פון נישט עסן...

און פון דעם וואָס זי רייסט זיך אזוי אָפּ ס׳הארץ ביים אריינשלעפּן דעם וואָגן צווישן די ווענט, — מאַטערט זי אים:

— ישראל־הירש, דו וואָלסט אפשר איינגעטוישט דעם וואָגן? מען קען נישט קריגן א גרינגערן?... אלע וועגענער מוזן זיין אזוי שווער?...

ישראל־הירש ליגט שוין דענסטמאָל איבערגעדרייט אויף דער לינקער זייט; ארונטערגעבראָכן דעם קאָפּ, אָפּן דאָס מויל, און כראָפּעט — זעגט מיטן הארץ; איר ברעכט דער קאָפּ, נעמט זי דאָס לעמפּל פון טיש אראָפּ, שטעלט זיך דערמיט ביים בעט, און קוקט אויף אים מיט איר שווער ביטער געמיט:

— א, ישראל־הירש, א שיין פּנים ביי דיר; א שיינער׳ס לייגט מען אין דר׳ערד אריין..

און גייט צו נאָכדעם איבערציילן די פּאָר גראָשן.

— אויב ס׳וועט זיך טאָקע נישט גיך אָקנלייבן אויף א פערדל וועט פון אים ווערן א שיינער תכלית...

באַגינען, אז עס וואַרפט אים ארויס פון בעט, — כאַפּט זי אים אָן ביי דער האַנט:

— ישראל־הירש, וואַרט כאָטש צו ביז עס וועט טאָג ווערן, זיין ליכטיק... כ׳האָב מיך נעכטן אזוי דערשראָקן, כ׳האָב געזען ס׳ארא חושכ׳דיק פּנים ביי דיר איז?...

— ווילסט דיך שפּיגלען אין מיר? — לאַכט ער — כ׳לעבן: א גוטע זאַך; כ׳וואָלט אויך געוואָלט... דו פאַרגעסט אָבער, וואו כ׳ברויך זיין מיטן וואָגן, — ס׳וועט טאָג ווערן; אז איך וועל נישט אָנקומען, וועט זיך אן אנדער אוועקשטעלן אויף מיין אָרט, און מיך ברויכן ארומשלעפּן איבער די גאַסן, קיין מנוחה נישט האָבן...

און שטייענדיק שוין איינגעשפאַנט אין וואָגן נאָך זיך אַוועק־צושלעפּן — בייגט ער אויס דעם קאָפּ און זאָגט:

— מיין ווייב, דו בלייבסט איבער אין דער היים?... גיי דיך אַרויס אַרומקוקן, אפשר מאַכט זיך דיר אַ פערדל ביליק, ביי דער האַנט...

קריכט זי אַרום אויף די מאַרקן, לעגט איבער יעדן גראָשן, זוכט אַ פערדל, וואָס זאָל אָפּלייזן איר ישראל־הירשן ס'לעבן, און גייט אַהיים צו אים:

— נאָך נישט, ישראל הירש... מוזט נאָך שלעפּן אַביסל... ס'פעלט נאָך אויס געלט...

אַ וואָך שפּעטער...

— נאָך נישט, ישראל־הירש; מוזט נאָך דערווייל שלעפּן... ס'פעלט נאָך אַלץ אויס געלד...

אַ חודש שפּעטער...

— אַ קליין ביסעלע נאָך, ישראל־הירש, אַ קליין ביסעלע... וואָס זאָל איך טאָן, אז מ'קריגט נישט פאַר דעם געלט קיין פערדל?...

און אין אַ האַלב יאָר אַרום:

— שוין באַלד ישראל־הירש... שוין... שוין... אַ פּאָר טאָג בלויז דו וועסט נאָך שלעפּן דעם וואָגן... געציילטע טעג בלויז...

און ער האָט נאָך דערצויגן די עטלאַכע טעג, ביז זי האָט געהאַט אויף אַ פערדל, אויף אַ יונג פּיצלדיק זשערעבקל, פריש געבאָרן צום שלעפּן אויף גאָט'ס וועלט; עס שטייט איינגעשפּאַנט אין וואָגן, דריגעט האָפּערדיק מיט די פיסלאַך, הירזשעט־צו. נאָר ישראל־הירש זיצט אין שטוב, זיצט אויפגעזעצט אויפן בעט, ס'פּנים שוואַרץ ווי די ערד, מיט אַן איינגעפאַלענע ברוסט, און כאָרכלעט שווער מיטן האַלז:

— שוין נישט מער, מיין ווייב; ס'איז נישטאָ איצט מער, ווער ס'זאָל אַרויסגיין צום פערדל...

ער האָט זיך אויסגעשלעפּט...

דער ממזר

מענדל איז כמעט געווען דאָס איינציקע אינגל מיט אַ העל פלאַקסן־קעפל ; צווישן אַלע אינגלאַך אין שטעטל, מיט זייערע שוואַרצע געקרייזלטע, באַראַנקאָווע קעפּלאַך, געדרייטע פּאות׳לאַך, — איז זיין פּנים׳ל געווען העל, ליכטיק, מיט אַ שמאָל, לאַנג אויסגעצאַקט נעזל, און געהאַט ווייסע פלאַקסענע האָר, איינע און איינע, וואָס זיינען ביי אים געלעגן צוגעלייגט אַרום שטערן, און שטענדיק גלייך צוגעשווירן.

אַן אומרואיק אינגל, אַ מזיק, אַ לאָבוז — איינער אין דער וועלט ; זיך געטשעפּעט צו אַלטע לייט, אַרויסגעריסן די קוליע ביים לאָמן, דעם שטעקן ביים בלינדן, און וואו אַ טיר פון אַ קראָם, איר אָפּגעבראָכן ; אַ שטעלכל — דאָס איבערגעקערט, צוליב וואָס מ׳האָט אים פאַרשאָלטן די ביינער :

— אַזאַ בענקאַרט !

— דעם קאָפּ זאָל ער נאָר צוברעכן, דער ממזר !

— ער זאָל גאָר נישט דערלעבן אויפצוואַקסן, דער יונג...

אידן האָבן אים פיינט געהאַט בתכלית־השנאה ; און נישט איין קרעמער, וואָלט אים נאָכגעוואָרפן אַ געוויכט אין קאָפּ אַריין און געלעכערט, ווען נישט זיין טאַטע ; זיין טאַטע יעקב. דער שוואַרצער נפש, ווילדער בעל־גוף פאַר וועלכן מ׳האָט גראַד יאָ באַראַפּט מורא צו האָבן, ווען מ׳האָט אים געשלאָגן, אַז ער זאָל נישט ממית׳ן, ווי געוויינטלאַך אַ טאַטע, אַז מ׳שטייט אויף איבער זיין קינד ; אים איז גאָר ווייניק אָנגעגאַנגען וואָס די שטאָט האָט מיט דעם קליינעם יונג צו טאָן, זיך ווייניק געמאַכט, וואָס עמיץ וועט אים מאַכן געברייכט ; אָפּגעהיטן און באַשירמט פון

א זיכערן טויט, האָט גאָר זיין גוטסקייט, זיין ברייט־האַרציגקייט, — ווייל מ׳האָט אים בלויז באַדאַרפט ווייזן א חנ׳דל :

— ר׳ יעקב, איר האָט אפשר ליגן אן איבעריקן האַלבן הונדערטער איבערן טאָג ?...

און ביי אים גלאַטיק באַקומען...

האָט דאָס שוין מגין געווען אויפן קליינעם יונג, אז מ׳זאָל אים מוחל זיין אַלע שאָדנס וואָס ער מאַכט, כאָטש מ׳איז נישט זיכער געווען, אויב דער אייגענער שווארצער יעקב, וואָלט ווידער נישט קיין גרעסערע טובות געטאָן צו יענעם, אויב יענער וואָלט דעם אינגל א ביין איבערגעבראָכן...

— נאָר, ווער האָט דאָס געהאַט א האַרץ צו שלאָגן א טאַטנס א קינד, פאַר א טובה וואָס יענער טוט צו אים ?...

— פון וואַנעט האָט זיך גענומען דער כעס פון טאַטן צום קינד ?...

מ׳האָט זיך גאָר נישט געברויכט פרעגן ביי קיינעם, ווייל קוקנדיק אויפן שווארצן יעקב, וואָס איז געווען שווארץ ווי א קויל — האָט זיך פאַרגליסט צו הייבן מיט די אַקסלען :

— א משל : דער טאַטע — א ציגיינער, די מאַמע — נישט באַלד קלאָרער, און דאָס זונדעלע, א פלאַקסן קעפּעלע...

מ׳האָט שטילערהייט גערעדט אויף דער מוטער ; אזוי שטיל, אז ס׳איז אים גוט געגאַנגען אין די אויערן אריין... אז רכילות־ניצעס האָבן פון איר אַפּגעריכט, און ס׳איז געקומען צו א גע־קריגערייּ — האָבן זיי אָפּן איר אויפגעוואָרפן די מאוסע חטאים :

— גיי לאַכן הינטערן פענסטער צום פריץ...

אָדער גאָר נאָכמער :

— טראָג אים אָפּ, דעם תכשיט דיינעם, אין הויף אריין, פון וואַנעט דו האָסט אים גענומען...

און דער פּאָטער, דער שווארצער נפש, האָט נישט בחנם קרום געקוקט אויפן אינגל, זיך געוואָרפן מיט אים ; איז ער געווען

גוט און אויפגעלייגט, דער שווארצער יעקב, — איז נאך געווען ביים וועג ; קוים פלעגט ער אבער אהיימקומען א בייזער, א ביסל באטרונקען, — אזוי האט ער קודם אויפגעהויבן די ברעמען, און אראפגערעדט וואס ס'איז אים געלעגן אזוי שווער אויפן הארץ, וואס ער האט אפילו אינם גילדענעם־גוטן פארשווינגן...

— ביזט געקראכן וואו מ'ברויך נישט, הא ?...

וואס זי שוינט נישט זיין כבוד :

— דו האסט שוין א כוסה אין קאפ ; דער בראנפן רעדט פון דיר ארויס...

און ער שאקלט אזוי ברייט דעם שווערן באטרונקענעם גוף זיינעם :

— אויפן בארגן האסטו געקוקט ; אין אים זיך פארזען...

זי שפירט אים, נאכמער : זיין כעס, און ווי אלע מאל וויל זי אים אריבערשפרינגען, און דראטעוועט זיך אן ווי א הענדל :

— דו לייקנסט דיך אפשר אפ פון אים ?... יא ?...

נאר דערזעענדיק גלייך, אז זי ווערט דערמיט נישט גוט אויס־נעמען, נאר גיכער : מאום אפשניידן, ווייסט זי באלד אזוי גע'־ממזר'ט ארויסצושטעלן א פיסל, אראפלאזן פארשייט א לעקעלע אויפן שטערן, — ער זאל ווערן ווילד, יעצער־הרע'דיק־ווילד...

— אודאי, דו הערסט דיך איין, וואס די שלעק, די מאוסע וויבער, ריידן אוים זיך די גאל ארוים ?... אודאי, זיי זעען : אזעלכע פיסלאך ביי מיר, און אויגן, און א בוזים, — פארוואס זאלן זיי זיך נישט קריינקען ?...

און דער שווארצער יעקב פארגעסט באלד אינם יונג, פאר־געסט ווי אין טויט אריין, און גיט זיך איבער צו איר ווי א קליין מענטשעלע, — זי זאל אים טרעטן אויפן קאפ :

— דיין מזל, וואס דו ביזט אזא שטיק בראנד־פייער, און קענסט מיך אזוי צענעמען...

— די אויגן זאלן זיי נאר פון די קעפ ארויסקריכן, ווייל זיי קוקן וואו מ'ברויכט נישט ! — ברענט זי.

און כאָטש ס'איז אים דאָרט גוט אָנגערוים אויפֿן האַרץ, שפּירט ער דאָס נישט, צוליב די בריענענדיקע פֿלאַמען, וואָס רייסן זיך אַרויס ביי איר פֿון בוזים, און ער פֿאַרגעסט אינם קליינעם יונג ווי אין טויט אַריין...

פֿאַרגעסט ער...

ס'מאַכט זיך אָבער, אַז ער איז ערגיץ אין אַ שיינק, צווישן פֿערד־הענדלער, און ס'זוכט אים עמיץ, וועמען ער האָט אויסגעקויפֿט אַ פֿערד, — זיך מיטן אָפּצורעכענען דערפֿאַר, און אַ שטאָד טאָן; דערציילט ער אַ מעשה פֿונם קליינעם יונג, ס'זאָל אים גיין אין די אויערן, יעקב'ן:

— געהערט ?... דער בענקאָרט, כאַפּט זיך דאָך שוין צו שיקסעס! ליגט אַוועק אַ מויד, אַלע אין די אויגן, — אין מיטן מאַרק...

מאַכט ער זיך נישט הערנדיק, דער שוואַרצער יעקב, קוקט זיך נישט אום צומאָלט, נאָר גיט פֿון גרויס ווייטאָק אַ געשריי צום שיינקער ווי אַ לייב:

— העי, דו וועסט מיר אַמאָל געבן היינט צו פֿאַרזוכן פֿונם פּרישן ביטל ליקער, וואָס דו האָסט אָנגעהויבן ?...

און אַז ער גיסט אין זיך אַריין עטלאָכע גלעזער, דערשפּירט ער ערשט די ריכטיקע שנאה צום קליינעם יונג, און אַ באַזונדערן כעס צום ווייב, וואָס ער קען איר גאָר נישט מוחל זיין:

— אַזאַ שטיקל סחורה דאָס איז, — זי זאָל מיר דאָס ווירקלאָך האָבן אָפּגעטאָן ?...

דער קליינער מענדל שפּירט גוט דעם טאַטן, און היט זיך פֿאַר אים; דער טאַטע קען איבערן פֿאַלן, לאָזן טויט, אויב די מאַמע זאָל אים נישט באַצייטנס אָפּראַטעווען פֿון זיינע הענט...

דער גאנצער שייגעץ צעפלאקערט זיך אין אים, ווען דער טאטע איז נישטא; און אז ער שפירט נישט זיינע בערישע לאפעס, — אזוי איז ער א פריי פייגעלע; רייט ער אויף די ציגן אין מיטן מארק, דרייט אפ די פרענטן פון לאדנס, און די גאנצע שטאט האט מיטן ציטאן. קען זיך נישט אפיאגן פון אים... מ'ווארפט אים נאך שטיינער אין די גאסן, און מ'ווערט נישט פריער זיינע פטור, ביז די שקצים קריגן אים אראפ צום וואסער; אויפן וואסער איז ער ווי אויף דער יבשה, דער אייגענער בריה, — ס'איז פאר אים קיין וואסער נישטא; אפילו די גוים, צוקוקנדיק — צלם'ען זיך:

— דער קליינער יונג, ער וועט אמאל קיין גוטן סוף נישט איינעמען...

די שקצים וואס האבן אזוי פיינט א אידיש אינגל, — חלש'ן פאר אים, מענדלען; און האבן ליב דוקא אים ארויסצושטעלן:

— מענדל, שטעל דיך אויפן קאפ!

שטעלט ער זיך.

— מענדל, גיי אויף די הענט!

גייט ער.

— מענדל, שפרינג אריין אין וואסער!

שפרינגט ער.

— מענדל, רייס אוים ביי דעם אלטן איד די באָרד!

ווייסט ער נישט קיין חכמות, און רייסט...

ביז מ'קומט ארייגצולויפן, אדער מ'פאלט אריין צו דער מו־טער אין די שייבן:

— איר וועט נישט ארויסגיין אראפנעמען דעם קליינעם בענ־קארט, — וועט זיך דאך רותות טאן מיט אים!... ער שוינט דאך קיין אלטע לייט נישט, אפילו...

און זי פירט אים אראפ מיט געגייט פון גאס...

זיין ווילדקייט, מענדלס, האט רק די גוים, וועלכע האבן אים צו־

גערעכנט פאַר אַ זייעריקן, — אָנגעשראָקן, און נישט איינמאָל געקומען אָנזאָגן, און געוואָרנט:

— מ׳זאָל פון אים קיין אויג נישט אראָפּנעמען, ווארים דאָס אינגל איז צו ווילד, ס׳וואסער קען אים אָנקריגן אונטערן ראָד וועט מען אפילו זיינע ביינער אין אַ זעקל נישט קענען אויפקלייבן...

האָט דער פאָטער דארויף געזאָגט:

— דער ערשטער, וואָס וועט מיר קומען אָנזאָגן די גוטע בשורה, — וועל איך אים הייסן געבן בראָנפן...

די מוטער האָט עס צוגעדריקט און שטילערהייט געוויינט:

— דו האָסט דיר אריינגעהאַקט אין קאָפּ, און בעטסט אויף זיין טויט...

— כ׳וועל גאָר נישט אָנווערן אָן אים...

— אָן אייגן קינד...

— אודאי, — לאַכט ער ווי פון אַ פּאַס, — גיב נאָר אַ קוק, אויב ס׳איז נאָך איינמאָל כאָטש מיך געקומען אַ איד ווארנען מיט אים, און נישט זיי, די גוים?...

— אידן, ווילסטו זאָלן קומען, ווען דו אליין האָסט אים פיינט?...

— אודאי, זיי שפירן אים, ווייל ער איז זייער בלוט...

און אַז זי נעמטן אראָפּ אין שטוב אריין, און ער פאַלט איבער׳ן, וויל אים נ׳טויט מאַכן, קען זי אים פריער נישט ארויס־קריגן פון זיינע הענט, ביז זי צעשרייט זיך:

— דו הערסט אים נישט אויף צו שלאָגן, ווארים, כ׳פיר׳ן שוין די מינוט אוועק צום גלח, שמדן...

הערט ער אויף שלאָגן... קוקט אויף איר צוטומלט, ווי אַ ווילדער בער, וואָס מ׳האָט אָן עולה געטאָן, און לייגט זיך אוועק אין אנטוכיץ אויפן בעט, ליגט אריבער אַ טאָג, אַ נאַכט, און ווידער אַ טאָג, ביז זי שטייט־צו צו אים, וויל אים איבערבעטן:

— יעקב.

ער רירט זיך נישט.

— יעקב, ווילסט דיר נ׳טוית מאכן ?... מיר נ׳טוית מאכן ?..
נו, נעם א מעסער, שעכט אים...

ער רירט זיך נישט ; ביז מען קומט אריינצולויפן פון גאס, זאגן — מען זאל גיך ארויסגיין, ס׳ראד פון דער מיל האט דעם יונג צעריבן, — אזוי לויפט זי ארויס, מיט א געוויין :

— כ׳האב געוואוסט, ער וועט נישט פריער אויפשטיין, ביז ער וועט האבן אויסגעבעטן זיין טויט...

און ער זעצט זיך נאכדעם אויף, צעשויבערט דעם קאפ הארי און זאגט טרוקן :

— אצינד נאך האבן א טועבץ מיט דער חברה, זיי זאלן אים וועלן נעמען אויפן פעלד, כאטש הינטער דער מויער...

כלאָפּעס

האַרט פֿאַבריקט אין אַ געלן זאַמד־באַרג, וואָס איז געווען אַזוי מיאוס צעגראָבן, זיינען אין אַ הילצערנעם טשאָפּ געזעסן די כלאָפּעס.

דער אַלטער כלאָפּ מיטן יונגן כלאָפּ, זיין זון, וועלכער איז אפֿילו נאָכדעם ווי ער האָט חתונה געהאַט, נישט אַרויס מער פֿון הויז, נאָר געבליבן זיצן זאַלבעדריט, שוין מיטן ווייב אויך.

ווען דער יונגער כלאָפּ האָט חתונה געהאַט, אַזוי האָט זיין פֿאָטער, דער אַלטער כלאָפּ, שוין פֿון אַ גוטע מינוט געהאַט ליגן די מאַמע זיינע אין דר׳ערד ; און אַזוי ווי דער אַלטער כלאָפּ אַליין איז שוין אויך מיט איין פֿוס געשטאַנען ביים טירל, — האָט ער זיך שוין נישט געוואָלט פֿאַרדרייען אַ קאָפּ, דער יונגער כלאָפּ, מיט אַ שטוב, מיט זאַכן, נאָר געבליבן אויף דערווייַלע מיט אים אינאיינעם, דעם אַלטן טאַטן, ביז ער וועט צומאַכן די אויגן...

און אויב ער האָט נאָך געלעבט, דער אַלטער כלאָפּ, איז שוין די שטוב אייגנטלעך אַזוי ווי פֿון זיך אַליין געהאַט איבערגעגאַנגען צום יונגן כלאָפּ, אַלץ איינס אַזוי ווי ס׳וואָלט שוין געווען נאָך זיין טויט ; נאָר אַזוי ווי דער אַלטער איז לעת־עתה ביי זיך נישט געווען נאָך מיט אַלעם טויט, האָט עם אים נישט ווייניק געברענט, וואָס דער יונגער כלאָפּ, זיין זון, האָט אים שוין באַצייטנס גע׳ירשנ׳ט און אויף אים אויפֿגעריטן...

פֿאַר די גאַנצע טעג, וואָס דער יונגער כלאָפּ איז פֿאַרטאָן, און דער אַלטער דרייט זיך דאָ אַליין אַרום, זעט צו מיט די אייגענע אויגן, ווי דאָס יונגע ווייבל לייגט זיך אין דער לענג און אין דער ברייט, אויסצורייסן אַ שטיק און אַ שטיק פֿון דער אַלטער

שטוב ; ווײל אַלץ אויפטאָן אַזוי, ס׳זאָל מער האָבן חן פאַר אַזאַ ס׳גאַל מַענטשן, ווי זי מיטן יונגן כלאַפ זײַנעו, — אַזוי הייבט עס אים גאָר אונטער, דעם אַלטן כלאַפ, און ס׳נעמט אים בריעו, וואָס זי פאַרוימט אַזוי די עלטער, קערט אויס די אַמאָליקע יאָרן זײַנע, און זוכט זיך צו איר, האָט כסדר צו טאָן :

— כ׳לעב נאָך, לעת־עתה, און זײַ פאַרוימעו שוין אַזוי, ווי ס׳וואָלט געהאַלטן אַ שעה נאָך מיר...

דער יונגער כלאַפּ הערט דאָס פון ווײַב, אַזוי פאַרדריסט אים אויפן אַלטן, ווי אויף איינעם אַ פרעמדן, וואָס שטעקט גאַנץ בחנם אַרײַן די נאָז דאָרטן וואו מ׳ברויכט נישט, און רופט זיך אָן זײַער במנוחה, אַזוי ווי ער וואָלט דאָס אויסן געוועו :

— טאַטע, ס׳וואָלט שוין צייט געוועו, כ׳לעבן, זאָלסט גיין... וואָרים, ווי לאַנג קלערסטו דאָס נאָך אַזוי אייגנטלאַך צו לעבן ?...

דער אַלטער כלאַפּ האָט שוין, לויט די יאָרן זײַנע, נישט באַדאַרפט קענען דירן מיט קיין גליד ; און נאָר דעם זון אַ פּנים אויף צווזעצע־ניש, וואָס האָט, אָן אַ געלעכטער, אויסגעקוקט זײַן טויט, — איז די עלטער מיט אים געוועו גאָר פּאָן־בראַט, און אים אָפּגעשווינט ס׳לעבן ; און ווי אויפן גוט־ברודערלאַכן שטייגער, אים נאָך דער־ווייל נישט געהאַט מיט גאָר קיין עולה געטאָן...

איז ער געוועו יונג, דער אַלטער כלאַפּ, שטאַרק באַוועגלאַך, דירעוודיק, און ס׳איז אים נאָך גאָרנישט ניט אייגעפאַלן אפילו אין זין צו האָבן צו שטאַרבן...

פאַרקערט : ער האָט נאָך גאַנץ שיין חשק באַקומען אַמאָל צו אַן הינטערשט פערטל געגזנס, און צוגעשטאַנען דוקא צום יונגן בלאַפ׳ס ווײַב, כאָטש ער איז נישט געוועו אַזוי מיט איר אויס־געבונדן :

— זי זאָל אים קאָכן ברייטע פלעצלאַך מיט קעז...

און אַז דער יונגער כלאַפּ, זײַן זון, גיט אים נישט אויף קיין

געלעכטער אין טאטן אריין, אזוי ארט עס אים ווי די וואנט ; פונם זונ'ס קאכן זיך לאכט ביי אים ס'פנים, לאכט אפן און קלאר, אזוי ווי ער וואלט געהאט די יארן פון הינטן, הינטער זיך.

— אויב דו מיינסט טאקע, אז ס'קומט מיך שוין ארויסצו־פירן, כלאפ, אויפן פעלד ארויס, — מאכסטו א גרויסן טעות ; וועל איך דיר ווייזן, כ'וועל מיר נאך הייסן ריידן א שדוך, און חתונה האבן ווי דו מיט א יונג ווייב אויך...

איז דעם יונגן כלאפ, ס'שטייט זיך, נישט איבריק גוט געווען איב־איינעם מיטן אלטן כלאפ, זיין טאטן ; און נישט בלויז נישט גוט, נאר טאקע ביטער, זייער נישט בא'טעם'ט ; דער אלטער כלאפ איז מורא'דיק אלט און איינגעשפארט, דער יונגער כלאפ — גע־פערלאך יונג און היציק, אזוי שמעקט דער יונגער ביים אלטן דעם טויט ; אז ער האט שוין איינגעווייקט די פעלן, דער יונגער כלאפ, אויפגעשיט דאמב אויך, און קריכט ארויס פון די הויכע שטי־וואלעס, שוועקט פון זיך אראפ דעם ריח פון רויע פעלן, אזוי געמט אים, ווי געוויינטלאך, אויף דאס יונגע ווייבל מיט ברייטע, ליכטיקע ארעמס... גיט אים עסן צו דער זאט.. אנצוטרינקען... און אויך אנצוגעהערן : זי איז יונג... פול מיט רויט, פעט בלוט... און רייצט אים :

— כלאפ... כלאפ... האלט אויף די קני דעם טאפ...

גיט אים דער אלטער, וואס די עלטער האט אים איינגעוויגט און צוגעמאכט די אויגן, ווי ביי א קינדעלע, — א שנייץ פארן נאז :

— שלאפן... מ'ברויך שלאפן גיין...

רייסט זיך דער יונגער כלאפ אפ ווי א משוגע'נער הונט, און כאפט אודאי נישט דעם אלטן כלאפ, זיין פאטער, פאר דער הוצפה. און איז שוין גרייט, אויב ער וואלט נאר געקענט, אים א שיפער

צו טאָן דורכן פענסטער מיט אזא כח, מיט אזא אימפעט, אז מ'זאָל אים ברויכן גיין אויפקלייבן שטיקערווייז איבער א מייל וועג...

— פאַרוואָס ווילסטו גראָד שלאָפן גיין, ווען איך וויל זיך אביסל פרייען מיט מיין ווייב ?... — גלאָצט ער מיט די גאַלעס.

ציגדט זיך אָן אין אַלטן כלאָפּ א ברעקעלע פון דער אַמאָליקער גבורה, און גיט אים א ווארף אָפּ פון זיך, דעם יונג, ווי א שפּענדל :

— כ'וויל האבן, ס'זאָל זיין שטיל ביי מיר...

און דער יונגער כלאָפּ קייכט ביי אים פאר געלעכטער...

גערעכט איז אפשר דער יונגער כלאָפּ, אָבער דער אַלטער איז אָבער אויך נישט באַלד אומגערעכט ; ער מיינט גארנישט, און איז עס אפשר אויך גאָרנישט אויסן, נאָר ווייל ער איז אַלט און האָט קיין געפיל נישט דערפאַר, מיינט ער : אז דער יונגער כלאָפּ באַדאַרף אויך אַזוי זיין, און אויב ער טוט אַנדערש, איז עס דערפאַר, ס'זאָל אים מיאוס ווערן פאַרן לעבן זיינעם...

דער יונגער כלאָפּ ווייסט : אז דער אַלטער כלאָפּ איז געזונט ווי א פערד, און האָט גוט ס'קרחות פאַר אים ; נאָר דאָס איינע, ער גלייבט נישט, יענער זאָל נאָך פאָרט קאָנען לאַנג אָנטרייבן...

— ער איז פאָרט צו אַלט, ר'זאָל נאָך קענען לאַנג לעבן...

און ביז ער וועט אויסציען די פיס, דער אַלטער כלאָפּ, חלומ'ט זיך אים עפּעס, אז ער מוז נאָך דאָ אודאי וועלן א ווייב ; ס'איז נישט אַנדערש, ווען ער צעשפּילט זיך מיטן ווייב זיינעם, אַזוי וועקן זיך ביי אים אויף די אַלטע בלוטן, און ער האַקט אים דאָס איבער :

— שלאָפן, שלאָפן גיין...

— מ'ברויכט שוין באַלד אויפשטיין...

און ער קריגט גאָר מורא, אַז דער אַלטער כלאַפּ, זיין פאַ־טער, זאָל זיך נישט, בעת ער ליגט איבער די פעלן, צוכאַפּן צו זיין אייגן ווייב:

— אויף אַזאַ אַלטן כלאַפּ, ס'זאָל זיך ביי אים צעשפּילן, איז זיך נישט צו ריכטן?...

דער אַלטער כלאַפּ ווידער, וועלכער קריכט אַרום אין זיינע אַלטע שלעפּעריקע טעג, און האָט רק פאַר די אויגן דעם יונגן כלאַפּ'ס ווייב, דאָס געזונטע ווייבל, און ס'קומט אים נישט מער אויס נאָר ווי צו קוקן איר אין די הענט, און זען, ווי ס'ווערט אַלץ אַזוי גיך ביי איר אָפּגעטאָן מיטן אויג, — אַזוי קומט אויף זיין פּנים אַרויס אַזאַ יונגע מונטערקייט, קומט אויף אַקוראַט ווי די זון פאַרטאָג, שפּעט זומער... און ער הייבט נישט אָן צו וויסן, אויב זי האָט גאָר אַ מאַן, און וואָס איז נאָך דערצו זיינער אַ זון; ס'פאַרגייט צום איבעריקן דעם אייגענעם ווייב'ס טויט אַזוי ווי גאָר קיינמאָל נישט; געדענקט נישט אויף קלאָר אויב ס'האָט אַ מאָל אַן אַנדערע גע־לעבט, וואָס זאָל האָבן געשטאָרבן; און נאָכמער ווייסט ער נישט, אויב ער האָט גאָר אַליין נישט חתונה געהאַט פאַר אַזאַ יונגע...

און אַזוי ווי ער רייסט זיך אָן אויף איר, געוויינטלאַך, ווען ער איז צעדרייט:

— ס'געפעלט אים נישט ס'קופּער; ס'גלאַנצט צו טויט...

— דער אויוון רעדט נישט ווי מ'ברויך...

אָדער:

די שייבן ווערן צו שטאַרק פאַרלאָפן פון אים.

אַזוי נעמט ער זיך אויך איבער, אַלץ איינס, אַזוי ווי ער האָט זיך ליב אַמאָל אויף איר אָנצוזעצן, און — גיט איר אַ רוק אונטערן אָרעם מיט פייער, אַזוי, אָנקוועלנדיק:

— דו האָסט אַ בייזע גבורה, נאָכאַלעמען...

— דו קענסט, אויב דו ווילסט נאָר...

דער יונגער כלאַפּ, זיין זון, אַז ער זעט, ווי דער אַלטער כלאַפּ, זיין טאַטע, שאַדט זיך צופיל צום ווייב זיינעם, אַזוי ווערט ער מיט אַלעם פאַרנאַרט; ווייסט ער נישט, אויב ער זאָל לאַכן פון אַלטן טאַטן, וואָס מאַכט זיך אַזוי גע׳פּגר׳ט, אָדער איז אַזוי, און גאָר נע־מען ליינען ברעטער:

— טאַטע, אויב דו ווילסט, מ׳זאָל דיך גאָר אינגיכן אַרויס־פירן צום גרעבער און זיין זיין מענטש, אַזוי זאָלסטו נאָר זען אָנצוהייבן מיט איר...

גייט עפּעס דעם אַלטן כלאַפּ, אַ פּנים, אין קאָפּ אַריין, און פון גרויס ביטערקייט, וואָס ס׳איז נישט, און ס׳קען פּיליכבט נישט זיין אַזוי ווי ער מיינט, נעמט ער זיך איבער נאָך מיט דעם איינעם, איבער וואָס ער איז נאָך דערוויילע תקיף, מיט דער שטוב:

— די שטוב וויל איך אַליין האָבן פאַר זיך, און נישט מיט קיינעם, — לאָזט ער אויס.

גיט ווידער דעם יונגן כלאַפּ אַ שלאָג דאָס בלוט אין קאָפּ אַריין, און דערלאַנגט מיט אַ טאָפּ אין דר׳ערד; אַלץ דערפאַר, פאַר־שטייט זיך, וואָס דער טאַטע פאַרגעסט, דאָס ווייבל איז נישט זיין, און לעקט זיך צו איר, — און שרייט אויס:

— גענוג זיך אַרומגעדרייט אין איר, אין דער שטוב; שוין לאַנג צייט זאָלסט ליגן אויפן קברות...

ווערט דער אַלטער כלאַפּ שטייף ווי אַ האָרן, און כאַפּט אים גלייך אַריין, דעם יונגן כלאַפּ, אין זיינע הענט, דרייט אים איין אין דרייען פון גרויס ווייטאָג, וואָס ס׳יונגע ווייבל איז טאַקי נישט זיין ווייב, — און שרייט:

— ברעכן טעפּ ועסטו מיר?...

ביז דאָס יונגע ווייב שפּאַרט זיך אַריין, רייסט פון אים אַרויס מיט אַלע כחות דעם יונגן כלאַפּ, איר מאַן, וועלכער בלייבט שוין אַזוי ליגן בייזאַמען, און האָט מורא ווי אַ הונט, זיך מער צו רירן פון אָרט; און זי אַליין נעמט אים איין מיט אירע ווייבע גלעטן, קילט אים אָפּ, דעם אַלטן כלאַפּ, וועלכער ווייסט שוין

במעט נישט אנדערש, ווי נאָר דאָס אייגענע ווייב זײנ׳ס טוט אים באַרואיקן, און שטילן פון זיין כעס צום זון.

— פאַרט אייגן בלוט...

ווייסט נישט מער אנדערש...

דער אמעריקאנער דאָקטאָר

דר. לאַקס, אַזוי ווי ר'איז געוואָרן דאָקטאָר, האָט ער געטאָן זייער אַ רייכן שדוך; ער האָט לאַנג געלערנט און פאַר זיין וואויל ענדיקן קאַלעדזש, ווערן דאָקטאָר, באַקומען די יונגע גע־ראָטענע שיינע מאַרגאַרעט פאַר אַ ווייב; איר פאָטער האָט אים נאָך צו איר צוגעלייגט אַ גאַנץ נישטקשה'דיק בריק־הויז אין אַ פאַרוואָרפענעם, אומבאַוואוינטן געגענט אין ברוקלין, און אויפגעפיקסט אַהיים מיט אַן אָפיס.

אַ נישט: וואָלט זיך דאָך גאָרנישט אָנגעהויבן...

אַ יונג בליענדיק מיידעלע, וואָס איז נאָך קיין צוואַנציק יאָר נישט אַלט געווען, פון אַ רייכע אויפגעקומענע היים, וואו מ'איז פּלוצלינג און גאַנץ צופעליק געוואָרן שטיינרייך — האָט מען נאָר אַריינגעקלערט אין דער יונגער שיינער מאַרגאַרעט, ווי אַזוי איר נאָכצוגעבן אַלע אירע שמד־שטיק, זי זאָל ווערן שענער און רייצנדער; און נאָך דער חתונה, ווען די ברייטקייט צום טעכטער'ל האָט גראָד באַדאַרפט שטאַרקער ווערן צוליב דעם וואוילן, — געראָטענעם איידעם, דעם גוטן דאָקטאָר, און נאָך אַ בעסערער מאַן, — האָט עס אויסגעזען, ווי מ'וואָלט פּלוצלינג אָנגעהויבן קאַרג צו ווערן צו איר...

ס'קען זיין, דאָס איבער דעם געלט וואָס זי האָט ביז דאַן געהאַט אַרויסגעזוויגן, אָדער ווייל מ'האָט שוין דורכדעם געהאַט דערגרייכט ס'העכסטע: דעם דאָקטאָר מיט'ן אָפיס, — סיי־ווי־סיי, מ'האָט שוין דערנאָך מער מיט קיין געלט נישט גע־וואָרפן און אַזוי גוט ווי געגעבן אָנצוגעהערן איר, די יונגע שיי־נע מאַרגאַרעט:

— אַז מ'האָט איר שוין געגעבן אַ מאַן אַ דאָקטאָר, ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר מיט אַן אָפּיס, זי זאָל זיך שלאָגן קאָפּ אין קישן מיט אים...

מארגארעט אַליין האָט דאָס אויך געוואוסט, און נישט געוואָלט נעמען קיין געלט ביי דער היים; נאָר זי האָט אָבער געמוזט פארביינגן איר כבוד, ווייל דעם דאָקטאָר'ס אָפּיס האָט נאָך אַזוי פיל נישט געטראָגן, אַז זי זאָל זיך קענען אַלץ נאָכגעבן, און אויף אַלעם האָבן...

און אָנהייבן לעבן קארג, צוריקגעהאַלטן, האָט זי, ווען זי וואָלט עס אפילו געוואָלט — נישט געקענט; זי האָט גאָר באַלד נישט געוואוסט ווי אַזוי דאָס צו זיין, אַז ווען מ'ברויכט דאָס און דאָס, יענע און די זאַך, מ'זאָל זיך איינריידן: מ'וועט זיך באַגיין מיט דער איינע פאָר יענעביידע — און אַזוערנאָך איינשפּאָרן; זי איז — אַלץ איינס ווי פריער, — געווען דאָס אייגענע רייכע, צעפּיעשטשעטע קינדעלע פון אויפגעקומענע רייכע עלטערן, וואו מ'האָט איר משוגענערהייט נאָכגעגעבן אָן אַ שיעור, און זיך נישט געקענט אָפּשטעלן, אָדער ריכטיקער: בלייבן שטיין אין מיטן, באַשר־בכן, זי האָט חתונה געהאַט מיט אַ דאָקטאָר, וואָס דאָס וואָלט איר אייגנטלאַך באַדאַרפט נאָך ברייטער מאַכן ס'לעבן, — זאָל זי וויסן צו רעכענען:

— דער אָפּיס הייבט גאָר נישט אָן צו טראָגן אויף דעם אַלעם?...

דער אָפּיס איז נישט געווען שלעכט, — ער האָט זיך גאָר באַדאַרפט ארויפארבעטן; זייענדיק פארוואָרפן אין אַ רויִע שוואַכבאַוואוינטע געגנט, נאָר וועלכע איז איינגעשטאַנען ביי גוטע „בילדערס" אין די הענט, — האָט מען נאָר געברויכט האָבן צו אים אַ קליין ביסל גדולה, ביז זי וועט מער ווערן

פארבויט, און ס׳וועלן מער מענטשן אריינקומען, ער זאָל אָנ־הייבן מער צו טראָגן...

דערצו איז נאָך געווען שלעכט וואָס ס׳איז דאָרטן פון פריער געווען א דאָקטאָר, אן אַלט־באַזעסענער, וואָס האָט גע־האַט זיינע געשוואוירענע לייט, און פּיליכט גאָר גוט דערמיט, — ווייל די יעניקע וואָס זיינען ווידער געווען אומצופרידן מיט אים; אומצופרידן, נישט ווייל ר׳איז א שלעכטער דאָקטאָר, נאָר ווייל ר׳האָט שוין געהאַט צופיל געלט אָנגעקליבן, און ביי מער עפּיס אן ערנסטערע "קיים" געהאַט אן אויסרייד אריינ־צופאָרן נענטער קיין ברוקלין צו א דאָקטאָר; יענע האָבן איצט נישט בלויז אָפּן גענומען גיין צום נייעם דאָקטאָר לאָקס, נאָר אים אויך געזוכט צו מאַכן א נאָמען; כאָטש זיי זיינען נאָך ווייט נישט געווען זיכער אין זיין דאָקטאָרישע בקיאות, — האָבן זיי שוין מיטגעשלעפּט אַנדערע און ס׳האָט אַזויערנאָך, אַזוי ווי פון זיך זעלבסט — גענומען קינסטלאָך אָנגיין א באַוועגונג פאַרן נייעם יונגן דאָקטאָר, א דאַנק וועלכן און אויף־וואָס דער אָפּיס האָט זיך דערווייל געקענט האַלטן...

אַביסל צוגעהאָלפן און פאַר אינטערעסירט אין אים, איז אויך, צוליב ריעל־עסטייט ביזנעס, — געווען דער „סעקשאָן" גופא; און די לענדלאָרדס, סתם־"בילדערס" האָבן שוין דאָן ברייטער געקענט אויף דעם חשבון „בומען" זייערע הייזער און „פּלעטס", אויף צו קריגן טענענטס און קאַסטאָמער:

— דער סעקשאָן פלאָמט שנעל־אויף; אויסער די „פּאַבליק־סקול", א פּראָטעסטאַנטישע טשוירטש, א אידישע שול, א "סטריט"־קאַר, און סך־הכל עטלאָכע בלאָק אריבער א סעמע־טערי — אַן „על"־סטיישאָן, זיינען שוין פאַראַן אויך צוויי דאָקטוירים מעדיצינער, און איין וועטערינאַר...

אים אריינגענומען אין צעטל...

כאָטש דער אָפּיס ביים דר. לאָקס האָט געאַרבעט זייער

שוואך, האָט ער פונדעסטוועגן געמוזט זיין, אפשר ווייל ר'האָט דערמיט געוואָלט נעמען דעם עולם, אָדער דער עולם איז ראָ געוועזן אַ בעסערער, און נישט אַזוי „ראָף“, אָנגעלאָפן, — זייער מאָדערן איינגעריכט, דאָס אַן אַלטער דאַון־טאַונער אָפיס, וואָס האָט געאַרבעט מיט אַ סך מער ערפאָלג, — האָט זיך גאָר נישט געקענט גלייכן צו אים; פאַר די גרויסע, ליידיקע טעג וואָס ס'האָט זיך קיינער נישט אין אים אַריינגעוויזן, האָט אפילו נייַט געטאָרט פעלן אַ יונגער באָי, וואָס זאָל חלילה נישט פאַרזאַמען די מינוט און די רגע די „קאָללס“ אויפצונעמען; ס'רעט זיך אַזוי: „קאָללס“, — אַז ס'האָט געקענט אַראָפגיין צוויי־דריי טעג, ביז ס'האָט ווער אָנגערופן... און איבערהויפט אָפהיטן מיט אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט די רעגעלע וויזיט־שטונדן, ווי באַלד ס'וועט זיך עמיץ אַריינוויזן — אַרום דעם יעניגן אַרומלויפן; בלויז מיט אַ העפלאַכן שמייכל שוין צו דערלאַנגען אַ זשורנאַל, ס'זאָל זיך יענעם נישט לאַנגווייליקן ביים וואַרטן, ביז דער דאָקטאָר וועט אים צייט האָבן אויפצונעמען; כאָטש דער דאָקטאָר האָט אַלעמאָל גענוג צייט געהאַט און אפילו גלייך געקענט אויפנעמען, נאָר ווייל ס'האָט שיין אויסגעזען אַזוי, מ'זאָל יענעם לאָזן אַביסל וואַרטן, און ס'זאָל זיך באַקומען דער איינדרוק: אַז דער דאָקטאָר איז דאָ געפערלאַך פאַרנומען, שטאַרק „ביזי“, און ס'קומט גאָר נישט אָן גרינג זיך צו אים צו דער־שלאָגן...

און אַזוי ווי דער יונגער אָפיס־באָי איז נישט געווען קיין מאָוס'ער, און פאַרשטאַנען אויך די קונץ פון אומגיין זיך זייער העפלאַך, — האָט ער געהאַט גרויס מזל צו די "פּיישענס", און איטלאַכער האָט אים ביים אַוועקגיין, עפּיס געגעבן; נישט קיין סך, אָבער דאָס געלט וואָס ער האָט געקריגן איז פאַר'ן געווען גענוג און איבריק, און ס'איז ביי אים אינגאַנצן געבליבן; אַז, וואָס האָט דאָס אַזאַ באָי אינגאַנצן באַדאַרפט צו האָבן?... ווען עסן און אַ „רום“ האָט ער געהאַט ביים דאָקטאָר, אַ

„סוטל", צווי "סוטלאַד" האָבן זיי אים גענינגט; בלויז צו אַ „שאָו", אויף מוזאווינג־פּיקטשור צו ספּענדן, און איינמאָל אין זונטיק,
— וואָדעוויל...

איז אַזויערנאָך אויסגעקומען, אַז דער דאָקטאָר לאַקס וואָס האָט נאָך דערוויל געהאַט ווייניק פּראַקטיק, זאָל זיין אויף צרות, זיך אָפּהאַקן די הענט פאַר אַ פּעני, און דער באַי זיינער
— מער אָלרייט פאַר אים...

מאַרגאַרעט, דערשפּירנדיק: דער אָפּיס איז אין דר׳ערד, און דעם טאַטנס קעשענע איז פאַרמאַכט, האָט זי געהאַט טענות צו איר מאַן, דעם דאָקטאָר, אַזוי ווי ר׳וואָלט געווען אַ חיוב,
— ווען איר פאָטער האָט זיך געלאָזט קאָסטן אויף אים אַ סך טויזנטער, און ער איז, ווי מ׳זאָגט, אַ גוטער דאָקטאָר — זאָל ער דערפאַר אויך אַ סך פּראַקטיק; און נישט בלויז געהאַט טענות נאָר טאַקי זיך אַרומגעקריגט מיט אים אויך, כאָטש ס׳האָט נישט געהאַט אַזאַ שיין פּנים, — נאָר ביי איר איז דערפון נישט געווען אַזוי שטאַרק נתפּעל צו ווערן, ווייל זי האָט דאָך געשטאַמט פון פּראָסטע טאַטע־מאַמע, וועלכע זיינען אפשר ביז גאָר נישט לאַנג צוריק געווען פּשוט׳ע און געמיינע לייט, און ביי וועלכע ס׳איז שטאַרק אין דער נאַטור זיך אַרומצוקריגן...

דר. לאַקס איז געווען שטאַרק געפאַלן ביי זיך. כאָטש ער האָט גאָר נישט געוואָלט און ווייט נישט געווען איינפאַרשטאַנען, אַז זי זאָל זיך אַזוי פּוצן און אַרומהוליען, ווי־ווען זי איז געווען אַ מיידעלע; און אין איר גיכער געוואָלט האָבן מער אַ סאָ־לידע, פאַרשטענדיקע, וואָס זאָל זיך מער פּאַסן צו דער אַנגענעמער שטילער, געמיטלאַכער רואיגקייט, וואָס אין אַ דאָקטאָרס אָפּיס,
— ער האָט אָבער נישט געקענט און נישט געטאָרט אויך רעדן איבער אירע ווייטגייענדיקע קאַפּריזן, ווען ער האָט איר באַלד די געוויינטלאַכע קליינינקייטן נישט געקענט נאָכקומען...

פאר אנדערע, אז ס'איז אויסגעקומען, האט די אייגענע צע־לאזענע מארגארעט, קענטיק: אזוי ווי ס'וואלט איר יא שטארק באריכט וואס דער אפים איז נישט אזוי געהויבן — גערעדט זייער שטארק באגייסטערט וועגן דעם דר. לאקס, אלץ איינס ווי ער וואלט נישט איר מאן געווען; גערעדט וועגן זיין גרויס־קייט, וואס דער געגנט ווייסט נישט ווי געהעריק אפצושעצן, און זיך חלילה נאך אומגליקלאך מאכן מיט אלעמען, אויב ס'זאל אים אנשטיין ארויסצומופן...

און זיך צונויפטרעפנדיק דערנאך באלד מיט אים, — ארויפגעלאזט ס'קעפל:

— כ'וויים גארנישט, וואס דו קלערסט צו טאן, אז איך זאל וועו א מאל האבן אויף דעם אלעם וואס כ'באדארף, און נישט גיין דאס אויסבעטן ביים טאטן, ר'זאל מיר אויף יעדע זאך באזונדער צושטייער געבן...

איז דער דר. לאקס געבליבן דערשלאגן:

— וואס באדארפסטו דאס אזוי געניייטיק?... כ'זע: דו גייסט גאנץ נישטקשהדיק אנגעטאן...

האט זי אים געוויזן:

— אדרבא, זע: די שיך מיינע?... אזא זאך ווי א פאר שיך... בעטן זיי זיך: זיי האבן מיך שוין גענוג געדינט, און כ'זאל זיי צורולאזן...

האט עס אים פארקלעמט ביים הארץ, און אוועקגייענדיק, מעשה־שטן, געברויכט אנטרעפן דעם באי זיינעם, וועלכער האט, וויסנדיק, געסייפט געלט, און נישט ווילנדיק פון דער האנט אוועק, אים אפגעשטעלט:

— כ'וואלט אפשר געקענט קריגן ביי דיר א גמילת־חסד עטלאכע דאלער...

דער באי האט דאס אים גערן געגעבן, וואס ער האט נאכ־גיכער אוועקגעטראגן צום ווייב:

— ניי, קויף דיר שיך, וואס דו ווילסט...

דערנאָך האָט דר. לאקס זיך אראָפּגעלאָזט אין א ווייך־געבעטן „טרי־פיעס“, און דער קאָפּ איז ביי אים אראָפּגעפאלן ווי ביי א טויטן; געהאלטן צוגעמאכט די אויגן, און זיך אזוי ווי באַ־דענקט אין די אַלע מעגלאַכקייטן, די ערשטע: וואָס ס'וואָלט נישט מעגלאַך געווען אין ערגיץ אויף דער גאנצער וועלט, אז ער זאָל ווערן דאָקטאָר, און אין די צווייטע: זיין א דאקטאר מיט אַן אָפיס, האָבן אַן אייגן הויז, א דריי טויזנט דאלערדיקע מאשין, א שיין ווייב, רייכע שווער און שוויגער, און ברויכן כאַפּן פון דער האנט א גמילת חסד ביים באַי זיינעם...

די יונגע שיינע מארגארעט האָט געוואוסט, וואו ביי ווע־מען איר מאַן, דער דר. לאקס האָט גענומען געלט, און ס'האָט ביי איר אויסגעזען, אזוי ווי זי וואָלט קליינערהייט אויסגע־נאַרט ביי דער אַלטער דינסט, אירע אַנגעקליבענע פּענים; נאָר אזוי ווי זי האָט די ערשטע חרפּה אראָפּגעשלונגען און ס'האָט איר חלילה נישט פארשאַט, נאָר ניכער אזוי פיל פארגעניגן און הנאה געהאַט פון די שיינע זאכן — אים דערנאָך שוין באַוואוסטזיניק ווייטער געטריבן דערצו; און דער דר. לאקס, איר מאַן, וועלכער איז דאָך נאָר בלויז געווען דער אמעריקאנער דאקטאָר, דער היימישער באַנק־קוועטשער, וואָס וואָלט אין דער היים געבליבן א ישיבה־בחור, — איז שוין ממילא געגאַנגען צום באַי נאָך געלט:

— כ'באַדאַרף האָבן א פּופציק דאָלאַר, פּליעז...

שפּעטער:

— פינפאונצוואַנציק...

און נאָך שפּעטער שוין:

— א פינפערל...

ביי דעם באַי, דעם איינגעבוירענעם אמעריקאנער באַי, וואָס האָט זיך באַצויגן מיט אזוי פיל יראת־הכבוד צום דאָקטאָרס

אַפּיס, — האָט זיך דאָס אויסגעוויזן, ווי ס'וואָלט אים אַ גליק גליק געשען — ר'קען דעם דאָקטאָר זיינעם אַ טובה־טאָן; אים אָפּגעבן די עטלאַכע דאָלער, וועלכע ר'האָט אגב ביי אים אַליין געמאַכט, און די אפילו וואָס ר'האָט נישט געהאַט געמאַכט, נאָר זיך נאָך באַדאַרפט אָנבאָרגן פאַר אים צווישן זיינע פריינט...

דעם דר. לאַקס האָט דעם באַים צופרידנקייט געשטאָכן; אויסער דעם, וואָס ער האָט זיך געפילט אַזוי טיף געפאַלן און נישט געזען, ר'זאָל אים דאָס קענען אַמאָל צוריקגעבן, האָט זיך אים אַריינגעלייגט, ווי ס'געשיקט זיך, אַ קריינק אין קאָפּ אַריין, דאָס דער באַי גייט אַרום און באַרימט זיך, אַז דורכדעם וואָס ער בראַקט אין אים אַריין די עטלאַכע דאָלער, איז ער, פּונקט ווי יענער וואָס האָט אַביסל אויף אַ דאָלער פון דער „סטייט“־באַנק, איז ער אַ שותף צו איר, — אַזוי איז ער אויך אַ שותף צו אים; און געמיינט: אַז יענער איז נישט בלויז מער שמעלקע מיט אים, נאָר אויך מיט'ן אַפּיס זיינעם, מיט'ן הויז, מיט דער מאַשין, און, ווער ווייסט — אויב נישט ווערן באַלד, און זיך האַלטן אַזוי ווי איינער וואָס קויפט אָפּ דעם גאַנצן „סטאָק שערס“ פון אַן אונטערנעמונג, — דער גאַנצער בעל־הבית דאָ, איבער אַלעם; נעמען אַ דעה זאָגן אין אַלעם, וועלן: ער זאָל אָננעמען “פּיישענס“ דוקא ווען ער וועט האָבן צייט, און ס'וועט זיך אים גלוסטן, — און בכלל אים נאָך לאָזן זיין ביי זיך בלויז צוליב זיין איינזען, ווייל ר'האָט אַזאַ גוטן און איידעלען כאַראַקטער, און דערוויל נאָך נישט אינגאַנצן און מיטאַלעמען הייסן גיין...

מאַרגאַרעט איז געווען אין זיבעטן הימל; און אַז איר מאַן, דער דר. לאַקס האָט אויף איר שטאַרק פּאַראַיבל געהאַט:

— צוליב דיינע שמאַכטעס דאַרטן, האָב איך זיך באַדאַרפט אַזוי נידריק מאַכן ביי אַ באַי, כ'זאָל אים נישט קענען קוקן אין די אויגן אַריין...

האָט זי, דאָס רייכע, פון דער היים צעלאָזענע ווייבעלע — זיך גאַנץ אומשולדיק אָנגערופן:

— וועלל, שיק אים אוועק!...

— און וואו וועל איך אים נעמען דאָס געלט אוועקצוגעבן?...

— האָט ער איר אָנגעקוקט.

האָט זי געלאַכט:

— וואָס טויג אים געלט?...

דר. לאַקס האָט שטאַרק פּאַראיבל געהאַט אויף איר לייכט־זין, נאָר זי, אַ פּנים, האָט געגוג שכל געהאַט אויסצופירן איר קאַפּריז, און דערצו כלומרשט אים גענומען שמייכלען, דעם באַי, מאַכן חנדלאַך — דעם מאַן אַרויסצוברענגען פון געדולד, ער זאָל מיינען: זי מיינט אויף אַן אמת מיט אים.. און ווען ס'איז נאָך ביי אים ביז איצט בלויז געווען אַ קריינק, און ס'האָט זיך אים בלויז געהאַט אויסגעדוכט, אַז דער באַי טראַגט זיך אַרום מיט דער הוא־אמינא, אַז ר'האָט שטעקן אין אַלעם אַ גלייכן חלק, איז דאַך איצט שוין מער קיין שום ספק נישט געווען אַז ער ווערט שוין אַ גאַנצער מחותן מיטן ווייב זיינעם; און דער אויפגעפּלאַמטער פּאַרדרוס, — וואָס ס'האָט נאָר געקענט מעגלאַך זיין ביי אַזאַ דר. לאַקס, דעם היימישן באַנק־קוועטשער, — האָט אָפּגעווישט ביי אים דאָס ברעקל געפיל פאַר יושר, וואָס ער האָט נאָך ביז דאַן פאַרמאָגט, און אַן שום חכמות געזאָגט צום באַי:

— דו האָסט מער קיין אָרט נישט ביי מיר...

מאַרגאַרעט האָט שטיל געלאַכט פון איר מאַן, דעם דאָקטאָר, וואָס ער איז געווען אַזאַ נאַר צו גלייבן, אַז זי האָט עפּיס געמיינט דערמיט. אָבער ס'האָט איר גלייכצייטיק שטאַרק הנאה געטאָן, וואָס זי האָט אים דערמיט אַרויסגעבראַכט פון געדולד, ער זאָל האָבן די דרייסטקייט אוועקצושיקן דעם באַי, און זיך נישט ברויכן אַלעמאָל די הויט פון לייב אַראָפּצוועסן...

דער דר. לאקס, איר מאַן, ווידער, איז גאָר נישט געווען געהיילט דערמיט; און געקוקט, אַלץ איינס ווי פריער — טריב אויפן געגנט, וואָס האָט זיך אמת, שטארק פארבויט, אָבער נישט געוואָרן אַלץ מער באַזעצט מיט מענטשן; און דער אָפּיס — נישט געקאָנט אַלץ צו עפּיס בעסערס דערלעבן, אַז ר׳זאָל קענען געניגן טאָן זיין יונג ווייבל, די בילד־שיינע מאַרגאַרעט, זי זאָל נישט זיין געפּאַלן ביי זיך, און טאַקי אים אויך נישט מער נ׳טויט מאַכן:

— אַזוי ווי דער פאָטער האָט זיך געלאָזט קאָסטן שווערע טויזנטער, זי זאָל האָבן אַ מאַן אַ דאָקטאָר מיט אַן אָפּיס, — זאָל ער איר ערשט נישט קענען „סופּלייען“ מיט אַלעם נייטיגן...

א וואוילע מויד

זי איז געווען זייער א שלעכט מיידל, ביילע; קליינערהייט זיך געוויזן — א שלאנג; אז ס'האט איר עמיץ א קניפ געטאן אויף א געלעכטערל — האט זי גענומען קוויטשן, ווי מ'וואלט איר געשאכטן; און דער יעניגער איז געבליבן שטיין א דערשראקע־נער צום טויט, געמיינט: „מי־יודע, וואס?" און זיך געהאלטן אין איין איבערפרעגן:

— וואס האב איך דיר געטאן?... וואס האב איך דיר אזעל־כעס געטאן? פון א קניפ שרייט מען אזוי?...

אין שטוב איז מיט איר געווען א ריין גהינום; האט זיך די מוטער מיט איר פארווינטשן דעם טויט; זי האט איר נאר גע־זוכט צו בעשטאטן ערגעץ אויף א שטעל; אבער זי האט זיך אין ערגעץ, אויף קיין שום שטעל נישט דערהאלטן, ביילע; אזוי גיך, ווי זי האט זיך געשטעלט דינען, ביילע — האט איר שוין די בעל'הבית'טע משלח געווען, געשיקט אין נאס אריין:

— גיי דיר דיין וועגס; דו ביזט נישט פאר מיר...

א מיידל — א הויכע, א דארע, מ'האט אויף איר ליב געקענט אנציילן די ביינער; לאנגע פיסלאך ווי די שטעקלאך; א מיאוס מיידל ווי די נאכט, און שלעכט ווי א יאשטשער...

בלויז די ליפעלאך זיינען ביי איר געווען דינע, איינגעשניר־טע, און די ברעמען ארום די אויגן — שמאלע, די איינציקע חנ'ד־לאך מיט וואס זי האט זיך געהאט אויפצעווייזן...

קיין יונג האט זיך אויף איר נישט געוואלט אומקוקן: אז

ס'האָט זיך אַמאָל יאָ געטראָפן אַ יונג, וואָס האָט עפּעס חשק גע־קראָגן, און זיך אוועקגעשטעלט איר נאָכקוקן, גענומען מלאַסקען מיט די ליפּן, זיך בע'טעמ'ט מאַכן ס'מויל, — האָט איָם אַן אַנ־דערער באַלד פאַרשלאָגן דעם אַפּעטיט:

— אַ ביסל ביינער... נישטאָ וואָס אָנצונעמען ביי איר...

און פונדעסטוועגן האָט זי שוין געהאַט אויף זיך אירע בעלנים, ביילע: יונגען, מיט וועלכע זי האָט זיך ליב געהאַט ארומצושלעפּן ביז נאָך דער האַלבע נאַכט. — האָט זי געלעכערט די אויערן מיט אירע קולות און געלעכטערן פון די פינסטערע געסלאַך...

אַ ווארים מיידל, מיט אַ סך בלוט — האָט זי געברענט פאַר אַ שטיקל יונג, און באַלד יונגערהייט אָנגעהויבן צו הוליען מיט יונגען; און וואָס מער זי האָט געהוליעט מיט זיי, אַלץ מער האָט זי זיי זיך אָפּגעמאוסט, און זיי האָבן זיך דערוווייטערט פון איר... קיין איינעם פון זיי פאַר קיין חתן נישט באַקומען...

האָט זי זיך אָנגעהאַנגען וועלכן ס'איז יונג אויפן האַלז און קעציש זיך געדרייט און געשלענגלט:

— נעם מיך פאַר אַ כלה...

אַזוי האָט דער יונג גלייך אויסגעדרייט פון איר, און זיך אָפּ־געטראָגן, נישט געוואָלט איר קענען...

די שטאָט האָט זייער געהאַט צו טאָן מיט איר; אַלטע ווייבער האָבן איר פאַרשריגען די יאָרן:

— זי זאָל גאָרנישט ארויסוואַקסן, די מויד...

און אידן האָבן איר געזוכט ארויסצו'פּטר'ן פון שטאָט...

איז זי אין איין שיינעם פרימאָרגן פאַרפאַלן געוואָרן, ביילע: אויסגערונען געוואָרן; די מוטער איז איר ארויסגעלאָפן זוכן, —

איז איר געבליבן נישט מער געווען; האָט די שטאָט אָפּגעצויגן דעם אָטעם:

— פּטור געוואָרן פון אַ שלאַק, אַ צרה...

נאָר די איינע אַלטע מאַמע, וואָס האָט זיך שטאַרק מצער געווען; טאַקי איר געשאָלטן פריער; דער׳כעס׳ט; און איר נישט איינמאָל דערלאַנגט מיט אַ שטיק האָלץ איבער דער פּלייצע. אָבער — אַז זי איז מער נישט געווען, ביילע, אין די אויגן, — איז זי שוין דענסטמאָל געווען אַ גוט קינד; האָט זי מער איר שלעכטס־קייט נישט געדענקט... און וואָס פאַר אַ צרות יענע האָט איר צו־געטיילט...

— אַ גוט קינד, אַ שלעכט קינד, אונטער די אויגן — איז אפילו יעדעס שלעכטע קינד — אַ גוט קינד...

אַ צייט האָט מען פון איר נישט געהערט, פון ביילען; איז שטיל געווען אויפן געסל, וואו איר מוטער האָט געוואוינט: האָט מען נישט געהערט איר העלישן קוויטשען נאָך דער האַלבער נאַכט, ווען די מוטער האָט געשניטן ס׳לעדער פון איר לייב; זאָגן די שכנים געקענט רואיק גיין שלאָפן, און געוואונטשן:

— זיי וועלן די נאַכט שלאָפן במנוחה...

האָט זיך דאָס שטעטל אין אַ שיינעם פרימאָרגן אויפגעכאַפּט:

— גוט מאָרגן, ביילע!

ביילע איז צוריקגעקומען...

מיטן ערשטן קוק, האָט מען גלייך געזען, — ס׳איז נישט די זעלביקע ביילע; די ביילע האָט אַ רויט פּנים וואָס איז אָנגעשמירט מיט פאַרב, מיט אונטערגעשלאָגענע אויגן...

האָט זיך אַ וויי־געטאָן ס׳שטעטל מיט איר, און געוואָרן אויפגערודערט:

— צו וואָס ביזטו אהער געקומען ?...

זאָגט זי :

— מאַכן אַ לייט פון די יונגען; זיי זיינען גאָר קיין לייט נישט דאָ, אין שטעטל; שלאָפן אָפּ זייערע יאָרן מיט גאָר נישט...

לויפט מען מיט אַ גוואַלד צו דער מוטער :

— זעט איר איינצוהאַלטן, זי זאָל נישט איבערפירן אַ שטאָט יונגע לייט ?...

וויינט די מוטער :

— וואָס קאָן איך טאָן ?... נעמט'ס און באַגראָבט איר, די מויד... איר זעט דאָך : איך האָב איר איבער דער שוועל נישט געלאָזט... באַלד אין די ערשטע נאַכט, כ'האָב געזען מיט וואָס זי שמעקט — שוין מיט איר די טיר אויסגעבראָכן...

וויגט זיך ס'שטעטל, קערט זיך איבער ; מיילער פאַרמאַכן זיך נישט :

— זי צעלייגט אַ פייער אין שטאָט, די חצופה...

— ס'גהנים צינדט זיך אָן דאָרטן, וואו זי גייט...

— קליינע קינדער וועלן אונטערגעשניטן ווערן אָן יאָרן...

וואוילע יונגען שאַרפן זיך די ציין אויף איר — איר אַרט נישט; און אַז מ'זעט, ס'גייט נישט מיט בייזן, איז מיט גוטן; פאַר־פירט מען מיט איר אַ טענה :

— וואָס ווילסטו, אַז דו זאָלסט צוריק אַוועק !.. מ'זאָל דיין מרפה פנים נישט אָנקוקן !...

קלערט זי נישט קיין סך, און זאָגט :

— אַ חתן...

אַ חתן ?...

לויפט קינד־און־קייט זוכן פאַר איר אַ חתן...

מען שטעלט אַפּ א יונג, און מ'פרעגט אים אויפן אויער:

— ווילסט ביילען פאַר א כלה?...

און אז ער גיט נישט יענעם קיין שאַס אין די ציין אריין — איז ער נאָך א צדיק, דער יונג...

און ביילע ווידער, ווייסט נישט פון קיין גליקן; זי זאָגט:

— א חתן, איז א חתן; און נאָך וואָס פאַר א חתן?.... דוקא אויף צוויי פים מיט צוויי הענט... מיט צוויי אויגן... און נישט קיין קאַליקע...

אַז זי גייט ארוים אויפן מארק, קלוג צוזאַמענגעשטעלט — כאַפּן איר באַלד ארום די פרומע ווייבער, און בעטן זיך קוים אַז מיטן לעבן ביי איר:

— גיי אריין אין שטוב... ווייז דיך נישט ארוים.. מ'וועט דיר שוין ברייננען דעם חתן אין שטוב אריין...

לאַכט ביילע צווישן אירע פיר ווענט, פאַרגייט פון געלעכטער:

— כ'האָב זיי אָנגעקריגען, די שיינע אידן: ווי אַזוי דען וואָלט איך אַמאָל געקענט א כלה ווערן, — כ'זאָל דאָס נישט געוועזן טאָן?...

די שיינע אידן ברייננען צו איר חתנים אין דער שטוב אריין, און ריידן זיי איין; מוזן צו אַלע צרות, נאָך אויף איר אויסטראַכטן שבחים:

— זי איז א צדקת, דאָס מיידל...

— זי איז א בריליאַנט...

— זי איז א גאָלדן קינד...

און קוים גייט פאַרביי א טאָג, ס'זיינען נישט געקומען עטלאַ־בע חתנים איר „שאָען", — זוכט זי באַלד אוים א קורץ קליידל וואָס גרייכט איר ביז די קני, ציט ארויף א פּאָר רויטע זאָקן אויף די פים, און מארש ארוים אין גאַס אריין...

האַלט די שטאָט אין מורא...

נישטאָ דערווייל קיין חתן.

קיין היימישער יונג וויל איר נישט קענען, מ׳זאָל אים אָפּ־גילטן...

האָט די שטאָט נישט גערוט, ביז זי האָט געברענגט אַ יונג פון ער־געץ, אויסגעגראָבן אַזעלכן אין אַ פרעמדע שטאָט, וואָס האָט פון איר פאַרשייטקייט נישט געוואוסט — און זי אים איינגעשלייערט ; אים אָנגעשטאָפּט מיט געלט, מיט מלבושים, און אַז דער יונג זאָל זיך נישט מיישב זיין, טענה׳ן חרטה, — תיכף געלאָזט שטעלן אַ חופה...

צו דער חופה, איז ס׳ערשטע מאָל פון פאַר דער גאַנצער צייט, — אויך געקומען די אַלטע מאַמע, און איר אַ קוש געטאָן אין קאָפּ :

— אויב דו האָסט דאָס געטאָן, מיין קינד, ווייל דו האָסט געוואָלט חתונה האָבן ווי אַ אידישע טאָכטער, — זאָל עס דיר נישט גערעכנט ווערן...

איז ביילען געקומען אַ טרער אין די אויגן, און זיך געוואָרפן די מוטער אויפן האַלז :

— ווי אַזוי דען וואָלט איך אַמאָל געקענט אַ כלה ווערן, מאַ־מע, — כ׳זאָל דאָס נישט געוועזן טאָן ?...

אַלטע ווייבער, וואָס זיינען אין די יונגע יאָרן געוועזן פאַרשייט, און מען האָט מיט זיי געהאַט צו טאָן, — האָבן אין דער שטאָט אַ נקמה דערלעבט :

— אַ שיינע ריינע כפרה אויף אַזאַ שטאָט ; אַז זי האָט דאָס געקענט באַווייזן — האָט זי געמעגט...

ביי אלטע באשעס איז ס'פּנים געוואָרן געריינצלט:

— איר פייגעלע איז שוין אַ מיידל אין די יאָרן און קאָן נישט קיין כלה ווערן...

אַ ליכטיק באַחנ'ט מיידל, נאָר האָט קיין מזל נישט צו חתנים; ריכטיקער: דאָס מזל האָט זיך פון איר אָפּגעטאָן... וואָרים פריער, ווען זי איז נאָך נישט געווען אין די יאָרן, און די בעקלאַך אירע האָבן געבליט, האָבן בחורים, יונגעליַיט, פאַר איר דווקא יאָ געהאַט די כפרה, — נו, האָט פייגעלע דאַמאָלט נעהאַלטן פאַרריסן ס'נעזל, און זיי געזוכט צו פּטר'ן אונטער פאַרשידענע אויסריידן:

— דער בחור איז צו הויך...

— יענער יונגערמאַן — צו נידריק...

ביז די יונגעליַיט האָבן זיך אויסגענומען, און זי איז געבליבן זיצן, פייגעלע; אירע בעקעלאַך האָבן זיך אָפּגעלאָשן, געוואָרן בלייך; ס'זיינען אונטערגעוואַקסן פרישע מיידלאַך, לעבעדיקע, צאַפּלדיקע קאָרעשלאַך, מיט פלאַמענדיקע בעקלאַך, אויפגעשרויפטע פּיסקלאַך, קוויטשיקע קול'כלאַך, נאָך וועלכע די יונגעליַיט האָבן געהאַט נאָכצולויפן, און זי, פייגעלע, איז אַראָפּ פון מאַרק...

אַזוי ווי זי וואָלט גאָר קיינמאָל נישט מער געווען, פייגעלע...

פייגעלע'ס מאַמע, אַלטע באַשע'ס, האָט זיך לכתחילה אויך שטאַרק געהאַט איבערגענומען מיט איר טעכטער'ל; און כאָטש זי האָט שוין אַזוי געוואָלט דערלעבן דאָס נחת, איר מיידל זאָל אַ כלה

ווערן, איז זי נאכאלעמען נישט וויניק צופרידן געווען פון איר טעכטערלס איבערקלייבן ; און געווען שכור, וואס א גאנצע וועלט בחורים האבן זיך אזוי שיין געצאפלט, ווי די פישלאך אין נעץ, ווען זיי האבן איר געזוכט צו קריגן ; ס'האט איר אפשר דארט א פיק־געטאן : „וואס מ'טאר נישט דורכווארפן אזוי פיל יונגע־לייט", האט זי דאס אליין פארגלעט, ווייל זי איז געווען זיכער, אזוי זיכער ווי ס'מוז מארגן זיין נאך א טאג איבער דער וועלט. — אז איר פייגעלע וועט שפעטער, מארגן, איבערמארגן, זיך מוזן אפשטעלן ביי איר באשערטן, און גיין מיט אים אונטער דער חופה, אין א מזל'דיקע שעה...

געקומען דרייען דער קאפ, האט ביי דער אלטע באשע'ס, שפעטער ערשט, קוקנדיק אויפן מיידל, ווען די חתנים האבן געקומען ווערן זעלטענער, און זי האט גע'חלש'ט, — פייגעלע זאל איינגיין א בלה צו ווערן פאר וועלכן בחור ס'זאל נישט זיין ; און נאכדעם, ווי די בחורים האבן אינגאנצן אויפגעהערט קומען, איז זי גע־באך געווארן פארזארגט, די מאמע, אדער : קליגער, און אנגע־הויבן פארשטיין איר קלאג :

— אז דאס מיידעלע אירס האט זיך אליין איבערגעפירט... צופיל נאך זיך געלאזט נאכלויפן... אליין נישט געוואוסט, וואס זי האט צו וועלן פון די יונגעלייט פאר די בעקלאך אירע...

פייגעלע אליין איז נאך ווייט נישט געפאלן ביי זיך ; בליי־בע בעקלאך זיינען אויך בעקלאך, — זאגט זי — און איז זיך אזוי שטייף געגאנגען ווי פריער, געהאלטן פארריסן ס'נעזל, כאטש ס'איז נישט מער געווען פאר וועמען...

אבער אלטע באשע'ס, די מאמע פייגעלעס, אז זי האט גע־זען, דאס מיידל רוט זיך אפ א יאר נאך א יאר, און ס'איז נישט

קיין געלעכטער מיט איר, האָט זי שוין לענגער מורא געהאַט זיך צו שפּילן מיט פייער, און געזאָגט צום טעכטערל:

— פריער, אַז דו האָסט דיר געקאָנט אויסקלויבן אַ חתן מיט אַלע מעלות — האָסטו אים פאַרשפּילט; אַצינד ווילסטו ווידער זיצן און אים אויסקוקן, ביז ער וועט זיך מישב זיין, אַז דו האָסט דיך מישב געווען, און קומען?... ניין... איך האָב שוין נישט אויף אַזוי פיל קיין סבלנות... איך וועל אים גיין זוכן, און אים דיר ברענגען...

האָט זי זיך אויסגעטאָן דאָס שעם־היטעלע, די מאַמע, דאָס מאַמע־לע, און גענומען גיין איבער די טירן פון די הייזער...

— זי זוכט אַ חתן פאַר אַ מיידל — געזאָגט, וואו זי איז געקומען — אַ ליכטיק מיידל, אַ וואויל מיידל, אַ באַ׳חנ׳ט מיידל, — און אפשר ווייסט מען פון אַ בחור... מילא, זי וועט שוין אָוועק־קוקן... (גלייך גענומען אַראָפּלאָזן...) נאָר אַ בחור, וואָס זאָל כאָטש ווערט זיין דעם אוצר... (און זיך דאָ גענומען אָנשווערן ווידער מיט די האַרבסטע שבועות) אַ וואויל מיידל... אַ ליכטיק מיידל... אַ באַשמעקט מיידל... וואָס מ׳זעט באַלד נישט אין אַ האַלבע וועלט... און ווער ס׳וועט איר אָנקריגן וועט ערשט וויסן פון אַ לעבן... וועט יענעם זיין ליכטיק זיין וועלט..

ביז אַלטע באַשע׳ס איז איינמאָל געקומען צוקריכן אין אַ הויז און ס׳איז אַרויסגעקומען צו איר ביילע רחל, אַ ווייבל, מיט אַ גערינצלט פּנים, (קענטיק, גלייך אָוועק פון אַ געצאַנקעריי מיט וועמען...) ווייל זי איז געווען פאַרביטערט, און זיך צערגערט מיט אַלטע׳ן מיט די זעלביקע ווערטער, ווי אַלטע אַליין פלעגט ריידן:

— אפשר ווייסט איר, אַלטע, האַרציקע, טייערע, פון אַ בחור, אַ יונגענמאַן, זי דאַרף געניייטיק מיטן לעבן אַ חתן פאַר אַ מיידל, אַ טייער מיידל, אַ וואויל מיידל, אַ באַ׳חנ׳ט מיידל...

איז אַלטע באַשע׳ס איינגעפאַלען ס׳האַרץ, הערנדיק דאָס;

ס׳לשון געוואָרן אָפּגענומען, און נישט געזען מער באַלד די טיר יואו צוריק ארויסצוגיין...

און ביילע רחל האָט דערווייל געקענט אוועקלייגן, וואָס ס׳איז איר אַזוי שווער געלעגן אויפן האַרץ:

— אַזוי פיל גוטע מעלות, וואָס ביי איר מיידל... איר שיינ־קייט... פיינבאַנעמען זיך... וואוילגעלערנטקייט... וואָלט שוין געווים פון לאַנג אַ כלה געוואָרן, נאָר דער איינער חסרון, וואָס זי האָט געהאַט פליגן אין נאָז, און פאַרבראַקירט די בחורים טוצנ־וויז; געמיינט: ווער ס׳וועט איר דאָ, פאַר איר שיין פּנים׳ל, אויפכאַפּן... דערווייל זיינען זיך די בחורים צעלאָפן; מיד גע־וואָרן גייענדיק... און איצט, אַז זי וואָלט שוין יאָ גע׳פּועל׳ט יע־נע זאָל אוועקוקן, טאָ וואו נעמט מען אַ יונגנמאַן?...

איז אַלטע־באַשע׳ס מיט איין מאָל ליבטיק געוואָרן אין קאָפּ, און זיך אָנגערופן צו איר:

— ווייסט איר וואָס, ביילע רחל? איך האָב אַזאַ יונגנמאַן, ווי איר דאַרפט, און איך וואָלט אים אייך גערן אוועקגעגעבן, ווען איר גיט מיר ווידער אַזאַ בחור פאַר מיינס אַ מיידל...

— ס׳אַרא מיידל?... — האָט זי איר אָנגעקוקט, ביילע רחל.

— אַ וואוילע, אַ טייערע, אַ כשר׳ע נשמה, — די אייגענע מעשה, — וואָלט שוין לאַנג געווען אַ כלה געוואָרן, און אפשר גאָר חתונה געהאַט אויך, ווען זי וואָלט זיך נישט צופיל געווען איינגערעדט, און זיך איבערגענומען מיט איר שפּיציק נעזל, ווייסע ציינדלאַך, געקרייזלטע לעקלאַך...

— גוט! — האָט זיך אָנגערופן ביילע־רחל, — כ׳האָב אַ אינגערן זון, ער האַלט אפילו נאָך נישט ביי קיין שדוך, נאָר אויב די שוועסטער זיינע זאָל דורך אים קאָנען אַ כלה ווערן, וועט ער געווים באַשטיין אויף ס׳אַרא מיידל ס׳זאָל נישט זיין...

— שוין גוט! — האָט זיך דערפרייט אַלטע באַשעס, — כ׳גיי שוין אהיים הייסן מיין זון אָנקוקן דאָס מיידל אייערס; ער האַלט אפילו נישט נאָך ביי קיין שדוך, נאָר אויב די שוועסטער

זיינע זאָל דורך אים קענען אַ כלה ווערן, — וועט ער געווים באַשטיין, ס׳אַרא מיידל ס׳זאָל נישט זיין..

אַלטע באַשע׳ס, פייגעלעס מאַמע, האָט אויך געהאַט אַ זון, אַ שפּאָר שטיקל זונדעלע, וואָס מ׳האָט אים צעטראָגן מיט שדוכים, איז אָבער נאָך ס׳גלות געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט זיך נישט גע־לאָזט צוריידן, אַ שדוך צו טאָן, מיט דעם אויסרייד:

— ער וויל נישט דערמיט פאַרשאַפן קיין צער אַן עלטערע שוועסטער, איר פאַרשעמען, ער זאָל אַ חתן ווערן, אפשר נאָך חתונה האָבן, און זי זאָל זיצן...

איצט איז ער געגאַנגען זען דאָס מיידל, וואָס די מאַמע האָט אים געהייסן גיין זען, מיט אַ גדולה; אפילו נישט געבליבן מיט אַלעם אַזוי צופרידן; אַהיימגעקומען, — צוגעלייגט, ברוגז׳לאַך, און זיך קאַפּריזנעט פאַר דער מוטער:

— ס׳אַ מיידל שוין אין די יאָרן... מיט פאַרלאָשענע אויגן... אָן פאַרב אין די באַקן... ער וואָלט דאָך געקאָנט קריגן אַ יונג מיי־דעלע, ס׳האַרץ זאָל אים אָנקוועלן פון איר... נאַר, פאַרפאַלן.... פייגעלען צוליב, וואָס וועט ער נישט טאָן? חתונה האָבן אפילו מיט אַ שטעקן...

ביילע־רחל׳ס זון, ווידער, האָט נאָך געהאַט דער מוטער׳ס מילך אויף די ליפּן; און אַז די מאַמע האָט ווידער אים אָנגעזאָגט:

— דו וועסט דאַרפן גיין אָנקוקן אַ מיידל, — דיין שוועסטער זאָל געהאָלפן ווערן...

איז ער געקראָכן אויף די גלייכע ווענט, און מ׳האָט גע־מיינט, ער וועט משוגע ווערן פאַר צרות... אַ שעמעוודיק אינגל, הענט און פים האָבן זיך אונטער אים געוואָרפן, — אַז ער האָט באַ־דאַרפט שטיין און קוקן אַ מיידל גלייך אין די אויגן...

די מיידלאַך ווידער זיי האָבן געשוויגן; און ביי זיי האָט מען

נישט געפרעגט, אויב די יונגעלייט זיינען זיי געפעלן געוואָרן. גאָרנישט ווי מ'וואָלט זיי געמיינט... און געבראָכט באַשטיין אויף אַלצדינג...

און ס'קען זיין, זיי האָבן זיך גאָרנישט געבערעקלט מער מיט די יונגע בחורים'לאַך, אפשר געוואוסט: זיי כאַפּן אַ מציאה.... גיכער געווען זיכער, אַז די יונגעלייטלאַך מוזן זיך דאָ ביי זיי באַשטימט מיט עפּעס אָפּנאַרן... נאָר ווייל זיי האָבן קיין ברירה נישט, קאָנען זיך נישט העלפן, מוזן זיי חתנים ווערן פאַר זיי...

און די גליקלאַכע מחותנת'טעס, ווען זיי האָבן אויף איין רגע פרייער אָפּגעצויגן דעם אָטעם, און אַראָפּגעוואָרפן דעם עול פון די מיידלאַך, האָבן זיי זיך טאַקע באַלד אַרומגעזען, אַז די זין זיינען מיאוס אַריינגעפאַלן, און ס'האָט זיי גענומען פּיקן אַ פּאַרדרוס:

— הע ?... נישט יענער'ס מיידל, וואָלט דאָך איר זון באַשטימט געווען בעסער אויסגענומען...

— הע ?... נישט יענער'ס מיידל ווידער, וואָלט דאָך איר זונדעלע, אודאי געקענט אַ סך בעסער אויסנעמען...

און זיי האָבן זיך אַזוי גיך גענומען אַרומרייסן ביי די קעפּ, אַז ס'האָט אויסגעזען, ווי דיביידע שדוכים וועלן ווידער, צוליב די יונגעלייט, וואָס האָבן זיך אַזוי שטאַרק געזאָלט האָבן אָפּגענאַרט אין די מיידלאַך, — אין איין שיינעם טאָג האַלטןביים צעגיין...

זייער שוועסטער

פון די דריי שוועסטערלאך, איז די איינגסטע געווען דער יונג אין דער משפחה ; די עלטערע צוויי שוועסטער — די באשיידענע, צוריקגעהאלטענע און געזעצטע ; שוין קינדווייז האט זיך די קליינע, ווי מ׳האט איר גערופן, אפילו ווען זי איז שוין געווען גענוג גרויס געוואקסן — געשניטן פאר א לאבוזל, אויף וועלכן מ׳האט געזאגט :

— ס׳וועט זיין א מויד, א שייגאץ...

און זיך טאקע אויך פון באלד גע׳חבר׳ט מיט איינגלאך. טויזנט מאל מער ליב געהאט די וואויל־אינגלשע שפילערייען, וואס באשטייען אין רייטן, פארן, לויפן, ווי דאס מיידלש־פלעגמאטישע צוקלייבן פון א קליידעלע פאר א לאלקע, דארטן...

נרויסערהייט, האט זי, ווי מ׳האט איר נאך אלץ גערופן : די קליינע מיט זיך פולגעמאכט אלע ווינקעלאך ; דאכט זיך : נאך גווי מיידלאך מיט איר אינאיינעם, און נאך דערצו מיידלאך, וואס האבן געהאט די לענג — הויך אנגעוואקסן, שיין געקליידט, ליינער באנעם, זיידענער שמייכל, האט מען פונדעסטוועגן נישט מער געוואוסט ווי פון דער קליינע :

— די קליינע גייט...

— די קליינע פארט...

— די קליינע רייט...

די קליינע, ווי קליין זי איז נישט געווען, האט זי די גרויסע שוועסטער פארשטופט אין א מויזנלאך, — און מ׳האט פון זיי די קלאנג נישט ארויסגעזען.

אז די יונגעלייט זיינען אריינגעקומען אין שטוב, האט זי נישט גערוט; נישט געהאט קיין זיצ־פלייש; איז זי געשווימען: א פלי, א כאפ, א ציטער, א שפליטער, יעדע רגע אן אנדערער קלאנג, אן אנדערער פלאטער, אין אן אנדער ליכט...

ס׳האט געברימ מיט איר...

האבן זיך די אנדערע מיידלאך, די צוויי, שטארק איבערגענומען אין זייער שוועסטערל, די קליינע, און פון גרוים פארדרוס איר גענו־מען אונטערשטעלן א פיסל; אויב זי איז טאקע יא אזא בחור׳טע, וואס די גאנצע וועלט יונגען איז איר ווייניק — האט מען געזוכט פאר איר א טויט; איר צוגעשאנצט א יונג א דר׳ערדליגער, זי זאל זיך גיין איר וועג...

זי איז טאקע אינגער געווען, נישט אזוי שטארק אינגער ווי די דערוואקסענע צוויי מיידלאך האבן זיך עלטער אנגעזען, — אבער אזוי ווי מ׳האט איינגעזען, דאס ווי לאנג די קליינע וועט מיט זיי אינאיינעם זיין, וועט זיך קיין בחור אויף זיי נישט אומ־קוקן, אזוי האט מען צוערשט מיט איר ארומגעדרייט:

— נא דיר א יונג, און גיי דיר דיין וועג...

שוין?... האט מען דאך געקאנט מיינען: די צוויי מיידלאך זיינען טאקי געהאלפן?... א ווייטאק: די קליינע האט פריער גע־זאלט חתונה האבן פאר די עלטערע שוועסטער, נאר ס׳איז דאך געווען זיכער, צוויי מאל צוויי, — זי איז זייער באגרעבער, זייער מלאך המות...

האבן זיי זיך אויך גאנץ שיין אפגענארט.

ווארים אזוי ווי די קליינע איז אוועק, איז אן איר געבליבן ליידיק די שטוב; און א געלעכטער, געבליבן ליידיק...

די יונגעלייט האבן אויפגעהערט אריינקומען, אזוי ווי ס׳וואלטן

גאָר קיין מיידלאָך נישט מער געווען, קיין צוויי דערוואַקסענע שיי־נע מיידלאָך.

און זיי האָבן זיך געכאַפּט, די צוויי עלטערע שוועסטער: דער שכל איז אַ קריכער, און קומט אַלעמאָל דערנאָך — אַז זי איז זיי די נשמה נישט שולדיק געווען; גיכער, האָבן זיי גאָר אין איר זכות געגאַסן... און אַנשטאָט וואָס זיי האָבן זיך געמיינט אַ טובה צו טאָן דערמיט, וואָס זיי האָבן איר פאַרטריבן — זיך נאָכגיכער אַ רעה געטאָן...

מיט איר, דער קליינער, איז ווי נישט, געווען אַנ׳אַנדער לעבן, צוליב איר העלן לאַכן, פאַרשייט שטיפן, האָבן זיך די אייגענע גלידער אויך געשטייפט, די בעקלאָך פאַרביק געררייטלט, און פון גרויס קנאה צו איר — אָפּגעריסן אַ ברעקל חנ׳דעלע, אויפן שפּיצ־מעסער זאָל זיין, — פאַר זיך, ביי וועלכן ס׳איז נישט בחור׳ל, און ערשט איצט פאַרשעמט אַראָפּגעבויגן די קעפּ, זיך אויפגעגעסן פאַר חרפּה, ווען ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די קליינע איז גע־ווען גערעכט, ווען זי האָט געזאָגט:

— זי איז אַלץ־מיט־אַנאַד; אָן איר איז גאָרנישט...

די קליינע, ווידער, איז אַוועק, נו, ווי דער שטייגער איז פון די אַלע פייגעלאָך, וואָס כאַפּן אַריין אַ מאָן אויף איין פוס, כאַפּ־לאַפּ.

— אַז זיי פאַלן שטענדיק אַריין איבערן קאָפּ, און שניידן קיינ־מאָל נישט גוט אָפּ...

האָט זי באַלד אויף מאָרגן זיך גענומען אַרומקריגן מיט אים, און ווי געוויינטלאָך, אַז מ׳קריגט זיך שוין יאָ — נעמט מען יעדע קלייניקייט אויפן שפּיץ־מעסער; איז שוין רעכט, מ׳זאָל זיך אָפּ־דרייען די קעפּ איבער גאָרנישט.

זי:

— דער קוש איז נישט קיין וואָרימער, וואָס דו גיסט מיר איינ־דערפרי, ווען דו גייסט אַוועק פון שטוב.

און ער:

— דו קוקסט מיר צופיל אויף מיטוואָך, אַז כ'קום אַהיים ביי דיר זוכן אַ שמייכל.

האָט דאָך אַזאַ קליינע פליגן אין נאָז: אַ קליין קעפל מיט צו־געשווירענע הערלאַך, זיסע ליפּעלאַך, פּיסלאַך — ווי די דראָטלאַך, איינגאַנצן — שפּינבע־דעגינגע, איז — ווי האָט מען פּאַרצייטנס גע־זאָגט: „אוים כלה, צוריק מויד". פאַרוואָס זאָל נישט זיין: אוים ווייבל און צוריק... אַ מיידל?

ס'אַ חלוק: פון אַ נעכטיק ווייבל ביז אַ היינטיק מיידל?...

געקומען צו די שוועסטער, איז זי כמעט די אייגענע, קליינע, פאַר־שייטע, אַ האָר נישט אַנדערש פון פריער; אויף אַ האָר נישט גע־פאַלן ביי זיך — דאָס אייגענע העלע געלעכטערל, דראָבנע שמייכעלע, זיס חנ'דעלע...

אַי, זי איז דאָך פּאָרט אינאיינעם געוועזן מיט אַ מאַן, נו, — האָט זי זיך גיכער אַזעלכעס ערלויבט, וואָס זי וואָלט זיך פריער, זייענדיק אַ מיידל, נישט געוועזן ערלויבט; און נישט, חלילה, ברעך, אָבער שוין מיט אַזאַ גליטשיק מינעלע, וואָס אַ מיידל ווייסט נאָך דערווייל נישט, ווי לאַנג זי ווערט נישט קיין ווייבל — וואָס איז זיך דאָ צו נאַרן?...

און דאָס האָט נאָך מער גענומען די יונגעלייט...

און פונדעסטוועגן האָבן די עלטערע שוועסטער, די צוויי, כאָטש זי איז נאָך געקומען אַהיים דער אייגענער וואוילער יונג, דער לאַ־בוז, — שוין נאָכדעם איבער איר אויפגעהויבן די קעפּ...

דאָס קרענצל יונגעלייט, וואָס האָט איר אַרום אַזוי געקלעפּט ווי די בינען; די אייגענע יונגעלייט, וואָס זיינען פון פריער אַזוי געלאָפן אויף איר, ווייל יעדער האָט זי געוואָלט אָנקריגן — זיי־

נען שוין נאָכדעם פיל געלאַסענער געוועזן ; זיי זיינען געקומען, געלאַט, ווייל מ'האָט באַדאַרפט האָבן אַ שטיינערן האַרץ, ס'זאָל זיך נישט געבן קיין ריר, ווען אַזאַ יונג ווייבליך באַשעפעניש האָט גערייצט מיט אַלע אירע פאַרפירערישע שמר'שטיק, וואָס האָבן אין איר געשטעקט...

אָבער ווי ס'איז נאָר געקומען נענטער, און ס'האָט זיך געדאַרפט עפּעס אויסצופיקן — איז שוין אַזאַ בחור'ל נישט מער געווען ביי זיך אין דערהיים, און פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזן ס'קעפּל :

— טאַקי אַ פאַרגעניגן מיט איר, אָבער גיי, האָב חתונה... פאָרט אַ ווייבל !...

אַ ווייבל, אַ מיידל, אפשר ווייסט איר ? אַ גרויסע זאַך ? ס'אַ חלוק : פון אַ נעכטיק ווייבל ביז אַ היינטיק מיידל ?...

נאָר די מורא : אויב אַ מאַן איז ביי איר אַזוי גרינג אויף דער נשמה, און מ'קאָן אפילו צוליב אַ וויכטיקע זאַך, אָדער נישט — ס'איז דאָך קיין חלוק נישט, — זיך באַלד פאַנאַנדערגיין מיט אַ מאַן, איז דאָך קיינער ביי אַזעלכע נישט זיכער ?

און ווער וויל זיך דאָס לייגן מיט אַ געזונטן קאָפּ אין אַ קראַנק בעט אריין ?...

און אַזוי ווי די קליינע איז שוין געווען געפאַלן אין די אויגן פון די יונגעלייט, און אַזוי גיך ווי ס'האָט נאָך וועלכער פון זיי גענומען אין איר צווייפלען, אַזוי זיינען זיי שוין אויפגעשטאַנען איבער אים, די עלטערע מיידלאַך, און נאָכגיכער אים גענומען פאַר'כשופ'ן מיט זייערע גליענדיקע אויגן, פיינעם באַנעמען זיך, אַז אַזעלכער האָט שוין מער נישט געקענט אָפּשטיין פון זיי...

און ערשט געזען וואָס מ'האָט קיינמאָל נישט ביז אַהער, צוליב דער קליינער, געקאָנט זען : פיינע קינדער... זעלטענע מיידלאַך... און גוטע נשמות... טאַקע נישט אַזוי שיין, אָבער דערפאַר אַזוי פיל אַנדערע מעלות... פיינע מעלות...

און ס'איז מיט זיי געווען, פונקט ווי מ'קומט אריין אין א וויין־שענק, מ'וויל א גוטן טרונק וויין, און ס'איז נישטא, נאר אל־טער, פיינער מעד, — טרינקט מען מעד פאר וויין ; און די יונגע לייט, איידער זיי זאָלן אוועק ליידיק, האָבן זיי גענומען די עלטע־רע צוויי מיידלאַך, און מיט זיי חתונה געהאט...

אז די קליינע איז אליין געבליבן האָט שוין נאכדעם דער יונגער־מאַן וואָס איז צו איר אריינגעקומען, נישט געהאט אויסער אויף איר, מער אויף ווער ווען צו קוקן ; איז יענער וואס האט זיך בא־לייגט : „ס'טויג נישט פאר אים" — נאכגיכער אוועק ; און יענער, וואָס האָט זיך ווידער נישט געמאכט דערפון, וואָס זי קאָן נאָך אמגל מיט אים אויך אזוי ארומדרייען ווי מיט דעם פריער־דיקן מאַן אירן, נאָר זיך געטראכט : „היינט לעב איך, וויל איך הנאה האָבן..."

אזעלכער האָט איר גענומען...

צוזאמענקומענדיק זיך נאָכדעם מיט די עלטערע שוועסטער אירע, האָט זי ערשט געלאכט :

— נישט אנדערש, ווי דאָס אהיימקומען איר'ס א גרושה, איז פאר זיי געווען די ריכטיקע ישועה, זיי זאָלן נישט בלייבן זיצן...

אויף וואָס די עלטערע שוועסטערלאַך, די צוויי, האָבן איר נישט פארשוויגן :

— ס'איז גאָרנישט אזוי ווי זי רעדט זיך איין, די קליינע ; זי האָט געמוזט צוריקקומען, ווייל זיי, די עלטערע, האָבן בא־דאַרפט פריער חתונה האָבן ; און איצט האָט זי זיך מסתמא אויך שוין איר באשערטן אפגעזוכט...

איר געלעכטער

ס׳קליינע, מאָגערע מיידעלע האָט קיינמאָל נישט געלאַכט; איר פּנים׳ל האָט בלויז געשמייכלט, אַזוי ווי זי וואָלט פון אַלעם זיס הנאה געהאַט.

עפּעס אַ געלעכטער, אַ טיף געלעכטער, וואָס זאָל אויפטרייסלען די לופט — האָט זיך קיינמאָל נישט אַרויסגעריסן ביי איר, פון אונטערן הערצעלע...

זי איז געווען אָפּגעשלאָסן און פאַרמאַכט, דאָס מיידעלע; איר זים אנגענעם שמייכלען צווישן יונגע־לייט, — האָט בלויז גערייצט, און ס׳האָט קיינער נישט געקענט אויסנעמען ביי איר, זי זאָל זיך אַמאָל צעלאַכן...

מעגלאַך, ווייל זי איז נאָך געווען אַזוי יונג, דאָס מיידעלע, אַזוי צאַרט, און נישט רייף גענוג זיך איבערצונעמען פון אַ חנ׳דיק־לע, אָדער — יונגערהייט שוין געווען אַזוי זאַט, און ווי אַן אַלט געמיט געבליבן גלייכגילטיק צו אַלע פאַרגעניגנס; און ס׳איז נישט געווען מער אַזעלכעס, וואָס זאָל ביי איר אַרויסרופן דאָס הילכיקע געלעכטער, יענע טיפע, זיסע פרייד...

די יונגעלייט וואָס האָבן זיך אַרום איר געדרייט, גע׳חכמה׳ט: געשטעלט אויפן קאָפּ, געקראָכן פון דער הויט, דאָס אַנדערע האָבן זיך נישט געקענט איינהאַלטן פון לאַכן, און דאָס געלעכטער זאָל זיי נישט צעלייגן, — האָט אַלץ דאָס מיידעלע אויף אַלעם געשמייכלט מיט איר זים נאַטירלאַך שמייכלעלע, און זיך נישט צעלאַכט...

אַזוי, איז זי שטענדיק געווען פרייליך, נישט גערעט, נאָר כמעט געזונגען; אַ דין קוויטשיק קול׳כל געהאַט, אין איר שטימעלע איז

געוועז ווי ביי א יונג פייגעלע; זי איז נישט געגאַנגען נאָר גע־שפּרונגען אויף די צוויי דאַרע פיסלאַך...

קוקנדיק אויף איר זיס שמייכלדיק פּנים'ל, האָט זיך נישט געוואָלט גלייבן — אַז די זיסע מינע זאָל זיך קענען ענדערן אפילו אין שלאָף; און מ'האָט געקענט זיכער זיין — דאָס שלאָפנדיק מוז זיך דאָס פּנים'ל מסתמא אַזוי זיס שמייכלען, ווי ביי א מלאך'ל...

איר שמייכעלע, דעם מיידלס, איז געוועז די פּשוט'ע הנאה, וואָס זי האָט פון אַלעם געהאַט; פון א בלעטעלע, א זומער־פייגעלע, ביז א פּיצל פליגעלע...

זי איז געוועז דאָס צאַרטע, צופיעשטשעטע קינדעלע, וואָס האָט ווי א שמעטערלינגל זינגענדיק, שפּרינגענדיק — אויסגעלעבט אירע טעג; שוימענדיק, רוימענדיק — אָוועקגעשאַרט די יונגע־לייטלאַך, וואָס זיינען איר באַפאַלן ווי די בינען...

איר זיס שמייכעלע האָט נישט צוזוגעלאָזט קיינעם, און אימלאַכן האָט זי דערפרייט דערמיט, אָנגעוואָרימט און פאַר־טריבן...

עלטערוועדנדיק, האָט זי זיך שוין גענומען פאַרקוקן מער אויף א יונגנמאַן; האָט שוין אויך איר הערצעלע גענומען קלאַפּן, אַז יענער האָט איר אָנגערירט ביים הענטל; אָבער איר שמייכע־לע האָט זיך דערמיט נאָך אַלץ נישט אָראָפּגעגליטשט פון אירע בעקלאַך; אַז זי איז געגאַנגען מיט אים, — האָט דאָס שמייכ־לע בלויז געקענט ווערן ברייטער, צעצווייגנער.. און מ'האָט געקענט זען: ווי עס פאַרבט זיך דאָ העלער, דאָ טונקעלער... לויטן טיק־טאַק פון איר הערצעלע... עס ווערט דאָ אַזוי נאָענט צום וויינען, צו א קינדיש וויינען, און באַלד נאָענט צו א געלעכטער, צו א שיין געלעכטערל, וואָס איז אָבער נאָך אַלץ קיין געלעכטער נישט געוועזן...

דאָס שמייכעלע בלויז, וואָס איז פריער געווען זוניק־העל־יונגטלאַך, ווי דער פרימאָרגן — האָט שפּעטער, ווען זי האָט אָנגעהויבן גיין מיטן יונגנמאַן, געוואָרן מאַטער, מאַטער און טיפער; מער עכט און ווייניקער זאָרגלאָז, ווייניקער שפּילעוודיק...

העכער איר הערצעלע האָט געקלאַפּט, ברייטער איז איר שמייכל געוואָרן, און דער יונגערמאַן האָט געזען דאָס ווען ער נעמט איר אָרום, ווערט דאָס שמייכעלע איינגעשרומפּן, און אַז מיט יעדן האַנט־דרוק, מיט איטלאַכע לאַסקע — גייט דאָס זיסע, ליבע שמייכעלע צוביסלאַך אַראָפּ פון פּנים, און נעמט זיך אויס; אין די בעקלאַך פאַלן אַריין גריבלאַך, ס׳מיילכל נעמט זיך פאַנאַנדער, און ס׳נעמט דאַרויף קוועלן אַ טיף געלעכטערל, וואָס הערט זיך נישט, זעט זיך נישט, און לאָזט זיך בלויז פילן...

אַזוי האָט ער גענומען זיין מער צערטלאַך צו איר, מער אַרויסווייזן זיינע לאַסקעס, און שוין אָנגעהויבן באַצייטנס איר צו קושן, ווי ער וואָלט דערמיט געוואָלט פאַרטרייבן דאָס זיסע שמייכעלע פון איר פיצל פּנים׳ל, גענצלאַך פאַרטרייבן; וואָרים, ער איז געווען זיכער, דער יונגערמאַן, דאָס אין דער רגע ווען דער שמייכל גייט אַוועק, לעשט זיך אויס ביז גאָר, אַזוי גיט זיך דאָס הערצעלע איר׳ס באַלד אַ ריס, און זי הייבט אָן צו לאַכן, הויך, הילכיק, צו לאַכן מיט אַ זילבערנעם געלעכטער...

צווישן טאָג און נאַכט, ערגעץ אויפן פעלד, ווען די זון איז אונטערגעגאַנגען, האָט ער זיך מיט זיין רויט בלוטיק האַרץ אויף איר יונגע ברוסט אָנגעשפּאַרט; זי איז אין אָנפאַנג געווען שטיל, אירע אויגן האָבן ליכטיק אָנגעקוואָלן, און האָט פיינלאַך געצויגן דעם אָטעם, וואָס איז כסדר געוואָרן שווערער פון זיין דריקן... און פון זיין האַלדזן...

איר באַ׳חנ׳ט פּנים׳ל איז דאַן שוין געווען ערנסט, איר זיס

שמייכעלע — זיך שוין געהאַט אָפּגעטאָן ; און פון אינוועניק, וואו דאָס הערצעלע האָט זיך אַזוי אומרואיק געהויבן — האָט שוין עפּעס גענומען אַרויסשפּאַרן אַ גנעלעכטערל, אַ דין גנעלעכטערל, אַ יונג געלעכטערל...

און וואָס מער זי איז אויסגעגאַנגען אונטער זיינע גלידער, גע־וואָרן אויסגעבריט פון זיין הייסן אָטעם, — מער ווייטאָגלאָך, מער צאַפּלדיק, איז איר געלעכטערל געווען ; דאָס שמערצלאַכע געלעכטערל האָט באַלד אַזוי העל אויפגעפלאַמט ; און ס׳האָט פון דאָרט אַרויסגעלאַכט, טיף אַרויסגעלאַכט איר יונגע מיידלשע דייפקייט...

דאָס אָנשיקעניש

מרס. בליקער איז געווען אין די בעסטע יארן, ווען דער מאַן איז איר אָפּגעשטאָרבן; זייער אַ באַשיידענע פרוי, האָט זי זיך נישט געקענט באַלד נאָך זיין טויט אַרויסשטעלן „פּעדלען" אויפ׳ן „סטריט", און נישט געוואָלט אָנקומען צו קיינעם נאָך טובות, אַזוי איז זי געבליבן ווי אויפ׳ן וואַסער; מיט די עט־לאַכע דאָלער וואָס זי האָט יאָ אָפּגענומען פון דער לאַנדסמאַנ־שאַפטלאַכע סאָסייעטי, וואו איר גאָטזעליקער מאַן און שפּייזער האָט פון פאַר אַ סך יאָרן באַלאַנגט, — האָט זי קוים געהאַט צו באַצאָלן די רענט, און זיך אויסצוקויפן מיטן לעבן פון אַנדערע, זייטיקע חוב׳לאַך, און באַלד ווייטער נישט געהאַט מיט וואָס דעם טאָג אַ׳בערצוקומען...

נישט אַזאַ עלטערע פרוי נאָך, איז איר פונדעסטוועגן גאָר נישט איינגעגאַנגען, צוליבן כבוד און אַכטונג צום געשטאָרבענעם מאַן, מיט וועלכן זי האָט אָפּגעלעבט מער ווי דרייסיק יאָר, זי זאָל שוין אינגיכן וועלן חתונה האָבן פאַר אַן אַנדערן, און ווען אפילו יאָ, — מאַכט זיך שוין אונטער דער האַנט ווי מ׳וויל, אַ לייטישער מאַן?...

האָבן שכנים, גוטע מענטשן, וואָס האָבן צוגעזען איר עלנט, — אַן עצה געגעבן, אַז זי זאָל זען וועמען אַריינצונעמען אין די שטובן; פיר שטיבלאַך, קיין עין־הרע — פול אָנגעשטעלט מיט, ווען אפילו נישט „איי־וואָן," אָבער אַלץ "פּאָרניטשור", און איין מענטש אַליין דרייט זיך אין זיי אַרום. זאָל זי וועמען אַריינעמען, און קודם האָבן צושטייער אויף רענט; און אַז מ׳האַלט שוין נאָך אַ מענטש, אָדער צוויי, ווי געשיקט זיך,

אַז ס׳פֿאַלט נישט עפּיס אַראָפּ ביי זיי, און מ׳זאָל האָבן וואָס צו נעמען אין מויל אַריין?...

האָט זיך די מרס. בליקער באַרעכנט:

— ס׳וואָלט נישט שלעכט געווען, נאָר וואָס וועט דער לענדלאָרד זאָגן: כ׳וועל אים אָנלאָזן פולע שטובן מיט מענטשן?..

— ער וועט נאָך גערן זעען, — האָבן זיך די שכנים געהאַלטן, — ביקאָז, זי וועט אַליין נישט קענען צאָלן די רענט, און אַז זי וועט זיין מיט וועמען, — וועט ער האָבן אַ מנוחה׳דיקן קאָפּ...

אַליין, זי זאָל זיך אַריבערציען צו יענעם אין אַ „בעדרום“, — האָט זי נישט געוואָלט הערן; ס׳איז איר אַ שאַד געווען אויפצוגעבן ס׳הויז; אַז זי איז אַריינגעקומען אין די איינגעשטעלטע שטובן, — האָט זי געהאַט דאָס געפיל, ווי איר מאַן וואָלט געלעבט, און נאָר בלויז געווען פאַר אַ שטיקל צייט אַוועק; און באַזונדער, — ווי לאַנג זי איז געווען מיט׳ן הויז זאַכן אינאיינעם, — האָט זי זיך נאָך אַלץ געפילט די אַלטע בעל־הבית׳טע, כאָטש אַן אָפּגעקומענע, ווען ביי יענעם אין "בעדרום", האָט זי געוואוסט, וועט איר לעבן זיין אָפּגעהאַקט מיט אַלעמען . . .

אַז די שכנים האָבן דאָס פאַרגעשלאָגן, האָבן זיי, נאָך איידער זיי האָבן געהאַט אַ רעכטן ישוב מיט איר, — שוין פון ערגיץ אויסגעקראַצט אַ מיידל, וואָס איז געבליבן ביי איר פאַר פיר דאָלער אַ חודש אין דער טונקעלער „בעדרום“; זי האָט איר געלאָזט פאַר אַזוי ווייניק געלט, כדי זי זאָל באַשטיין אַריינצונעמען נאָך אַ מיידל צו זיך אין בעט, — ס׳זאָל איר אויסמאַכן מער...

נאָר ווי ס׳איז נישט, דערזועענדיק די ערשטע פאַר סענט נאָך איר מאַנ׳ס טויט, און פון וואָס זי וואָלט זיך גאָר קיינמאָל נישט געריכט, — פון די שטובן, האָט זי אויפגעעפנט די

אויגן; ארויסגעהאנגען א „טור־לעט“, און ביז ווען־וואס, דער־ווייל געדעכנט, געמאסטן די שטובן: אז זי זאל צערוקן די טישן, איבערשטעלן ס׳מעבל, א סך שטיקער וואס זיינען גאר איבעריק ,דער מאן לעבט נישט, — ארויסווארפן, אזוי קען זי דרייסט אויפשטעלן עטלאכע בעטלאך, ס׳זאלן זיך קענען דערהאלטן נאך מיידלאך; און ווען די אנדערע מיידלאך, — האט זי בארעכנט — וועלן איר, ווייל ס׳וועט זיי אויסקומען צו שלאפן אינאיינעם, אין איין שטוב, אפילו צאלן מיט א דאלער ווייניקער, — וועט זי נאך אויך גאנץ שיין האבן...

און שפעטער, ווען ס׳האט זיך אויף דעם ארויסגעהאנגענעם "טור־לעט" ארייגעוויזן א פריש מיידל, וועלכע איז אויך בא־שטאנען צו בלייבן פאר די זעלביקע פיר דאלער, אלס שותפ׳טע צו דער אנדערע העלפט פון בעט, וואס איז׳ם פינסטערן „בעד־רום“, — איז זי פלוצלינג דערגאנגען, דאס א חוץ וואס מ׳האט פון די ביידע מיידלאך פארן שלאפן, באלד אזוי פיל — ווי די גאנצע רענט וואס זי ברויך צאלן, איז נאך דא ביי זיי א קוואל פון פרנסה; די דאזיקע מיידלאך, אז זיי קומען א היים נאך דער ארבעט, — מאכן זיי זיך ס׳רוב אליין „סאפער“; און דאס וואס זיי לאזן איבער און דערעסן נישט, קען זי זיך אויך גאנץ שיין דערנערן דערפון; און ווער רעדט, אז זיי גיבן איר דאס געלט, זי זאל פאר זיי קאכן — קויפט זי באלד ראשית, פאר ווייניקער, ווי מ׳לאזט איר איבער און קאכט ווידער, מעשה בעל־הבית׳טע, אזוי, אז דער וואלף זאל זיין זאט און די ציג גאנץ; זיי זאלן האבן צו דער זעט, און זי אליין — אויך נישט בלייבן הונגעריק...

די מיידלאך ווידער איז דערמיט געווען גוט, נישט ווייל זיי האבן געהאט דאס עסן, אהיימקומענדיק, — שטיין אויפן טיש, נאר ווייל די מרס. בליקער איז געווען אן ערלאכע פרוי, א גרינגע אין די ביזנעס, און נישט געוואוסט נאך פאר דער האנט

ווי די אנדערע פרויען, וואָס גיבן זיך אָפּ מיט האַלטן מיידלאַך אין "באָרד", — צו באַרייסן, נעמען פאַר יעדן ברעקעלע מיט גאָלד צוגלייך, און האַלטן דאָס שלאָפן זייער'ס נאָר פאַר אַ זייטיקע זאַך...

די מרס. בליקער האָט גאָר אליין נישט געוואוסט, וואָס די מייד־לאַך רייסן זיך צו וואוינען ביי איר; דאָס מיידל ווידער וואָס האָט דאָ געוואוינט, האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זי מעג גאַנץ דרייסט אינדערפרי לענגער שלאָפן מיט אַ האַלבע שעה; און אויף דער האַלבע שעה קוקנדיק, — שוין געקענט אויף דער נאַכט לענגער אויפזיין — צוויי שעה, וואָס ס'האָט אַ סך אויס־געמאַכט; אויפגעשטאַנען שפּעטער, האָט זי זיך, וואָס דער אמת, צוגעאיילט ביים אָנטאָן, און דערפאַר שוין נישט באַדאַרפט צו „וואָרקן" גאָר, נאָר גלייך נאָכן ערשטן שפּרונג פון די שטיגן, — אַריין אין אַ „סטריט־קאַר", געכאַפּט אַ "באָס", אַרויף אויפן "עלעווייטאָר", צו גאָר זיך אַראָפּגעלאָזט אין "סאָבוויי", וואָס ס'האַרץ האָט איר געגלוסט, און אַ קליין ביסל שפּעטער שוין געזעסן ביי זיך אין „שאָפּ", און געאַרבעט...

און אַזוי ווי מיידלאַך וואָס זאָלן זיך צו איר איינדינגען — זיינען געווען לרוב, איז זי רק געווען פאַרטאָן, די מרס. בליקער, מיט די שטיקלאַך שטיבלאַך, זיי אויסצוברייטן אַזוי, ס'זאָלן קענען וואָס מער מיידלאַך אין זיי אַריין, און געהאַלטן אין איין מאַכן פּלענער: זי וועט אַריינשטעלן דעם "דרעסער" אינעם פינסטערן שטיבל, וועט זי האָבן אַן אָרט וואו אוועקצו־שטעלן אַ בעט; אַראָפּשטעלן דעם טיש פון „דיינינג־רום" אין "סעלער" אַריין, — איז פאַרגעווויס דאָ אַן אָרט פאַר אַ בעט; און זיך מיט אַמאָל דערזען אין פולע שטובן מיט בעטלאַך, אין וועלכע ס'שלאָפן מיידלאַך, און זי, די בעל־הבית'טע, דרייט זיך אַרום, היט זיי מוטערלאַך אָפּ, דערלאַנגט זיין פון אַ גלאָז

מילך, אַ זעמעלע מיט פּוטער, אַ ביסעלע קרים, און האָט זיך
ביי זיי אַזוי גוט, אַזוי גוט — — — — — — — — — — — —
— — — — — און נישט געוואוסט, נישט זי, אַזוי די מיידלאַך,
פון דער צרה, וואָס האָט זיך דאָ אויף זיי אָנגעליינגט...

אויף דעם אייגענעם „פלאָר", צו די „בעק", האָט געוואוינט אַ פרוי,
די „נעקסטדאָריקע" פון די מרס. בליקער, — איינע פון
יענע ווייבלאַך, וואָס האָבן איר לכתחילה גע'עצה'ט דאָס צו
טאָן, — אויך אַ וואוילע און אַ בכבוד'ע, נאָר דאָס איינע
אומגליק, וואָס זי האָט געהאַט זיצן אין דער שטוב עטליכע
דערוואַקסענע מיידלאַך, עלטערע מיידלאַך, וואָס האָבן נע־
באָך, פאַר קיין שום אידישע טאָכטער געזאָגט, — נישט גע־
קענט קיין שדוך טאָן..

און די דאָזיקע אַלטע מיידלאַך האָבן, ווי געוויינטלאַך, אַז
זיי האָבן זיך עטלאָכע מאָל אין טאָג דורכאַנאַנד געטראָפן
ביים אַריין־און־אַרויס־גיין אינם זעלביקן הויז, — מיט די
אַנדערע מיידלאַך, וואָס האָבן געוואוינט ביי די מרס. בליקער,
געמאַכט צווישן זיך באַקאַנטשאַפט, און באַלד געוואָרן היימיש;
און אַזעלכע מיידלאַך ווידער, ווי די וואָס האָבן געוואוינט ביי דער
מרס. בליקער, יונגע שאַפּ־מיידלאַך, האָבן דאָך ווי ס'גיט זיך,
— געהאַט יונגעלייט, באָיס; באָיס, אויף וועלכע זיי האָבן
דערווייל ווייניק נאָך געקענט טראַכטן, — האָט דאָך אַלנפאַלס
אַזאַ יונג מיידל, ווען דער באָי האָט איר צוגעפירט אַהיים, גע־
דאַנקט גאָט וואָס זי האָט אים וואו צו הייסן אויף דערווייל
אַריינגיין; וואָרים, זי האָט דאָך פאָרט נישט געוואָלט, אַז
דער אייגענער באָי זאָל זען, וואָס זי עסט... און ווי זי טוט
זיך איבער אין אַן אַנדער דרעסקעלע, אַזוי האָט זי געזאָגט צו אים:

— גיי דערווייל אַריין צו דער „נעקסדאָריקע"; נישטקשה,
ס'זיינען דאָרט אויך פאַראַן מיידלאַך, און דו וועסט זיך קענען
גאַנץ גוט „ענדזשאָיען", ביז איך אַליין וועל זיין מיט אַלעמען...

די מרס. בליקער, כאָטש זי איז נישט געווען צוגעוואוינט, מיידלאַך זאָלן זיך ביי איר אין שטוב חבר'ן מיט יונגעלייט, האָט פונדעסטוועגן, אַז זי האָט געזען: מ'פירט זיך אָרנטלאַך אויף, זיך נישט ווייסנדיק געמאַכט:

— וועלל, ס'אַזאַ וועלט! — זיך געטראַכט, — אַז אַ מיידל וויל גיין מיט אַ באָי וועט זי זיי שטערן?... דערצו אַז זי שטייט־איין ביי זיי אין דער האַנט?...

און די מיידלאַך אַליין, אַזוי גיך ווי זיי זיינען פאַרטיק געוואָרן מיט זיך: אָפּגעגעסן, זיך איבערגעטאָן, אָפּגעמאַלן ס'פּנים'ל, — מסתמא אַריינגעלאָפן מיט אַ גדולה צו די באָים, זייערע באָיעס, און דאָ מיט אַ מאָל דערזען ווי די אַלטע מיידן זיצן אַזוי פאַרפּלאָמט, און אַרבייטן אַריין אין זיי, — איז זיי שיער נישט גוט געוואָרן פאַר צרות...

— אַזוי גאָר?... מ'הייסט אַ באָי אַריינגיין פאַר אַ ווייל־ע אַהער, זיינען זיי אַזוי פאַרשייט, און ווילן אים גאָר אָפּריידן?...

און גראָד ווען די מרס. בליקער האָט זיך געהאַלטן אין באַדינגען מיט אַ פריש מיידל, פאַר וועלכע זי האָט שוין געזאָלט אויפשטעלן אַ בעטל — זיינען די ערשטע צוויי מיידלאַך אַריינ־געפאַלן מיט אַ גוואַלט:

— מרס. בליקער, מיר מופן!... איר קענט איר אָפּגעבן אונזער בעט!...

איז די מרס. בליקער געבליבן שטיין ביז צום צייכן.

— פאַרוואָס?... ס'טויג אייך נישט?... אַזוי שלעכט האָט איר זיך ביי מיר, איר גייט אייך זוכן בעסערס?...

— ניין! — האָבן די צוויי מיידלאַך גע'טענה'ט, — אַזאַ יאָר שוין צו אונז ס'אַ וואוילע פרוי איר זענט, און ווי גוט ס'איז שוין ביי אייך צו וואוינען, נאָר נישטמער, — ס'איז נישט פאַר אונז... ס'איז נישט פאַר אונז...

האָט די מרס. בליקער געמיינט: די מיידלאַך האָבן אפשר פאַר־

לוירן דעם "רזשאָב", און שעמען זיך אויסצוזאָגן; אָדער אפשר גאָר געקריגן אַרבייט ווייט־אַוועק, און זיי "מופֿן" נענטער צום אָרט, און זיך דעריבער נישט אַזוי שטאַרק מצער געווען, צום הארץ גענומען; דערצו־נאָך, ווען די דאָזיקע מיידלאַך זיינען אַרויס, זיינען שוין אויפֿצומאָרגנס אַנדערע צוויי מיידלאַך אויף זייער אָרט געווען. און ס'בעט האָט זיך אפילו נישט באַוויזן איין נאַכט אָפּצורוען, וואָס האָט זי זיך דאָ ווידער געהאַט ס'לעבן צו נעמען?...

ביי די פריש־אַריינגעמופֿטע מיידלאַך זיינען די אַלטע מיידן פֿון אַקעגנאַיבער, שוין נישט געווען אַזעלכע נאַראָנים, — זיי זאָלן וואַרטן ביז יענע וועלן צו זיי אַריינשיקן די באָיס, נאָר טאַקי באַלד אַרוים אויסגעפּוצט — זיי אַנטקעגן, זיי געשלעפּט, אָפּגעריסן די פּאָלעס, פּראָסט נישט געלאָזט אַריינגיין צו זייערע "גוירלס", וואָס האָבן זיך אויפֿגעהאַלטן ביי די מרס. בליקער אין שטוב...

די מיידלאַך וואָס האָבן נישט געקענט ס'הויז, און נישט געוואוסט פֿון דעם בראַנד פֿייער, — האָבן פּלוצלינג באַקומען צו פֿילן, די באָיס ווערן אַנדערש, איבערגעקערט; זאָגן־צו צו קומען און קומען־נישט; קומען יאָ, איז אַ־פּנים, ווי פּאַר יוצא־וועגן, און קוקן זיך נאָר אַוועקצודרייען, אַזוי ווי ס'וואָלטן געשטאַנען אַנדערע הינטער זייערע פּלייצעס, און זיי געשלעפּט; און ווען די אַנדערע, האָבן זיי טאַקי דערשמעקט — זיינען די "נעקסטדאָריקע", אַזוי זיינען זיי אויך געקומען צו דער מרס. בליקער, וועלכע האָט זיך אפשר גראָד ווידער געקליבן אויפֿצורשטעלן בעטן, — מיט דער אייגענער מעשה:

— זיי וועלן נישט לענגער בלייבן שטיין ביי איר, און זי קען שוין מאָרגן אַריינעמען אַנדערע מיידלאַך אויף זייער אָרט...

איז די מרס. בליקער אויף אַ רעכט'נ־אמת געוואָרן דערשראָקן און נישט פֿאַרשטאַנען:

— וואָס ס'טוט זיך דאָ אַזעלכעס, וואָס די מיידלאַך אַנטלויפֿן בסדר, און קענען זיך נישט דערהאַלטן ביי איר?...

האבן די מיידלאך גע'טענה'ט:

— גארנישט; זיי האבן חלילה צו איר גארנישט; די וואוינונג געפעלט זיי זייער און זייער, נאר זי קען דאך נישט וועלן, זיי זאלן דא זיצן און צוקוקן ווי די אלטע מיידן פון דער "נעקסטדאריקע" רעדן אפ זייערע באים?... נישט קענען אריינקומען מיט א באי אין שטוב אריין, אז מ'זאל נישט מער זיין זיכער מיט אים?...

האט די מרס. בליקער קודם־כל אויסגעלאזט איר ביטער הארץ צו די אלטע מיידנ'ס קעפ, און זיך נאכדעם ערשט ארומגעזען, דאס אויב זי וויל האלטן מיידלאך אין „באָרד", וועלן זיי זיך דא אויף קיין שום אופן נישט קענען דערהאלטן ביי איר, און זי האט אוועקגעמופט...

אין די נייע "רומס" אבער איז איר שוין נישט געגאנגען אזוי מזל'דיק; זי האט זיך נעבאך געבראכן דעם קאפ, און נישט געקענט דערגיין, צי דערפאר, ווייל דאס ארט איז שוין נישט אזוי גוט, און ס'איז זיך שווער פון דארטן צו דערשלאגן צו א „קאר", אן „על"־סטיישאן, אדער — ווייל ס'האבן זיך גלאט געמאכט שלעכטע צייטן; און אז ס'האט זיך שוין ווען אמאל יא אפגעזוכט א מיידל און זיך באדונגען מיט איר פאר א דריטל געלט — האט זי טיפ־אפגעזיפצט, די מרס. בליקער:

— וואס זאל מען נעבאך טאן, אז דארט וואו מ'קען לעבן, לאזט מען נישט לעבן — וואס זאל מען נעבאך טאן?...

דער קעלער

ס'הויז האָט פאַרנומען אַן אַלטע מויד מיט קנייטשן אין פּנים, און שוין גראָע האָר אין קאָפּ; אַ שטיל מאָגער באַשעפעניש וואָס איז געווען אַזוי מאָגער און איינגעטריקנט ווי אַ דין ביימל, וואָס וואַקסט אויף אַ טרוקן זאַמדיקע ערד, און האָט נישט פון וואַנען צו ציען קיין זאַפט, קיין חיות...

אין קעלער פונם זעלביקן הויז האָט געוואוינט אַ יונג פאַר־אַרבעט פאָר פאָלק מיט אַ קינדעלע; ס'האָט בלויז געהייסן, זיי וואוינען אין קעלער, אָבער ריכטיק האָט זיי דער קעלער ווייניק פאַר די אויגן וואָס אָנגעזען... בלויז אויף דער נאַכט, איז ס'יונגע שוועער־פאַראַרבעטע פאָר־פאָלק געקומען אַהיים, אַריינגענומען דאָס פּיצל קינדעלע, וואָס זיי האָבן ביים אוועקגיין אין דער פרי, — אָפּגעגעבן אין פרעמדע הענט, און זיך ערשט אין אָוונט מיט דעם רעכט געפרייט אין קעלער...

ביי טאָג איז דער קעלער געווען טויט; האָבן דאָן אויבן אין די שטובן פון הויז, זיך געצויגן לאַנגע מאָנאָטאָנע ניגונים פון די אַלטע פאַרוועלקטע מויד, וואָס איז אַזוי ווי אַליין געווען אַ שטיק פאַרגעסן ליד; דעם גאַנצן גייענדיקן טאָג האָט דאָרט געשפּילט די שטילקייט, די געלאַסענע שטילקייט, וואָס איז געלעגן אַזוי בהרחבה'דיק צעלייגט איבער אַלע שטובן; די געטלאַכע האַרמאָניע האָט פאַרכאַפּט און אוועקגעטראָגן אין אַ ריין לויטער וועלטעלע, וואו עס האָט געלעבט און געאָטעמט אין ריינעם קלאָרען עטער דאָס אַלטע מיידל, ווי אַ שמעטערלינג צווישן בלומען...

אין אָוונט האָט די שטילע האַרמאָניע אירע צעשטערט דער פאַרשאָלטענער קעלער; אין אָוונט, ווען דאָס פון דער זון־אָנגעבאַקע־

נע פּאָר פּאַלק האָט זיך אָפּגעריסן אַהער, און דערצו נאָך אַריינגע־נומען ס'קינד, אַזוי איז אויבן מיט אַמאָל די געטלאַכקייט געוואָרן יואָכנדיק ; ס'אָטעמען פון דער שטילקייט זיך אויסגענומען, גע־וואָרן אויסגעגאָסן...

דער קעלער האָט גענומען שלאָגן מיט לעבן ; אינם גראָען עלנט, אינם חושך, האָט גענומען זינגען ס'קינד, ווען ס'האָט זיך ארומגעכאַפּט מיט די ליבע טאַטע־מאַמע, און זיי גענומען דערציילן פון די גרויסע נסים וואָס זיינען מיט אים געשען פאַר אַ גאַנצן טאָג; אַזוי האָט פון דעם קינדס גדולה, די הערצער ביי די יונגע טאַטע־מאַמע זיך גענומען הייבן, זיך הויך־דערפרייען, אויפפלאַמען העליש, און ווי מיט זילבערנע קרוינען אויף זייערע קעפּ, מלכות'דיקע קליידער אויפן לייב — גענומען שפּרינגען, שכור־טאַנצן, אין דרייען ארומגענומען, ליכטיק געמאַכט דעם פינסטערן קעלער, אים געוואָלט צעשפּאַרן :

— אונזער קינד... אונזער קינד... אונזער, אונזער איינציק קינד...

האָט זיך די אויסגעטריקנטע מויד אויבן אין די שטובן איבערגע־נומען, און אפשר גאָר זיך פאַרשעמט, וואָס דאָס פּיצעלע קינד קען אַזוי פאַרזיסן ס'לעבן אונטן אין קעלער, מער, ווי דאָס רייכע אויסגעשטאַטע און ליידיקע הויז אירס.

אַ גאַנצן טאָג ווען דער קעלער האָט גערוט, האָט נאָך די מויד ווי ס'איז געאַטעמט מיט דעם שטילן הויף פון איר רייכ־געבעטע־היים ; אָבער אַז עס איז געקומען אין אוונט, האָט איר דער קעלער די שמחה פאַרשטערט, און זי האָט גענומען לויפן אַ פאַר־סם'טע, פונקט ווי אַ מויז פאַר וועלכער ס'ווערט פּלוצלונג ליכטיק, און זי זוכט מיט יעדן אבר פון איר קערפּער זיך ערגעץ צו פאַר־שטעקן...

ציטערט ביי די אַלטע מויד די הויט אויפן לייב, נעמען זיך שמאָל

צונויף די ליפן, און זי ווארפט זיך אין אנגסטן דעם גאנצן אוונט, ווי לאנג דאס קינד צינט־אן און באהעלט, און באזעלט דעם קעלער...

ברעכט זי זיך דעם קאפ:

— וואס זי זאל טאן צום קעלער, ער זאל אנטשוויגן ווערן, אדער, ווייניקסטנס, אים נישט הערן אזוי ?...

ברענגט זי אויף אים אז הינט; נישט זיך צו פארענטפערן: זי לעבט נישט בלויז פאר די לײדיקע ווענט, און אז ס׳איז ווירקלאך פאראן לעבן אין די שטובן, דאס לעבן פון הינט — נאר איינצו־שטילן טאקי מיט זיי דעם קעלער; פאר דעם פינסטערן אוונט. ווען דער קעלער כאפט זיך אויף, נעמט לעבן, דאס קינד צווינגט זיך, און טאטע־מאמע נעמען זיך פאר די הענט, ווערן ווי פאר־שכור׳טע און לאזן זיך אוועק אין גאלאפ:

— הור־שא !... הור־שא !... אונזער קינד !...

שטייט אויף די אלטע מויד און וויל זיך פארטויבן, דערוויי־מערן פון קעלער, נישט שפירן אים אזוי שטארק ביי זיך, און נעמט אדורכיאגן די הינט:

— טאנצט, שפרינגט, און לאזט אייך הערן, הינט; פאר־שרייט דעם קעלער, פארשרייט דאס קינד, די מענטשן, ווי ס׳זאל גאר נישט זיין אונטן...

ס׳יונגע פאר פאלק וואס אין קעלער איז נישט איינמאל, אהיימקו־מענדיק אין אוונט, געווארן דערשראקן פון די קולות אויבן, אין די שטובן, און זיך איינס־ס׳אנדערע געפרעגט:

— וואס ס׳איז מיט דער מויד דארט אויבן, וואס זי האט אנגעלאזן א הויז מיט הינט ?... צו פאר לאנגווייל, קיין משוגעת זאל זיך אין איר נישט אנכאפן, אדער זי האט זיך אנגענומען זיי צו דרעסירן פאר א צירק, וואו זיי וועלן שפעטער דארפן שפרינגען פאר

מענטשן אין די אויגן, דורך פייערדיקע רייפן, מען זאָל באוואונדערן זייער גבורה...

די הינט פליען מיט אזא אימפעט ווי די לייבן, און צעלייגן דאָס הויז... א פינסטער געיעג מיט א געבילעריי פון הונגעריקע, אויסגעהונגערטע און אומצופרידענע הינט, און איר דין שארף קולכל וואָס איז אזוי כּארבּיסן, ווילד, — שרייט זיי איבער:

— טאנצט, שפרינגט, ווייזט, הינט, וואָס איר קענט!...

האָבן די טאטע־מאמע אונטן זיך אוועקגעזעצט, אריינגענגר־מען זייער פיצל קינד אין דער שויס און געבליבן צום טויט־דערשראָקן; און אזוי זיצנדיק, פארהאַלטן דעם אָטעם, גענומען טראַכטן וועגן דער מויד אויבן וועלכע איז אזוי ווי געוואָרן איבער־געקערט, איינגאנצן אַן אנדערע; פריער, דערמאָנען זיי זיך, — פלעגט זי גאנץ־שיין זיך באגריסן מיט א שאָקל פון קאָפּ, און איצט, — קען זי זיי, אזוי ווי זי וואלט עפּעס צו זיי געהאַט, נישט קוקן גלייך אין די אויגן אריין...

און אַז זיי האָבן זיך פארט איינגעשטעלט איר איבערצו־פרעגן:

— וואָס ס'איז מיט די הינט, וואָס זי מאכט זיי יעדן אָוונט אזוי ווי זיי קומען אהיים, — אזוי ווילד?...

האָט זי זיך אויף זיי אָפּגעריסן:

— און וואָס איז מיטן קינד, וואָס איר פארשרייט מיט דעם ס'הויז?...

האָבן זיי זיך צעוויסגעבטל'ט אַלע בייזע חלומות צו איר קאָפּ, צו אירע הענט־און־פיס, און צו איר לייב־און־לעבן; און פון גרויסער, ווייטאָג, — וואָס אזא אַלטע מויד שטעכט זיך אויס די אויגן מיט זייער קינד, — עס נאָכמער געטוליעט צו זיך, און שטי־לערהייט פארזינקען דערמיט אין גרויס מתיקות... שטילערהייט געזעסן, אָנגעשראָקן פון דער מויד מיט אירע בייזע הינט, און ערשט געהאַט א מעגלאַכקייט צו טראַכטן איבער דעם ביטערן מזל פון זייער אָרים קינד, וואָס איז אזוי עלנט, האָט נישט קיינעם

א גאנצן טאג, וואס זאל זיך אויף דעם אומקוקן, — אויב ס'גייט נישט אמאל צו לייכט ארויס אויף א קאלט וועטער, און ס'איז נישט צו שווער אנגעפעלצט אויף א היץ; ביז, ס'האט מסתמא פון צו לייכט גיין אנגעטאן אויף דער קעלט, אדער — צו שווער אין א הייסן טאג, זיך קראנק געלייגט, און... געשטארבן...

ס'ברויך עפעס אנקומען צו א וואזשנע חולאת, אזא עופה'לע, — ס'זאל אוועקגיין?...

;

ס'קינד איז פארגאנגען, האט דער קעלער אויפגעהערט צו לעבן; געוועזן טויט מיט אלעמען; און ס'יונגע פאר־פאלק האט ערשט דערשפירט דעם חושך, דעם גוואלטיקן חושך, וואס האט זיך אויף זיי ארונטערגעלאזן, און געדיכט אנגעזעצט...

שטיל איז געווען אין אונטן, וואו זיי זיינען געקומען, און פינ־סטער; די שטילקייט האט פון זיי ארויסגעוויינט, ארויסגעיא־מערט, און ווי גרוים און טיף עס איז געווען דער צער פון די טאטע־מאמע, אזוי לייכט איז איצט געווען די אלטע מויד אויפן הארץ; מיטן אפשטארבן פון קעלער האט ביי איר אויפגעלויכטן די רואיקע הארמאניע פון די שטובן... זי האט גיך אויף דער מי־נוט אפגעשאפט די מאדע פון הינט, און זאגאר גענומען ווערן צוריק פריינטלאך ווי־ווען אמאל צו די לייט אין קעלער, און זיי באגריסן:

— גוט מארגן... גוט יאר...

דעם יונגן דערשלאגענעם פאר־פאלק האט די פריינדלאכקייט אירע געשטאכן; זיי האבן מיט אמאל דערשפירט, אז נאר דער כעס וואס האט ביי איר געברענט צו זייער פיצל קינד, און עס אפשר פון דער וועלט אוועקגעברענגט, — האט דאס געהאט אנגעטריבן א פולע שטוב מיט הינט...

די מויד האט זיך פארענטפערט:

— כ'וואלט גאר קיין מאל צו זיי נישט געהאט, ווען נישט דאס קינד; עס איז איר געווען: באטש נעם און אנטלויף פון הויז...

אָבער צוזעענדיק זייער צער, ווי זיי ליגן און קלאָגן אויפֿן פּנים, צוליבן טויט פֿון זייער קינד, ווי די וועלט וואָלט זיי אונטערגע־גאַנגען, האָט זי יאָ עפּעס גענומען באַגרייפֿן, די אַלטע מויד, אַז דאָס אָרימע קינד איז געווען פֿאַר טאַטע־מאַמע פֿיל מער ווי די שטילקייט פֿון די שטובן פֿאַר איר.

פאַרלאָרענע יאָרן

איזידאָר ווײַנשל האָט שפּעט חתונה געהאַט ; חתונה געהאַט שפּעט, ווײַל ער איז געווען אַ שיין בחור'ל, אַ שלאַנק געוויקסי־קער, אין וועלכן מ'האָט זיך לײַכט געקענט טועה זײַן, און מײ־נען : ס'איז אַ יונג בילד־שיין מיידל, איבערגעטאָן אין אינגל־שע קליידער...

וואָס האָט אים געטויגט חתונה צו האָבן, נעמען אַ ווײַבל, און ווען אפילו אַ יונג שיין ווײַבל, וואָס זאָל זיך דאַרפן עלטערן, ווערן אַ ברייטע, צעשווימענע אידענע, — ווען ער קען שטענ־דיק האָבן אַ יונגיטשקע מיידעלע, אַ צאַרט טײַבעלע, וואָס זאָל אים פאַרזיסן די טעג ; און אויב ער אַליין ווערט עלטער, נעמט אויף זיך יאָרן, בלײַבן יענע מיידלאַך פון זײַן עלטער הינטערשטעליק, און עס קומען אַזוי ווי פון אַ קוואַל אַרויס — פרישע, יונגיטשקע מיידעלאַך, וועלכע חבר'ן זיך מיט אים נאָך מיט מער פײַער, מיט מער ברען, און מאַכן זיך גאָר נישט וואָס ער איז עלטער געוואָרן...

ער איז זיך אַלץ אַ בחור, און קיינמאָל נישט קיין אַלטער בחור ; זײַן יונגקייט בליט, פּונקט ווי בײַ די יונגע מיידלאַך, וואָס בײַטן זיך מיט יעדן טאָג, אויף יונגערע... יונגערע... זעט נישט די קנײַטשלאַך אויפן שטערן, די גערונצלקייט פון דער הויט אויף זײַן פּנים, פּונקט ווי מ'קען עס נישט זען בײַ די מיידלאַך, וואָס זײַנען יעדן טאָג אַנדערע בײַ אים.

און חתונה געהאַט האָט איזידאָר ווײַנשל, טאַקע ווײַל ר'האָט אַזוי פיל מיידלאַך געהאַט. די אַלע מיידלאַך, ווײַזט אויס, האָבן מיט

זייער אַלעם גוטן דאָך נישט געקענט באַפאַרבן זיין אָרים לעבן, ווייל אַרויספּאַלנדיק פון זייערע ווייכע טרייסלענדיקע הענט, איז ער קומענדיק אַהיים — געבליבן צען מאָל מער, און אפשר הונדערט מאָל מער עלנט, ווי איינער וואָס האָט גאָר קיין מיידלאַך נישט; אין דרויסן איז געווען אַזוי ליכטיק, האָט אַזאַ גרויסע ליבע יוגנט אויף אים געשטראַלט, יונגע מיידלאַך געפלאַטערט מיט זייערע שוואַכע הענטלאַך ווי טויבן מיט די פליגלאַך, און אין דער היים מוז ער נאָכער בלייבן ליגן אַליין, ווי פאַר אַ שווערע אָפּקומעניש, און ווערן אַרומגענומען פון אַזאַ מרה שחורה, ווי די עלטער וואָלט אים מיט אַמאָל באַהערשט, ווי די עלטער אַליין זאָל זיך האָבן אַוועקגעשטעלט ביי אים פון דער רעכטער האַנט, מיט דער פולער וואָג און־מאָס, און זיך מיט אים גערייצט:

— גוט אַזוי, אויב דו האָסט נישט חתונה...

האָט ער לכתחילה געזוכט אויסצומיידן די שטוב, וואו די עלטער האָט אויף אים געוואַרט, און געזוכט צו זיין דאָרט, וואו ער פילט זיך יונג, אויפגערוימט, און ווייסט נישט פון מרה־שחורה; אָבער וואָס מער ער האָט געלעבט, געלאַכט, זיך געפרייט — האָט ער אַלץ מער אַרויסגעזען זיין עלנט; אַז אין זיין גאַנץ לעבן איז נישטאָ מער ווי די בלעזלאַך שוים, וואָס שטעלן זיך אָפּ אויף די כוואַליעס, בשעת די כוואַליעס אַליין ווערן ערגיץ אַוועקגעטראָגן מיטן שטראָם.

און ער האָט חתונה געהאַט...

חתונה געהאַט, איז אים מיט אַמאָל קלאָר געוואָרן פאַר די אויגן: זיך אָפּגעטרייסלט פון די מיידלאַך, האָט ער זיך געפילט קרעפּטיק, ווי איינער וואָס גייט אַרויס פון אַ קאַלט־שניידיק וואַסער.

— שוין גענוג זיי אַוועקגעשיינקט אומזיסט פאַר אַזוי פיל יאָרן, זיינע שמייכלען...

פאַר אים האָט געלויכטן דאָס ליבע געשטאַלט פון אַ יונג

בא׳חנ׳ט מלאכל, וואָס האָט פאַר אים געשוועבט, אין אים אַריינ־געזונגען, און פאַרטריבן אַלע שאָטנס פון דער מרה־שחורה, וועלכע פלעגן אָנפילן זיין האַרץ, ווען ער איז געווען אַליין; ער האָט שוין מער נישט באַדאַרפט פאַרפאַלן ווערן צווישן בערג מיידלאַך, אויס מורא, ער זאָל אַ רגע נישט בלייבן אַליין, מיט זיך, — ער איז שוין זייט דאַן מער קיינמאָל אַליין נישט געווען; דאָס שיינע יונגע ווייבעלע, די ליבע פון דעם יונגן מלאכל, איז געווען מיט אים, אים דערפרייט, אַלע מאָל — גלייך, אַלצ־איינס; און האָט זי אים הויך אויפגעהויבן, אַמאָל גאַנץ הויך, דערהויבן — האָט זי אים אויך פאַמעלאַך געלאָזט אַראָפּנידערן, און מיט חכמה, קיינמאָל נישט צו פיל, נאָר ביז אַ געוויסן שטאַפּל, אַז ער זאָל זיך נישט קאָנען אָפּקילן פון אירע פלאַמען, נאָר ס׳זאָל עפּעס בלייבן ביי אים, אַ פלעמל אַ קליינס, אַ נר־תמיד׳ל, דאָס באַשטענדיקע פלע־מעלע וואָס ביי מאַנ־און־ווייב, וועלכעס פאַרלעשט זיך נאָר דאַן, ווען ס׳שטאַרבט עמיץ פון זיי...

•

איזידאָר האָט געלעבט און געלאַכט, נאָר ווער ס׳איז געווען אַ מבין, האָט געזען, ווי דאָס געלעכטער ביי אים ווערט מאַטער, און נעמט זיך אויס צוגלייך מיט די זיסע, זאַפטיקע האָניק־טעג, האָניק־וואָכן, וואָס ווערן אַלץ טרוקענער, מאַגערער און הערן אויף צו טריפן מיט אַזאַ גרויסע שפע...

דאָס אויג ווערט מאַט פון קוקן טאָג־טעגלאַך אינם זעלביקן פּנים; זיין מלאכל, ווי ס׳האָט זיך אים אויסגעדוכט — האָט אויפגעהערט צו זיין אַ רעגנבויגן, וואָס וואַרפט פאַרשידענע קאָ־לירן, ווען־אפילו זי איז אַזאַ העל־ליכטיק־געשטאַלט, ווערט עס פון צופיל קוקן אויף דעם, ממילא טונקעלער פאַרן אויג, און האָט שוין ווייט נישט דעם זעלביקן רייץ...

און ביי אים נעמט זיך שוין צוריק פאַרקלייבן אין די ווינקלען אַ שפּור פון יענעם אומעט; אַ ווייטער שפּור אפילו, וואָס לאָזט זיך

אבער דייטלאך פילן ווען ר'הייבט אן צו זיין אליין, אפילו ווען זי איז מיט אים...

און ער טראכט :

— שוין־זשע איז זי נישט בבח, דאס יונגע ווייבעלע, זיין מלאכל, צו פארטרייבן די שאטנס ווי־ווען ער איז געווען אליין, און אנהאלטן מיט זיך די ליכטיקע טעג — זיי זאלן פאר אים כסדר לייכטן, ס'גאנצע לעבן ?...

— און אויב זי איז, ס'יונגע ווייבל, זיין מלאכל, נישט מער ווי אויף דערוויל א ליכט, מיט וואס ווידער איז זי מער אויסגע־נומען פון יענע אלע ליכטיקע מיידלאך, וועלכע האבן רגע'ס גע־לויכטן, און ווי די שטערנדלאך אין הימל פארגאנגען, אז דער טאג האט גענומען אויפקומען פון שלאף ?...

ס'אליגן, דאס יונגע מלאכל, זיין ווייבעלע ; זי איז נישט מער פאר אים וואס זי איז געווען לכתחילה; זי האט זיך אויסגעליידיקט, געבליבן הויל, און ער ליגט אליין א פינסטערער ביי איר, פונקט ווי פאר יענער צייט — אפילו ווען זי דרייט זיך ארום אים, גלעט אים, לאשטשעט אים, האלזט און קושט אים...

ס'איז א מאגער דאר באשעפעניש, אן שום רייץ, בליאסק, — ביי וועלכע ס'וועט אים נאך אויסקומען אויסצוגיין ; אפצושלאפן זיינע טעג און נעכט, ביז ער וועט איינשלאפן אויף אייביק און פאר אלע מאל, און שוין נישטמער האבן פאר קיינעם אויפצו־שטיין...

— טרא־טא־טא־טאם !... — וועקט די טיפע מרה־שחורה און רייסט פון איר שטיקער, א יונג זילבערן קול'כל פון א פיצל קינ־דעלע, — וואס איז דא אזוי שטיל ?... כ'וועל נישט לאזן שטיל זיין, וואו איך בין !

און דאָס יונגע ווייבעלע, זיין מלאכל, איז ארומגעשפרונגען, זיך אומגעוואָרפן מיט דעם עופה'לע אין די הענט וואָס האָט פול געמאַכט די שטובן...

— דזשים... דזשים... דזשים...

איזידאָר ווײַנשעל איז געשטאַנען אַ פּאַרציטערטער, נישט טויט, נישט לעבעדיק, און נישט פאַרשטאַנען ווי אַזוי דאָס קליינע פּיצל קינדעלע קערט אַזוי געשיקט אויס די פינסטערע שאָטנס, לייטערט אים פון זיין אומעטיגקייט...

— דזשים... דזשים... דזשים...

און ער האָט גענומען לויפן אַן אויפגעוואַכטער, געשלונגען ווי אַ פיש די טרערעלאַך פונם יונגן פייגעלע.

— וואָס פאַר אַ פרייד?... ס'אַרא גדולה?...

דאָס קינדעלע איז געשפּרונגען פון די הענט, זיך געריסן אין אַלע זייטן, און מיט זיין ליכטיק העל קול'כל צעטריבן די שאָטנס:

— נישטאָ קיין מרה שחורה, טאַטעלע, וואו איך בין...

איזידאָר ווײַנשל האָט שוין דאַן אפילו נישט געוואוסט ווען פריער דער טאָג קומט, און ווען שפּעטער — די נאַכט פאַרגייט; ס'האָט געקווישט אין יעדן מעת־לעת פון פאַר דער גאַנצער וואָך, און פאַרנומען מיט זיך די צייט; טאָג און נאַכט איז דערפאַר געווען ווייניק; וואָכן, חדשים האָבן זיך אויסגענומען, געוואָרן בליקן, פאַרבייגייענדיקע בליקן; און ביי יעדן תנועה'לע, ביי יעדן סיגה'ליע, שפרינקעלע: טו־טו־טו... וואָס דאָס פּיצל קינדעלע האָט געמאַכט, — אַ פרישער אויסדרוק פון פרייד ביי איזידאָר ווײַנשל אויפן פנים, יענע מאַטע זילבערנע פרייד, וואָס פלאַמט אַזוי זעלטנ־אויף, און פאַרגייט נאָך זעלטענער...

— בו־בו־בו!..

גראָד איצט, אין דער געהויבענער צייט, ווען איזידאָר ווײַנשעל האָט זיך דערשפּירט יונג, לעבעדיק, און נישט געוואוסט מער

פון קיין אומעט, האבן אזוי ווי אויף צו להכעיס אים גענומען קריכן פאר די אויגן, זיינע גראע זילבערנע הערעלאך, די טיפע קנייטשאלאך, — ער זאל זיך ארומקוקן אויף די ווירקלאכע עלטער זיינע, און טיף באדויערן די שפעטע פרייד: וואס ער האט זיך אזוי־לאנג געלאזט בעטן, ער זאל איר לאזן קומען, קומען צו אים, און זיך פריער נישט קענען פרייען מיט איר ווי אויף דער עלטער, ווען ער האט שוין גראע האר אויפן קאפ, קנייטשן אין פנים...

און אנגסטן זיינען אים באפאלן, האלטנדיק דאס פיצעלע קינד אויף די הענט:

— אויב דאס יונגע ווייבעלע זיינס, האט אים ערשט דאס געבראכט, ווען ער האט שוין גראע האר אין קאפ, ווי — וועט ער שוין אויסזען דענסטמאל, ווען דאס קליינע קינד וועט זיין גרויס און דערוואקסן ?... און צו וועט ער איבערהויפט נאך דענסטמאל זיין, און זיך דערווארטן, ביז עס וועט גרויס ווערן ?.... אז ער האט אזוי שפעט חתונה געהאט און פארלוירן מיט גארנישט די בעסטע יארן זיינע ? וועט ער נאך איבערלעבן יענע גרויסע פרייד, וואס מוז דאך זיין צען און אפשר הונדערט מאל אזוי גרויס, אזוי ברייט, דאן, — ווי־ווענ־עס איז נאך א פיצעלע אויף די הענט ?..

די מאמע

ער, דער מאַן, און זי — זיין ווייב, האָבןביידע געאַרבעט.

געאַרבעט פון צו פריער, און נאָך זייער חתונה, — גאָר נישט אַנדערש ווי פריער ; איז איטלאַכער אויפגעשטאַנען אין דערפרי, און געפאָרן צו זיין מלאכה...

דער איינער חלוק בלויז, וואָס פריער פלעגן זיי זיך זען איינ־מאָל אין אַ וואָך, זיך טרעפן און צעגיין ; און שפּעטער — געבליבן ביידע אינאיינעם, יעדן טאָג זיך צעגאַנגען און דערנאָך זיך שוין צוזאַמענגעקומען צוריק.

דער טאָג איז געווען יענעמס און די נאַכט — זייער...

האָט זיך אים אָבער אויף דער נאַכט שטאַרק געלאַנגווייליקט, און זיך דורכאויס געוואָלט מאַכן היימלאַכער, אַזוי האָט ער גע־נומען טראַכטן וועגן אַ קינד, און זיינע ברעמען האָבן זיך ביים טראַכטן געפאַלבט, אַראָפּגעפאַלן איבער די אויגן ; אַ סך מאָל גע־פלעגט פאַרדריסלאַך אַריינקוקן דעם ווייב אין פּנים, וויסנדיק : זי איז שטאַרק כנגד, און פרעגן :

— ס'איז דיר אויך אַזוי לאַנגווייליק ?...

— ניין, — זאָגט זי.

— ניין, זאָגסטו ?

— ניין, — זאָגט זי.

— דאַך אַ ליידיקע שטוב...

און שוין ; מער נישט גערעדט...

שטאַרק אָנגעהאַלטן האָט ער איר אויך נישט, דער מאַן ; ער האָט נוט געוואוסט : זי זאָל האָבן אַ קינד — וועט דאָס זיין אַ

גרויסער „עקספענס"; אַ קינד האָבן אין אַמעריקע — איז אַ שווע־רע זאַך... ס'ווייב מוז ראשית ארויסגיין פון „שאָפּ"... און די שטוב קען מער שוין נישט זיין אונטערן הימל; מ'קען אַזוי הויך מיטן „קערידזש" נישט גיין...

און דאָ פליען די טעג, אריין און ארויס...

די אומצופרידנקייט ביי זיי ביידן, האָט זיך אפשר דעריבער אַמאָל אויפגעהויבן, אַמאָל — געפאַלן, ער האָט קיינמאָל נישט שטאַרק איינגעריסן; ס'איז נישט געווען אין אַ פּראָסטן טאָג גאָר וואָס זאָל וואַרימען, און זונטאָג, ווידער, האָבן פריינט מיט זיי אינאיינעם פאַרשלונגען די פּאָר שעה...

דאָס איינע: ר'האָט געלעבט מיט דער היים... אַלע חושים אריינגעטאָן דאָרטן, אין וואָס ר'האָט שוין גאָר נישט געהאַט גע־דענקט מער...

אַז ער איז געווען „סינגל", — האָט אין שטוב זיך ערגעץ ארומגעטראָגן דאָס געדעכעניש פון אַ מאַמע; און אַז זי האָט אָפּגעוויינט פאַר אים אַ שטיק:

— דו האָסט מיך מאוס אוועקגעוואָרפן...

איר אָפּגעקומען:

— כ'שיק דיר אַ פּאָר טאָלער...

און מיט אַ געבייזער:

— האָסט געוואָלט, כ'זאָל מיט דיר אייביק זיין?...

איצט זיצט ער כסדר נאָך דער ארבעט, און רעדט זיך אראָפּ זיין ביטער הארץ פאַר איר, דער מאַמען; זי האָט זיך אומגעקערט, די מאַמע, נאָך אַזוי פיל גלגולים צו אים — און ער זיצט נישט מער אריבערגעבויגן צום בייגעלע פּאַפּיר, נאָר צו דער מוטער, טאַקי: וואָרים זי זיצט דאָ מיט אים, די מוטער, יעדן טאָג, אַ פּאָר שעה, — פון יענער זייט טישל, און ער רעדט זיך אַדורך מיט איר:

— שווער צו האָבן אַ קינד אין אַמעריקע...

שטייט זי, ס'ווייבל, און ציפּט אים פאַרן אַקסל:

— פאַר וועמען רעדסטו?...

שמייכלט ער:

— אזוי... די מאַמע פרעגט זיך אַלץ וועגן אַ קינד, ווייסטו דאָך... שרייב איך איר...

ער זיצט אַפּ די איבעריקע שטיקער טאָג, וואָס בלייבן אים איבער פון נאָך דער אַרבעט, — איבער די בריף; און ס׳ווייב קריגט זיך מיט אים:

— דיין אָוועטיים!

אים וואַרימט עס אָבער, און אַזוי ווי ער קומט נאָר אַהיים, גיט ער, ס׳ערשטע, אַ קוק:

— פֿאַראַן בריף?

ס׳איז נישטאָ, — איז אַ מאָגערער „סאַפּער"; הענגען זיינע ברעמען איבער די אויגן אַריבער, און ס׳ווייב קריגט זיך מיט אים:

— געבראָכט חתונה האָבן מיט דער מאַמען...

— וואָס ווילסטו?...

— קלעפּט מער אין דער מוטער, ווי אין ווייב...

לאָזט אים זיצן, און גייט אַליין פאַר אַ „וואָק"; זיצט ער איבער די בריף און לעבט מיט דער מוטערס געדעכעניש.

אַז זי קומט אַנ׳אַנדערט מאָל אַהיים, טאַנצט ער איר אַקעגן, און קושט איר:

— די מאַמע קומט! די מאַמע קומט!...

ווערט זי צעטומלט:

— ווי?... זי קומט?...

— יאָ...

— שוין?... מ׳ברויך שוין אפשר אַרויספאָרן אויף עליס־איילאַנד, איר אַראָפּנעמען?...

— נאָך נישט, אָבער כ׳גלייב, אַז מ׳וועט ברויכן, — פאַלט ער ביי זיך אַראָפּ.

— אזוי?... און זיך נאָר נישט אדורכגעשמועסט מיט קיין ווייב בײ אזא זאַך, ווי אַראָפּנעמען אַ מאַמע?... כ׳בין אַ הונט, ווייזט אויס...

ווערט ער רויט:

— נישט געוואָלט פאַרפירן קיין טענה...

זי ברענט אַ וועלט:

— אַ, דעריבער ביזטו דאָס אזוי געלעגן טאָג און נאַכט איבער די בריף, — אַ וואַזשנע שטיקל אַרבעט געהאַט... אַ ריכטיקן „דזשאָב" צו מאַכן...

ס׳ווערט אַ שטיקל ברוגז; אזוי לאַנג — ביז זיי קומען זיך צונויף פון דער אַרבעט, און ברויכן זיין צוזאַמען אין שטוב — אזוי שמייכלט שוין זיין פּנים, און גלעט איר מיט די אויגן:

— אַ, יאָ, דו ביזט נישט בייז?...

די מאַמע קומט — הייבט־אָן בלאָזן אַ פריש ווינטל.

— מאַ־מע!

אַ קליינע, אַ נידעריקע איינגעבויקטע, אויסגעטריקנטע מאַ־מע — אויף דראָטן: אָבער מיט אַ וואַרים האַרץ...

— כע־כע... שקאָץ מיינער, נישט געקענט איבערקויפן די מאַמע, אפילו מיט טאַלערס, הע?...

און ער פרייט זיך:

— מאַמע, כ׳זע נישט אַנדערש אויס?... נישט עלטער גע־וואָרן?...

— ניין... נאָר, די אויגן, אַביסעלע נישט ביי דער קאָליר.

— זעט די מאַמע — ווייטער, ווייסט זי נישט...

— און דאָס איז דיין ווייב? — קושט זי זיין ווייב — אַ בעשמעקט ווייבל, כ׳לעבן... כ׳האָב נישט קיין פּרעטענזיע; איר זאָלט זיך נאָר בייזע עלטערן מיט אַ גוט געזונט...

זי האָט אריינגעברייגגט א ווארימקייט אין שטוב, די מאַמע. און אים, דעם מאַן, פרייט זיך ס'האַרץ:

— ביזטו אומצופרידן, מיין ווייבל? זאָג.

— וואָס מ'קען דאָ זיין אומצופרידן? — זאָגט זי — א שטילע מאַמע...

— א טויב אין שטוב...

— יאָ, מ'קומט אהיים, שטייט שוין גרייט ס'עסן אויפן טיש, — וואָס זי ווייסט צו זאָגן גוטס וועגן איר...

זי קאָכט טאקע „סאַפּערס", די מאַמע, און ווייקט, און זאַלצט ס'פלייש — ס'אַרט איר גראָד נישט, דעם יונגן ווייבל; נאָר ווען יענע שטעלט פרייטיק די לייכטערלאַך, און צינדט ליכט, — לאָזט זי אראָפּ די „ווינדע־שייד"; ס'איז איר א חרפּה פאַר דער אי־טאַליענערשע שכנ'טע...

דער זון גייט ארום איר ארום, און קוקט איר מיט א ליב־שאַפט אין די אויגן:

— מאַמע, ס'געפעלט דיר אמעריקע?

— יאָ, א גאַנץ וואוילע מדינה... נאָר דאָס איינע; א ווייב ברויכט נישט גיין ארבעטן...

גיט ער א קוק אויף איר, דעם ווייב, און שמייכלט:

— נו? דו האָסט דאָך געבר'ענט א וועלט!...

— אין אמעריקע ארבעטן אפילו קינדער — לאַכט זי.

— קינדער יאָ, — זאָגט די מאַמע, — נאָר א ווייב נישט: א מאַן, וואָס לאָזט ארבעטן א ווייב — איז ער קיין מאַן נישט, אָדער האַלט ס'ווייב פאַר קיין ווייב נישט...

— מאַמע, דו מאַכסט־אָן א בייז־לעבן! — שרייט ער, — זי וועט מיך נאָך וועלן גט'ן!...

— „נעווער־מיינד" גט'ן! כ'וועל דיר שוין גאָר נישט גט'ן, —

זאָגט זי, ס'ווייבל — ווייל, דו ווילסט אויך: כ'זאָל נישט אַר־בעטן...

— נאָר דו ווילסט? — פאַרשטייט נישט די מוטער — ווייס איך נישט די חכמה! סיי, אַ פאַרקערטע וועלט דאָ ביי אייך, ווי מ'זאָגט דאָרט אין דער היים...

די מוטער גייט אַרום צעטראָגן; זי האָט האַרצוויטאָק:

— קיין עין־הרע, ס'זעקסטע יאָר ביז הונדערט און צוואַנציק — נאָך אַ התונה, און אַ ליידיקע שטוב?

ס'קאָסט איר ס'געזונט...

זאָגט זי, ס'ווייבל:

— מ'קען נישט „אַפאָרדן", שוויגער, צו האָבן אַ קינד...

ווייסט נישט די אַלטע, נאָר אַ מאַמע, פילט זי: אַז דער זון האָט דערפון נישט קיין תענוג...

און שווייגט...

האָט מורא מער צו ריידן, אַז זי זאָל הערן, די שניר...

ס'ווייבל זעט ווידער, די מוטער סוד'לט זיך מיטן זון — צע־ברענט זיך אין איר אַ פייער:

— כ'האָב געוואוסט, אויף וואָס ער נעמט איר אַריבער, די מוטער...

לאָזט ער אַראָפּ נ'קאָפּ:

— אַ קינד נישט, און די מאַמע — אויך נישט?...

די מוטער זעט: ס'מאַכט זיך היימלאַד, רוקט זי זיך אַריין אין אַ ווינקל, און שאָקלט מיט דער גאָמבע:

— מיין עסק; זאָלן זיי פירן, ווי זיי פאַרשטייען, ס'איז זייער וועלט!...

און באַלד, ס'גייט אַריבער אַ ווײַלע, ס'פּאַר־פאָלק שטילט זיך איין, — הייבט עס איר ווייטער אָן צו בריען, ווי אַז אַלטע הון:

— כ'וואָלט געגאַנגען שווערן, אַז ס'גייט איר אין דער אַר־

בעט, וואָס זי וועט נישט קענען מער ארבעטן, ס'נארישע מענטש...

ס'ווייבל שרייט:

— זי וויל נאָך נישט גיין אזוי פרי אין שפּאָן...

און דער זון הייבט די אקסלען:

— ס'אמעריקע...

ס'ווייבל גייט ארום פארטראכט; איר מאַנס בליקן, דער מו־טערס פּרעפּלען, — קלעמט איר ביים הארץ: און אז זי קומט אהיים — איז א ברוגז'ער טיש; עסט מען שטיל, פארטאָן, — מ'שלינגט אראָפּ דעם ביסן אומגעקייט, און מ'ווארגט זיך מיט אים...

דער מאַן באמערקט דערביי, ריכטיק:

— מ'עסט, א פּנים, אזוי ווי ס'וואָלט עמיץ געפעלט ביים טיש, וואָס וואָלט כאָטש נעכטן געשטאָרבן...

ווארגן איר די טרערן, און קוקנדיק אויף זיין מוטער, שאָקלט זי צו מיטן קעפּל:

— ס'האָט מיר אויסגעפעלט צרות, וועט זי מיר זיי האָבן פארשאָפט...

די מוטער פילט דאָך אבער איר זונס צער, פארט: ס'זעקסטע יאָר... און ווערט נאָכמער געשטייפט...

— מ'ברויך זיך לאָזן אמאָל צוריידן... מ'רעדט אמאָל א מענטש צו צום גוטן... מ'נייט אים צו א גוטע זאַך...

און זי שפּירט זיך אין א קלעם, ס'ווייבל; די מוטער, די אידע־נע אויף דראָטן, איז עפּעס אזוי שטארק, שטארקער פארן שטארקסטן ריז; זי וואַקסט ארויס אין אירע אויגן, ס'דארע, קווארע, איינגע־שרומפּענע מאַמעלע, ס'קליינע מאַמעלע, — ווי א הארט שטיק שאָל אויף א בוים, וואָס מ'קען מיט די שארפסטע ציין נישט אראָפּ־רייסן...

און זי באַקלאָגט זיך, ס'ווייבל:

— יאָ, דיך האָב איך ווי־ס׳איז געקענט בייקומען, מיין מאַן; נאָר, דיין מאַמע — שוין נישט; דו האָסט אַ פּנים געוואוסט, ס׳ארא געוועזן זיך אויף מיר צו פארשאפן...

ער זאָגט גאָרנישט, נאָר נעמט איר אָרום, קוקט אַזוי מילד אין אירע אויגן:

— איך האָב געקענט, זעסטו, פארבייגן... נאָר מיט די מאַמע, איז ביטער; זי לאָזט זיי נישט אָפּ׳פּטר׳ן מיט הוילע רייד... דיין מאַמע, מיינסטו, וואָלט אנדערש געווען?... יעדע מאַמע, גלייב מיר, איז אזוי...

— ניין... אַ שוויגער איז נישט קיין מאַמע...

— זאָלסטו דאָס נישט זאָגן, מיין ווייב..

— דאצרייט! דו ביזט דאָך איר זון, מוזטו האלטן מיט איר...

— ניין, ס׳וואָלט דיין מאַמע געווען, וואָלט זי אויך נישט מיט דיר געהאַלטן...

און ס׳ווייב פילט — זי ווערט געבראָכן; די מוטער מיט איר בליק, דער מאַן — מיט זיינע בליקן; און זי ווערט נאַכגיביג... שווערלאך, און — נאַכגיביג...

שפּעטער: ער שטייט־אויף, זי שטייט־אויף, און מ׳גרייט זיך אוועקגיין צו דער ארבייט — שטעלט זי זיך אָפּ ביים פענסטער, און רירט זיך נישט...

פרעגט ער:

— דו גייסט נישט היינט אוועק?...

נעמט זי נישט אוועק נ׳קאָפּ פון פענסטער, נאָר באַכעט אַרוים מיט אַ געוויין:

— ניין... כ׳האָב מיך נעכטן געזעגנט מיטן „שאָפּ“; כ׳אַרבעט שוין מער נישט...

נעמט ביי אים שטראַלן ס׳פּנים, און וויל ביי איר עפּעס פרעגן.

נאָר די מוטער, וואָס איז ערשט נאָכמער שטייפּער — שטעלט פאַר איר אַוועק אַ גלאָז מילך אויפן טיש:

— גיי־צו טרינקען מילך...

און מאַכט מיט דער האַנט צו אים, ער זאָל אַוועקגיין:

— ס'איז גוט אַזוי... ס'ברויך אַזוי זיין...

דאָס רויטע הויז.

אַ גערעטן אינגעלע און מיט אַ סך מעלות, איז לייבעלע; אַ קוואַל אידישער חן ליגט אויף זיין פּנים'ל, וואָס איז אָן אַ זור־מערשפּרינקעלע; האָט שוואַרצע קלוגע אייגעלאַך, און זיין קעפּל איז באַוואַקסן מיט פּעביק שוואַרץ־געקרייזלטע הערלאַך...

דער טאַטע, לייבלס, האָט געוואוינט אויף דער פּאָדשעניע, ביים שאָסע, וואו דער עירוב איז נישט געווען אַרומגעצוימט, און מ'האָט שבת נישט געטאָרט טראָגן; ביי אים אין שטוב איז געשטאַנען אַ מאַשין, אַן אַלטע מאַשין, אויף וועלכע ער האָט גענייט גראָע סוקמאַנעס פאַר די פּויערים...

קינדער זיינען ביי אים געווען עטלאַכע, און אַלע — גראָבע, פּינסטערע מחות, וואָס האָבן זיך מער ווי צו דער מלאכה נישט געמויגט; איין לעבעלע וואָס האָט געהאַט אַ וואויל קעפּעלע, און רחמיאל, זיין טאַטע, וואָס האָט גענייט די גראָבע סוקמאַנעס פאַר די פּויערים, האָט זיך איינגערעט:

— פון דעם אינגל וועט ער האָבן אַ גילדערנע שטול אין גן־עדן...

די מוטער האָט אָפּגעשפּאָרט פון עסן, און פאַרן אינגל געצאָלט רבי־געלט; רחמיאל, דער טאַטע, האָט דאָס געוואוסט, און אָנגעקוקט; נאָר אַז אויפן טיש איז אַרויפגעקומען אַן אָרימער מאָלצייט, האָט ער אויף טשיקאַוואַשטש פאַרפירט מיט איר אַ טענה, מיט דעם וויב זיינעם:

— אסתר יהודית, דו זאָלסט וויסן: כ'וועל מיט דיר האָבן אַ דין־תורה...

האָט זי געלאַכט:

— אויב אזוי, ווארט זשע אונטער מיט איר, ביז אונזער ליבעלע וועט אויפוואקסן, וועט ער זי פסק'נען...

— ניין, — בייזערט ער זיך באלד אויף א רעכט־נאמת

— אז כ'וועל ווארטן, וועל איך איר שוין, דוכט זיך, פאר־שפארן צו האבן...

פארקאטשעט זי די ארבל:

— נו, וואס איז די טענה דיינע, לאמיך הערן ?..

— הייסט ? וואס מער כ'גיב דיר געלט, וויניקער עסן קאכסטו ; נו, וואס איז דאס פאר א שטייגער, פרעג איך דיך ? ווילסט מיך אויסהונגערן ...

— אזוי ?... — לאכט זי אויפגעלייגט, — ס'ווערט טייערער, מיין מאן ; ס'אביטערער יקרות...

און רחמיאל לאזט זיך אזוי בע'עולה'ן מיט'ן עסן, זיך אראפ־ציען ס'העמד פונם ליב, ווייל ער הערט, אזוי ווי ער קערט זיך נאר אפ מיטן רוקן פון איר, — ווי זי שטופט אים גלייך אונטער דעם אינגל פון דעם אפגעשפארטן קניפל :

— נעם דיר, ליבעלע, דו גייסט אזא שטיק וועגס אין חדר, און זיצסט נעבאך אפ א גאנצן טאג איבערן טיש, און לערנסט, — וועסטו דיר כאטש האבן מיט וואס ס'הארצעלע דיינס צו דער־קוויקן...

און אנ'אנדערט מאל, ווען ער ליגט פארשלעפערט אין בעטל, און קען רעכט די אייגלאך נישט אויפמאכן :

— נעם, ליבעלע, די פאר גראשן, וועסטו אפשר פאר זיי זיך קענען אויפזעצן אויף א פורל צו א פויער, און נישט ברויכן גיין אזא שטיק וועגס, דיר אויסרייסן דיינע יונגע פיסלאך אזוי פרי....

ליבעלע האט געקוואלן, און אלע האבן אנגעקוואלן פון אים ; ער איז געוואקסן מיט יעדן טאג ביי אלעמען אין די אויגן, זיך

געלאָזט הערן איבער דער שטאָט, אָנגעהויבן שמ'ען מיט זיין גוט קעפל, און ווייבער, פון גרויס קנאה, האָבן זיך גענוג גע־בראָכן די מוחות:

— פון וואַנעט ס'קומט צו איר, דער שניידערקע, אויף דער פּאַדשעניע, אַזאַ דימענט!...

שבת, ביים דאַווענען, פלעגט איס די מוטער נאָכגיין, ווען ער איז געגאַנגען אין שול אַריין; זיך געפּירט מיט אים, נישט אַראָפּגענעמענדיק קיין אויג, זיך געלאָזט באַשיינען, און פון גרויס פרייד, — געשעפּטשעט:

— אַזאַ אוצר! די גאַנצע וועלט איז דאָך מיין מיט אים; ער זאָל מיר נאָר נישט פאַרשטערט ווערן...

זי פלעגט זיך אַוועקזעצן אליין אין דער ווייבערשער שול אויבן, אַראָפּקוקן דורכן פאַרהענגל, און זען: איר לייבעלע זיצט ביים טיש דאָרטן, אויבנאָן, וואו אַלטע אידן מיט גראָע זילבערנע בערד זיצן, און לערנט... לערנט ווי אַן אַלטער, און ס'קול'כל זיינס קלינגט ווי אַ גלעקעלע... די צוויי אויסגעשניטע־נע, באַגילדטע לייבן קוקן אַראָפּ פון איבערן פּרוכת און ציטערן, אַזוי ווי זיי וואָלטן זיך איינגעהערט...

טראַכט זי:

— יאָ, אפילו די לייבן איבער'ן ארון הקודש, — הערן אים און ציטערן פאַר זיין לערנען...

און דאָ, זעט זי, ווי ער הערט פּלוצלינג אויף, בלייבט שטיין; קערט זיך אום, רעט עפּעס מיט אַן אַלטן איד, וואָס האָט אַזאַ ווייסע זילבערנע באָרד; דער אַלטער איד בייגט זיך אַריבער צו אים איבער דער גמרא, לייגט אַריין זיין באָרד אין איר, טונקט איר איין אין די בלעטער, און רעט מיט אים ווי מיט אַ גרויסן, אַ דערוואַקסענעם... איר אינגל שאָקלט אַזוי שיין צו מיטן הענטעלע, ווי אַ יונג ביימעלע, און דער איד מיט דער שווערע באָרד קוקט אויף אים, קניידשט מיטן שטערן, לאָזט אַראָפּ די ברעמען, און גייט אַפּיר פון הינטערן טיש, צום רב,

— לייבעלע נעמט די גרויסע גמרא און גייט מיט מיט אים...

— — — — — — — — — — — — —

און שוין; זי זעט נישט מער; זי, אסתר יהודית'ל זעט נישט, ווייל זי פארגינט זיך מער נישט צו קוקן, — און פאר־רוקט דאס פארהענגל, שאקלט זיך אריין אין סדור, און טראכט:

— כ'האב גאר נישט אזעלכע מעשים טובים, טאטע, וואס דו האסט מיר אויסגעזוכט אזא זכות; לאמיך אים די זכיה האבן ביי דיר, ער זאל מיר נישט פארשטערט ווערן...

לייבעלע האט געהאט צו גיין א שטיק וועג צום חדר; א שטיק מיטן שאסע, ביז ער איז געקומען צו די ערשטע הייזער פון שטאט; דא האט ער זיך באדארפט פארנעמען איבער א פעלד, ער זאל ארויסקומען אויפן ברוקירטן וועג, מיט וועלכן ער איז שוין געגאנגען גלייך אין שטאט אריין...

און דארטן וואו דער שאסע האט זיך אויסגעלאזט איז געשטאנען א רויט געמויערט ציגל הויז, פון וואנעט ס'פלעגט ארויסלויפן א הונט, א גרויסער קודלאטער הונט, און אנפאלן אויף אים; לייבעלע האט שוין באצייטנס אבער געוואוסט אריבערצוגיין אויף דער אנדערע זייט פונם טראטואר, זיך אוועק־שטעלן מיט'ן פנים צום פארקאן, און פון הינטן אים אפשארן מיט'ן פיסל זיינעם:

— א פודזשעם; גיי אוועק, בייזער הונט...

און מיט צרות זיך אריבערכאפן דאס שטיקל וועג, דאס אי־בערקומען; א סך מאל אויך פלעגט, — אז ער האט הויך געשריגן, — ארויסלויפן א אינגל פון דעם רויטן הויז; א אינגל מיט א גלאטיק צוגעשוירן קעפל, און שרייען צו אים:

— האב נישט קיין מורא, דער הונט בייסט נישט; ער וועט דיר גארנישט טאן...

אים נאָך אָנעמען, דעם הונט, ביי די אויערן, אים גלעטן ביי די מאָרדע און ריידן צו לייבעלע:

— וואו גייסטו דאָ יעדן טאָג אזוי פרי?... דו וואוינסט דאָ?...

— יאָ, — האָט לייבעלע געזאָגט, — מיין טאַטע־מאַמע וואוינען דאָ אויף דער פאָרשטעניע...

און דאָס אינגל פלעגט צוהאַלטן דעם הונט, וואָס האָט זיך זייער געריסן פון זיינע הענט, — ביז לייבעלע איז ווייט אוועקגעגאַנגען, און געווען אויף דער אנדערע זייט גאָס...

יעדעס מאָל ווען דאָס אינגל פונם רויטן הויז פלעגט אַרויס־לויפן אָפּהאַלטן דעם הונט, ער זאָל לייבעלען נישט בייסן, — פלעגט ער זען עפּיס אַנדערש אין אים, און זיך אויספרעגן שטאַרק פאַר'חידוש'ט:

— צו וואָס הענגען דיר אַראָפּ די האָר אונטער די אייער־לאַך?...

לייבעלע ווערט רויט, און זאָגט:

— דאָס זיינען דאָך פּאות...

אַזוי קוקט דאָס אינגל שוין מער נייגעריק און זאָגט:

— ס'מוזן דען זיין פּאות?... פאַרוואָס זיינען זיי ביי מיר נישטאָ?...

— וואָרים דו ביזט דען אַ אידיש אינגל? — חדוש'ט זיך לייבעלע.

— אודאי, — שווערט זיך דאָס אינגל פונם רויטן הויז,

— מיין טאַטע רעדט אידיש מיט דער מאַמע...

גייט לייבעלע אַרום פאַרטראַכט, און קען דאָס גאָר נישט פאַרשטיין:

— אַ אידיש אינגל, און גייט אין אַ רעקעלע, שפּילט זיך מיטן הונט, טראָגט נישט קיין פּאות, — ס'זיינען דאָ

אזעלכע אינגלאַך אידישע אויך?... ער וואָלט אפשר אויך געוואָלט זיין אזאַ אינגל?...

ער קומט אהיים, זעצט זיך שטיל אוועק צום טיש, לייבעלע; עסט פאַמעלאַך, שלינגט די געציילטע ביסנס, און פרעגט ביי דער מוטער:

— ווער וואוינט דאָרט, מאַמע, וואו מ׳גייט אריבער דעם שאָסע, ביים פעלד, אין רויטן הויז?...

— איי, — כאַפּט זיך די מוטער, — די הינט האָבן אודאי מיט דיר צו טאָן, און לאָזן דיך נישט אדורכגיין, א ווייטיק די מאַמען...

— ניין, — זאָגט לייבעלע, — ס׳איז דאָרטן דאָ א אינגל, זעט ער אינגאַנצן אויס ווי א שייגעצל און רעט אידיש ווי א אידיש אינגל — חדוש׳ט ער זיך.

— וואָס?... דו רעדסט צו אים? ... — קוקט אים די מוטער אין די אייגלאַך — דאָס איז דאָך דעם משומד׳ס אינגל, א ווייטאָק דער מאַמען... טפו... דו שפּיי אויס דריי מאָל, אז דו גייסט דאָרט פאַרביי... א משומד׳ס א אינגל, א ווייטאַק...

— זיין טאַטע האָט זיך גע׳שמד׳ט?... — פרעגט לייבעלע, און האָט גרויס רחמנות אויף יענעם אינגעלע, — אזאַ וואויל אינגעלע!...

— נאָך ערגער ווי געשמדט! — זאָגט די מאַמע, — ער פאָרט אין שבת... עסט חזיר... און איז נאָך, אפשר, א ווייטאָק, דאָס איז, א איד דערצו?... כ׳וויל גאָר נישט אויבער הונדערט יאָר, אין זיין הויט שטעקן...

עס מאַכט זיך קאַלט. קאַלטע טעג... און לייבעלען קומט אזוי אויס פאַרבייצוגיין אין דער פרי, באַגינען, דאָס רויטע הויז; דער הונט בילט אויף אים שטאַרק, און דאָס אינגל קומט

ארויסצולויפן אים צוהאלטן, און ער וויל עפּיס ווי געוויינטלאך, מיט אים ריידן...

וויל לייבעלע נישט.

— דיין טאטע איז א גוי...

שווערט זיך ס'אינגל:

— זיין טאטע איז א איד...

— א אידישער גוי איז נאך ערגער ווי א גוישקער גוי — זאגט נאך לייבעלע די מוטערס רייד.

נעמט אים דאס אינגל אריין אין הויז, אים ווייזן: ס'איז א אידישע שטוב, און עדות'ט זיך מיט זייז מאמען:

— מאמע, דעם אינגעלס מאמע זאגט: דער טאטע איז א אידישער גוי...

לאכט די מאמע זיינע פונם אינגעל, — א הויכע מאמע אפילו, א שיינע מאמע אין לייבעלעס אויגן, און זי פרעגט ביי אים, ביי לייבעלען:

— וועמענס ביזטו, אינגעלע?...

— דעם שניידערס, וואס אויף דער פאדשעניע, — ניט א קלינג לייבעלעס קולכל..

— און וואו שיקט דיך דאס דיין מאמע יעדן טאג אזוי פרי?...

לאזט לייבעלע אראפּ ס'קעפּעלע, פארשעמט:

— אין חדר, לערנען...

— די טעג זיינען אבער אזעלכע קאלטע, אינגעלע, — זאג דיין מאמע, זי זאל דיך נישט ארויסלאזן אזוי נאקעט; זי האט גאר נישט קיין מורא, אז דו זאלסט דיך צוקילן?... נעם דיר א רעקעלע פון מיין אינגעלע, אפשר וועט עס אויף דיר גוט זיין...

רוקט זיך לייבעלע אוועק דערשראקן:

— חלילה, ער וועט קומען אהיים אין א רעקעלע, וועט

דאַך די מאַמע באַלד וויסן: וואו ער איז געווען, און ער וויל דאָס גאַרנישט אויסזאָגן פאַר איר...

ער בלייבט נאָך אביסל זיצן אינם רויטן הויז; ס׳זיינען דאָ א זעלבע ווארימע שטובן, און ליכטיקע... אין חדר איז קאַלט... און ער האָט נאָך אזוי ווייט צו גיין פון דאַנעט... דער וועג איז נאָס פון די רעגנס... שפילט ער זיך דערוויל מיט דעם הונט, מיט וועלכן ער ווערט א גאַנצער פאַנ-בראַט... דאָס אינגעלע לערנט אים "סלוזשען" אין זיינע אויגן, און ער מוז זיצן אויף די הינטערשטע צוויי פיסלאַך, די פאָדערשטע האַלטן אויפגעהויבן...

און ווען ער זעט זיך שפּעטער אַרום, לייבעלע, ס׳איז שוין אזוי שפּעט, און ער איז נאָך דאָ — לויפט ער גיך אוועק אין חדר; און אין חדר אז ער קומט אריין, דוכט זיך אים, אזוי ווי ס׳וואָלט שוין פריער עמיץ געקומען זאָגן דעם רבי׳ן וואָס ער האָט דאָ אָפּגעטאָן, און די בעקלאַך פלאַמען אים אזוי...

דער רבי פרעגט אים:

— וואו ער איז געווען אזוי לאַנג, לייבעלע...

זאָגט ער:

— ס׳קעפּל האָט אים וויי געטאָן, און די מאַמע האָט אים נישט אַרויסגעלאָזט...

אַז לייבעלע קומט אַהיים, רוקט ער זיך אריין אין א ווינקעלע, און האָט גאָר מורא צו קוקן די מאַמען אין די אויגן אריין; די מאַמע שפּירט עפּיס, ס׳אינגל איז נישט אויפגערוימט, אזוי גיט זי אים באַלד א טאַפּ ס׳קעפּעלע, און זאָגט צום מאַן:

— רחמיאל, ס׳קינד לערנט אפשר צופיל, ס׳קען אים, חלילה, נאָך פאַרשאַטן...

גיט רחמיאל, דער טאַטע, א קוק איבער די גלעזער, און

זעט דעם אינגל זיצן פארשעמט, אראפגעלאזט ס׳קעפל — זאגט ער:

— נישטקשה; לערנען, זאגט מען, איז גאר נישט פאראן א סך; אמת: לייב?...

שטארקט זיך לייבעלע, קריגט ליב טאטע־מאמע, און שווערט זיך:

— ער גייט שוין מארגן נישט מער אריין; דאס אינגעלע פון רויטן הויז וועט אים אפשטעלן, — וועט ער אנטלויפן, און נישט מער וועלן רעדן מיט אים..

און צומארגנס, אזוי ווי ר׳קומט פאר׳ן רויטן הויז, און דער הונט לויפט אים אנטקעגן ארויס, גאנצער חבר־לאפ, לעקט אים די פאלע, שלעפט אים פראסט פאר איר אין שטוב אריין, — אזוי לאזט מען אים ווידער פון דארטן אזוי גיך נישט ארויס צוריק; מ׳גיט אים צו טרינקען מילך, טרפה׳נע מילך אפשר, — ער שעמט זיך צו טרינקען, שעמט זיך מער ווי ער האט מורא, נאר דעם אינגעלעס שיינע מאמע רעדט אים איין:

— טרינק, אינגעלע, דו ביזט אזוי אויסגעדארט; האסט אזא בלייך פנים׳ל...

און ער טרינקט, פארזאמט זיך; פארזאמט יעדן טאג, און פאר׳ן רבי׳ן — פלאמען שוין מער נישט די בעקלאך זיינע; דער רבי שטעלט אויף די ברעמען, — האט שוין לייבעלע א גרייטן תירוץ אויבנ׳אויף; אלע טאג א תירוץ: אנ־אויסגע־טראכטן; א ביטערן; און האט מורא:

— איי, ווי מ׳וועט אים מקיים פסק זיין דערפאר...

דאס קעפל נעמט אים ווייטאן, און איינמאל, ליגנדיק אין דער היים אויפן בעטל מיט א צעגליט קעפל, שטייט ער־צו צו דער מוטער:

— מאמעשי, ס׳איז גאר נישטא קיין אנדערער וועג אין שטאט אריין צו גיין, נאר מיטן שאסע?...

זאגט די מוטער צום טאטן זיינעם:

— רחמיאל, דער הונט האָט אודאי מיט אים צו טאָן, א ווייטאָק דאָס איז... כּאָליען דאָ, די משומדים, מיין קינד זאָל האָבן פון זיי צרות אויסצושטיין...

מוט דאָס לייבעלען נאָכמער ווייי, און ער האָט ערשט אויפסניי מורא צו זאָגן:

— אז דאָס אינגעלע דאָרטן האָט אזא גוטע מאַמע; זי דערהאַלט אים ס׳לעבן יעדן טאָג מיט א טעפּעלע הייסע מילך... און אפשר טרפה׳נע מילך דערצו...

די מוטער ווידער, קושט אים מיטליידיק אין קעפּעלע:

— שוין באַלד, לייבעלע, וועסטו זיין געהאָלפן; האָסט שוין גאָרנישט לאַנג צו וואַרטן; אזוי ווי דו וועסט נאָר בר־מצוה ווערן, וועט מען דיר אָנטאָן א טלית, מאַכן א זיידענע קאַפּאָט־קע... א שדכן איז דאָ געווען, מיין קינד, פון ר׳ מאָטעלע דעם עושר... שוין באַלד, לייבעלע, און דו וועסט נישט ברויכן גיין מער איבערן שאָסע, די הינט זאָלן מיט דיר האָבן צו טאָן, א ווייטאָק דער מאַמען...

אז די קעלטן זיינען געוואָרן נאָך שטאַרקער, האָט לייבעלע אָנ־געהויבן מיט יעדן טאָג מער צו פאַרזאַמען ביים אינגל, אינם רויטן הויז; מ׳האָט אים פון דאָרטן גאָרנישט אַרויסגעלאָזט; ער איז געוואָרן אזוי איינגעבאַקן, אז מ׳האָט שוין געוואוסט פאַר אים אָנצוגרייטן א טעפּעלע מילך... און אז ער האָט זיי א מאָל אָפּגעוויכט פאַר מורא, — האָט מען אים שוין מאָרגן געקענט פרעגן:

— וואָס ער איז נישט נעכטן געקומען, — מ׳האָט ערשט זיין טעפּעלע מילך אַרויסגעגאָסן...

פאַר׳ן רבי׳ן ווידער האָט ער געהאַט א גאָלדענעם תירוץ, לייבעלע:

— די מאַמע לאָזט אים נישט אזוי פרי אַרויס איבער די

קעלטן, וואָס זיינען אַזוי גרויס און נאָך גרעסער הינטער דער שטאָט, אויפן „פעלד...

נאָר אַז דער רבי האָט זיך איינמאָל באַקלאָגט פאַר דער מוטער:

— זי טוט אַ גרויסע עולה דעם אינגל, וואָס זי לאָזט אים אַזוי שפּעט אַרויס אין חדר אַריין...

האָט זי אויפגעשטעלט מויל־און־אויערן:

— וואָס רעדט איר עפּיס? ... אַ ווייטאָק, ער רייסט זיך דאָך אַרויס פון שטוב, — איז נאָך קיין טאָג נישט; פינסטער אויף די הימלען...

ליגט שוין דער טאַטע אוועק די שער, שטייט־אויף און קוקט זיך איבער מיט'ן ווייב:

— כ'זע טאַקי, ס'אינגל איז נישט אויפגערוימט; ער דרייט זיך צופיל הינטער דער וואַנט, און רייבט זיך ס'נעזל; שוין לאַנג געכאַפּט: אַ רויט אָפּגעריבן נעזל ביי אים...

רופט מען צו לייבעלע:

— וואו ביזטו דאָס, אוצר, באַלד אין דער פרי?... דו גייסט אוועק פון שטוב איז נאָך קיין טאָג נישט, און דער רבי זאָגט: אַז דו קומסט אין חדר אַריין ערשט נאָך וואָרימס...

זאָגט לייבעלע מיט אַ ציטריק קול'כל:

— ביי זיי אין הויז, מאַמע...

הייבט די מוטער אויף אַ גוואַלד, ווי די שטוב וואָלט איר אונטערגעגאַנגען, און דער טאַטע גיט אַ קלאַפּ מיט דער שער אין טיש אַריין:

— איבערגעפירט מיר אַ קינד, די משומדים...

הייבט לייבעלע אויף ס'קעפּל, און די בעקלאַך פלאַמען אים, ברענען ווי אַ פייער:

— נישט קיין משומדים, טאַטע; אידישע קינדער... די מאַמע זאָל אַזוי לעבן, ווי אידישע קינדער...

— ער שווערט נאָך ביי דער מאַמען ! — שרייט איבער אים דער טאַטע.

— ווי אַזוי קומסטו אַהין צו זיין אין שטוב אַריין ?.. — הייבט די מאַמע אויף אַ קלאָג אויף אירע יאָרן, — ווי אַזוי ?...

רעדט נישט לייבעלע ; וואָרים ס'האַרצעלע טוט אים ווייַ פאַר דער מאַמען, און אויך פאַר דער שטוב — אַזאַ וואוילע שטוב דאָרטן, און זיין טאַטע מאַמע ווייסן דאָס נישט... ווי אַזוי זאָגט מען זיי דאָס, און זיי זאָלן נישט אַזוי קלאָגן, נאָר בעסער ווערן צו מענטשן דאָרטן, — אים לאָזן אַהין גיין...

די מאַמע זיצט און קלאָגט ס'חורבן ; דער טאַטע קלאַפּט מיט דער שער אין טיש אַריין :

— איבערגעפירט אים אַ קינד ,די משומדים..

ביי לייבעלען שטאַרקט זיך עפּיס, און וויל נעמען רעדן :

— מאַמע, מ'קען זיין אַ גוט אינגל, מ'זאָל אפילו גיין אין אַ רעקעלע...

— און זיך שפּילן מיט אַ הונט, אַזוי ווי די גוישע שקצימלאַך?...

— ברעכט זיך די מוטער די הענט.

— און גיין אָפּגעשוירן די פּאות'לאַך ?... באַפאַלט אים דער טאַטע מיט אַ געבייזער.

— וועט מען דיך וועלן פון ר' מאַטעלען, מיינסטו ?... און חתונה האָבן צו בר־מצוה ?...

זאָגט גאָרנישט לייבעלע.

נאָר דער טאַטע שרייט :

— ער וועט איצט פאַרזיצן ; ווערן אַן אַלטער בחור.... מ'האָט אים איבערגעפירט ס'קינד...

און פירט אים אַליין אין חדר אַריין ; האָט אים מורא אַליין דעם וועג צו געטרויען; שטייט ער אויף באַגינען, ווען ס'איז נאָך פינסטער, — נעמט לייבעלען ביי דער האַנט, און גייט מיט אים אַוועק איבער די פעלדער, ליימיקע גריבער, נאָר אַז

לייבעלע זעט פון דערווייטנס דאָס רויטע הויז מיט'ן רויטן דאַך, אַזוי נעמען אים פּלאַמען די בעקלאַך, ס'האַרצעלע צו קלאַפּן, און ער לאָזט אַראָפּ ס'קעפּל, גייט שטיל... און האָט מורא צו זאָגן:

— ער זאָל אים אַריינלאָזן אַהין...

דער טאַטע זייגער זעט דאָס, טוט אים ווי ס'האַרץ אויפן אינגל, און אַהיימקומענדיק זאָגט ער צום ווייב:

— אסתר יהודית, ס'וועט גאַרנישט העלפן; דאָס קינד איז איבערגעפירט; די משומדים האָבן אים דאַרט אַריינגעכאַפּט; און אויב דו ווילסט אים צוריק האָבן איז נישטאָ קיין אַנדערע עצה, ווי מ'זאָל אים אָוועקשיקן אין אַ ישיבה אַריין; בכן, וואָש אים אויס די צוויי העמדלאַך מיטן לייבצודעקל, און כ'וועל מיט אים אַריבערפאָרן אין בית־המדרש, איבערלאָזן צווישן דער־וואַקסענע בחורים.

דער גרעבער

הירשעלע, לייבעלע, יאָסעלע און מיט זיי נאָך אַנדערע, זײַנען געווען שפּאָרע אינגלאַך, דערוואַקסענע חדר־אינגלאַך, וואָס האָבן שוין באַדאַרפט גיין שבת זיך לאָזן פאַרהערן ביים רב אַ בלאַט גמרא...

און הירשעלע, לייבעלע, יאָסעלע און מיט זיי די אַנדערע דער־וואַקסענע קינדער, האָבן פאַר קיין שום זאַך נישט קיין מורא געהאַט, נאָר פאַרן גרעבער; דער גרעבער איז אַפילו אַן אַלעם געווען אַ שרעקענדיקער איד, און ס'האָט אים קיינער נישט איבעריק אַנגעווען.

אַן אַלטער בלינדער איד, וואָס האָט שוין אפשר מער נישט גע־זען צו באַגראָבן אַ טויטן, נאָר דאָס געטאָן פון בלויזער רגילות, פון אַ סך יאָרן טאָן די זעלביקע מלאכה; און אויב זײַנע אויגן האָבן נישט געקענט דערזען, צי ער גראָבט אוים טיפער מיט אַ האַלב איי״ל דאָס קבר אָדער ווייניקער מיט אַ האַלב איי״ל — האָט דאָס אים אויך קיינער נישט נאָכגעקוקט, און ס'איז אויך קיינעם קיין חלוק נישט געווען, ווי טיף דער מת וועט ליגן...

דער דאָזיקער אַלטער גרעבער האָט שוין אַפילו די מיושב־דיקע חדר־אינגלאַך נישט צורו־געלאָזט; כאָטש זיי האָבן נישט אַזוי קלאָר געוואוסט, וואָס דעם גרעבערס מלאכה איז, ווייל זיי זײַנען קיינמאָל דאָרטן, פון וואַנעט ער פלעגט קומען אין שטאָט אַריין, נישט געווען, — האָבן זיי שוין געהאַט אַ באַגריף וועגן דעם גוטן אָרט בלויז קוקנדיק אויף אים, דעם אַלטן בלינדן גרעבער, מיט זײַן ווילדער באָרד, האָריקע אויערן און לאַנגע ברעמען...

— ס'מוז דאָך אויך אַזוינע אויגן, אַזאַ אַלט פּנים און אַזאַ האָריקע באָרד ווי ביי אים, דעם גרעבער, אויך האָבן ס'גוטע אָרט...

אויסגעקומען צו זען דעם גרעבער איז זיי, די קינדער, ווען אַן עופּה'לע פּלעגט שטאַרבן. ביי אַ גרויסן מענטש, פּלעגט ער בלייבן זיצן אויפן בית־עולם, דער גרעבער, און אָפּוואַרטן ביז מ'וועט צו אים דעם בר־מנן אַרויסברענגען; נאָך אַ קליין קינד איז ער אַליין געקומען אין שטאָט אַריין, דאָס נעמען. און אַזוי ווי קליינע קינדער פּלעגן זייער אַ סך שטאַרבן, — אַזוי איז אים יעדן צווייטן און דריטן טאָג אויסגעקומען צו זיין אין שטעטל.

שוין דאָס קומען זיינס איז געווען מורא'דיק; ווען אַלע זיינען נאָך געשלאָפן אָדער געלעגן אין די בעטן און קוים געקלערט פון אָנטאָן זיך, — האָט ער זיך שוין געלאָזט הערן מיט זיין אַריינגיין אין שטעטל; איבערן גאַנצן שטעטל האָבן זיך זיינע טריט געהערט...

און די קינדער האָבן קיינמאָל נישט געקענט וויסן, פון וואַנעט ער ווייסט אַזוי גענוי, דער גרעבער: ווען אַ קינד שטאַרבט?... און וואו, ביי וועמען, עס שטאַרבט?...

שבת. איינמאָל אויף דער נאַכט, אַז זיי זיינען פאַרזעסן, די קינדער, צו מלוה־מלכה ביים רבין, האָבן זיי אַהיים־גייענדיק גע־הערט אַ גוואַלד: „ביי לאה די בייגל־בעקערן איז ס'קינד פאַר־גאַנגען"... ס'האָט געקענט זיין דענסטמאָל נאָך צוועף ביינאַכט... און אפשר גאָר איינס אַזייגער... און באַגינען האָבן זיי שוין, די אייגענע קינדער, געהערט ווי דער גרעבער גייט אַריין אין שטאָט, קומט נעמען דאָס טויטע קינד...

האָבן זיי זיך געפרעגט, די קינדער:

— פון וואַנען האָט ער שוין אַזוי גיך געוואוסט, דער גרע־בער, אַז ער באַדאַרף זיין ביי לאה די בייגל־בעקערן? און אַז ביי איר איז אַ קינד געשטאָרבן? און זיך גאָר נישט טועה זיין, גיין

ערגעץ אנדערש־וואו ? נישט אנדערש, ווי דער אייגענער מלאך־המות, וואס נעמט ביי וועמען צו א קינד, מאכט דארטן גלייך אויף דאס טירעלע וואס ביי דעם גרעבער, און שרייט אריין :
„כ'האב דא און דא געקוילעט א קינד דו זאלסט וויסן, אז דו האסט ארויסצוגיין אין שטאט, דא און דא...."
נישט אנדערש, ער האט יד־אחת מיטן מלאך־המות, דער גרעבער...

קומענדיק פארטאגס נאכן טויטן קינד אין שטאט, האט נאך די לאמטער זיינע געברענט ביי אים אין איין האנט, און דער שטעקן פון דער אנדערער האנט האט געקלאפט, און אזוי ווי אריינגעקלאפט אין יעדן לאדן פון פענסטער :
— איך זאלט וויסן זיין, דאס איך, יוסף־לייב, דער גרעבער, בין דא אין שטאט...
אריינקומענדיק אין יענע שטוב, וואו ס'האבן געברענט צוויי ליכטלאך צוקאפנס פונם איבערגעדעקטן טויטן קינד אין וויגל, — האט ער נאך געהאט א פינסטערע טבע אויפצודעקן די פיסלאך, און נאכדעם דאס אריינלייגן מיט אזא זיכערע בטוחות אין א קעסטל, וואס ער האט נאך פון פריער גענומען אין א דערבייאיק באקאלייען קרעמל, ארויפלייגן דאס אויפן אקסל און זיך דערמיט לאזן אוועקגיין ; מילא, דאס נעמען ווי דאס נעמען, נאר ס'אוועקגיין איז אים אבער א סך מאל נישט אזוי גרינג אנגעקומען, ווי ס'רעדט זיך, ווייל נישט איין משוגע'נע מאמע, משוגע פון צרות, איז אים באפאלן ווי א ווילדער טיגער און זיך געשלאגן מיט אים : „גזלן, רוצח, וואו נעמט איר מיין קינד אוועק?... מיין קרוין פון קאפ?..."
און ער האט זיך באדארפט ראנגלען מיט איר, ביטער ראנגלען, ביז ער האט זיך געקענט ארויסרייסן פון אירע נעגל...
א סך מאל האט זיך נאך אים געריסן א האלבע שטאט ווייבער, געריסן מיט יאמערלאכע קולות, מיט א ווילדן צארן, און דער

גרעבער איז צו זיי געווען טויב ווי די וואנט, געלאָזט צו זיך שריי־
עז, ריידן פון זיך די גאַל אַרויס, און אַמאָל, אַז זיי האָבן אים גוט
דערבייזערט, — נאָך אויפהייבן דעם שטעקן, אַז זיי זיינען שוין גאָר
נאָנט צו אים צוגעקומען:

— גייט אַוועק, כ׳דער׳הרג׳ע אייך...

ביז זיי פלעגן זיך אָפּשטעלן ביים אַרויסגאַנג פון שטעטל, פאַר־
כליפּעטע, און קוקן ווי ער שלעפּט זיך אַרויס איינער אַליין, אייג־
געבויגן, מיטן קעסטל אויפן אַקסל, אַזוי ווי אַ וואָלף מיט אַ פּעטן
מאַלצייט, און קומט אַוועק אַריבער יענער זייט באַרג, צום גוטן
אָרט....

די קינדער זיינען שוין געווען פאַרשטענדיקע, און האָבן גוט גע־
וואוסט, אַז מ׳שטאַרבט; אַז אַ לעבעדיקער מענטש שטאַרבט;
אַ דערוואַקסענער מענטש אַזוי גוט ווי אַ קינד, נאָר זיי האָבן
נישט קלאָר געוואוסט, וואָס דער גרעבער טוט דאָרט מיט די גע־
שטאָרבענע; אַלע געשטאָרבענע ברענגט מען, ווייסן זיי, צו אים,
אָדער ער נעמט זיי אַליין צו זיך, און האָבן געמיינט, אַז דאָס בית־
הקברות, וואָס ער היט דאָרטן אָפּ, מוז זיין דאָס גהינום, וואו
מ׳ברענט און מ׳בראָט די טויטע און מ׳טוט זיי אָן די גרעסטע
יסורים אין דער וועלט...

די קינדער האָבן אויך געקענט דעם וועג צום בית־הקברות.
אָבער ער פלעגט זיך ביי זיי אויסנעמען, צוגלייך ווי ביי אַלע מאַ־
מעס, — ביים אַרויסגאַנג פון שטעטל, וואו דאָס לעצטע הייזל האָט
זיך אויסגעלאָזט, און ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן אויסשפּרייטן די פעל־
דער, וואָס צום באַרג...

ביז דעם לעצטן הייזל זיינען זיי נאָך געווען בריות, און אַלע
נאָכגעגאַנגען; אויפן באַרג־אַרויף שוין מיט מורא געקוקט; און
אויפן באַרג, זיינען זיי געווען זיכער, אַז מ׳קומט, זיצט דאָרט הינטן
פון יענער זייט דער אַלטער גרעבער, און אים ביי דער האַנט — דער
מלאך־המות, און ווער עס באַווייזט זיך נאָר אויפן באַרג, אַזוי

שטרעקט דער מלאך־המות אויס דאָס מעסער איבער יענעם, און דערנסטמאָל קומט דער אַלטער גרעבער, די צווייטע האַנט זיינע, און נעמט שוין דאָס גרייטע צו זיך, הינטער דער מויער פון בית־הקברות, זיין קברות...

אַז ביי זעלדע אַבע׳ס איז ביינאַכט געשטאָרבן דאָס קינד, האָבן שוין יאַסעלע, לייבעלע, הירשעלע און אַלע איבעריקע דערוואַקסענע קינדער, נישט געהאַט קיין גוטע נאַכט ; קעגן טאָג זיינען זיי שוין געלעגן אויף — און מיט אָפענע אויערן זיך שאַרף צוגעהערט צו איטלאַכן טריט, — דעם גרעבער׳ס טריט וועלן זיך לאָזן הערן, ווי ער וועט קומען אין שטאָט אריין נעמען דאָס טויטע קינד...

ס׳איז שוין טאָג, בלאָ אין די לאָדנס, און מ׳הערט אים נאָך אַלץ נישט ; וואָס טוט זיך דאָ עפּיס ?...

און מיט אַמאָל ברעכט אויס אַ געיאָמער, אַ קלאָג ; ווייבער וויינען... אויף זעלדע אַבע׳ס יללות וויגט זיך די שטאָט... מיינען זיי, די קינדער, אַז דער גרעבער איז געבליבן וואַרטן אין דרויסן, אויפן פעלד, און מ׳וויל דעם טויטן קינד צוטיילן דעם כבוד וואָס אַ גרויסן מענטש, און דאָס אַרויסברייינגען אויפן קברות...

און זיי לויפן פון איבעראַל אַרויס קוקן. ערשט זיי זעען : מ׳איז טאַקע געקומען נאָכן טויטן קינד, נאָר נישט דער אַלטער גרעבער. אַ יונגער גרעבער איז געקומען... ער טראָגט אויך, ווי דער אַלטער גרעבער, דאָס עופה׳לע אין אַ קעסטל, אויף אַ האָר נישט אַנדערש — אָבער ס׳איז פאָרט נישט יענעמס טראָגן... עפּעס איז ער נישט אַזוי פאַרביטערט צו די ווייבער, און טוט נישט זיין זאַך אַזוי אַכזריות׳דיק... אַ פלינק אידל מיט אַ געשטופּלט פּנים, אַ געל־שפּיציק בערדל, בלינד אויף איין אויג, און דאַך נישט אַזוי אָפּשרעקנד ווי דער אַלטער גרעבער...

די ווייבער זיינען אים נאָכגעגאַנגען, און אַז זיי האָבן אים אָפּגעהאַלטן, האָט ער זיך נישט געוואָרפן, נאָר געבעטן זיך : „לאָזט מיך גיין אין מיין וועג...“ אַזוי ווי ס׳וואָלט אים אַליין ווי

געטאָן אויף דעם וואָס ער טוט, נאָר ווייל ער האָט קיין ברירה נישט, קען זיך נישט העלפן, און מוז דאָס טאָן...

די קינדער האָבן קודם כל אין דער ערשטער רגע זיך גאָר נישט געקענט פאָרשטעלן, אַז אַ גרעבער זאָל קענען זיין יונג?... נישט באַלד געבוירן ווערן אַלט צו זיין מלאכה, נאָר דערביי ערשט אַלט ווערן?... און זיך נאָכמער גע׳חדוש׳ט, אַז דער אַלטער גרעבער האָט געקענט שטאַרבן, נישט אייביק לעבן, אַלנפאַלס, זיי נאָך, די יונגע קינדער, האָבן איבערגעלעבט!... זיי האָבן געמיינט: דער אַלטער גרעבער וועט שוין אַזוי אייביק אַלט זיין, אייביק לעבן, ווייל ער מוז דאָך לעבן אויף צו באַגראָבן יענע, וואָס שטאַרבן... וואָרים, אויב ער זאָל אויך שטאַרבן, ווער זשע וועט וועמען באַגראָבן?... ס׳איז ביי זיי געווען איינגעפאַסט, אַז אַ גרעבער איז נישט יונג, ווערט נישט אַלט, נאָר קומט באַלד אַזוי אַ פאַרטיקער און פאַר אַלע מאָל, אַז נישט, — וואָס ברויך ער נאָך צו וועלן יענעם באַגראָבן?... און זיך געטראַכט וועגן זיין טויט, דעם גרעבערס, אַז ס׳איז נישט אַנדערש געווען, ווי ער האָט זיך געמוזט אַליין איינרייסן מיטן מלאך־המות, נישט געקענט אַדורכקומען ביי אַ מת, אַ שטיינער, און יענער האָט אין גריים כעס אויך אויסגעשטרעקט דאָס מעסער איבער זיין האַלז...

און אין יענעם פרימאָרגן זיינען, צוגלייך מיט אַלע מאַמעס, אים אויך נאָכגעגאַנגען הירשעלע, לייבעלע, יאָסעלע און אַלע אַנ־בעריקע פאַרשטענדיקע קינדער; און כמעט שוין גאָר נישט קיין מורא האָבנדיק, — אַרויף אויפן באַרג, געקוקט פריי אויפן בית־הקברות; מיטן דערזען אַ יונגן גרעבער, האָט שוין דאָס בית־הקברות אַליין מער נישט אויסגעזען ביי זיי אַזוי פאַרהווילען... אימה׳דיק ווייט... אַ גהינום, וואו מ׳ברענט און מ׳בראָט די טויטע, און מ׳טוט זיי אָן די גרעסטע יסורים אין דער וועלט, — נאָר אַ גע־ווינטלאַך שטיק שטיל פעלד, מיט אַ סך שטיינער, מצבות, און מיט אַ הויכע, ווייסע, געקאַלכטע מויער אַרומגעצוימט...

דער בית־עולם

ביים שטעטל איז געלעגן זייער א גרויסער בית־עולם, איז ער גע־ווען א שרעק פאר די גרויסע, און נאך א גרעסערער פחד פאר די קליינע קינדער.

א קליין פיצל שטעטעלע, א ברעקעלע, און איין גאט ווייסט פון וואנען און מיט וואס ער האט זיך אזוי אויסגעשפרייט; צו דאס שטעטעלע האט אים זייט הונדערטער יארן געשפייזט מיט א פולע שפע, אדער מ'האט דא געזאלט צופירן טויטע פון די ארומיקע גרויסע שטעט, וואו מ'האט אפשר קיין אידן נישט גע־טארט באגראבן...

א גרויסער, אלטער בית־הקברות געווען...

אלטע לייט האבן זיך, דערציילט מען, אמאל געהאט איינ־געשפארט:

— מ'באדארף נישט האבן קיין מויער צו אים, ווייל די פארשייטע ציגן שפרינגען אלצאיינס איבער דער מויער אויך ארי־בער, קען מען אויסקומען מיט א גראבן...

איז ער געבליבן מיט א גראבן...

די קינדער אין שטעטל האבן נישט געוואוסט, וואס ס'איז א בית־עולם; א לײדיק גרוים שטיק פעלד, באוואקסן מיט ביימער און אנגעווארפן מיט שטיינער. — וואו קיינער פון שטעטל קומט נישט...

דאס גאנצע שטעטל איז פאר זיי געווען. ווי ס'איז א טייך פאר פיש, אין וועלכן זיי זיינען פארשייט ארומגעשווימען, גע־קוואקעט ווי די זשאבעס, געפילדערט, נאר אז זיי פלעגן קומען צום גראבן פון גוטן ארט, א פלאבער, טרוקענער גראבן, וואס מ'האט

גרינג געקענט אים דורכקריכן, און אפשר גאר אריבערשפרינגען אויך, — זיינען זיי געבליבן שטיין ווי פאר א שטיק שרעק, און געקוקט אויף אים מיט אויפגעריסענע אייגלאך :

— וואס איז דארט ?...

ביי א קליין איינגעביקט הייזעלע, נעבן א בריקל וואס איבערן גראבן, פלעגט פון אלע מאל זיצן אן אלטער ווייסער איד ; זיצן אויסגעגאסן, נישט קיין ריר טאן מיט קיין גליד, און זיין פארשוויגן ווי א שטיין אויפן אלטן שטילן בית־עולם ; און ווען עלוועלע, דער עלטערער פון די אלע אינגלאך, פלעגט זיך איינשטעלן אים אפרעגנצו־טאן, אנווייזנדיק מיטן הענטל אויפן גוטן ארט :

— זיידע, וואס איז דארט ?...

— א גוט ארט, אינגעלע, — האט דער אלטער שווער אויפ־געהויבן די גאמבע, — א גוט ארט...

— וואס טוט מען דארט, אויף א גוט ארט ? — האט ער געוואלט פון אים דערגיין.

האט דער אלטער מער די גאמבע נישט אויפגעהויבן, און ס'איז פון זיין מויל נישטמער גאר ארויסגעקומען...

א שטיק צייט האבן די קינדער מורא געהאט צו גיין אויפן גוטן ארט, ווייל מ'קען פשוט אויף אים פארבלאנדזשען ; זיי האבן זיך א סך אנגעהערט פון די מאמעס, ווען קינדער וואס זיינען ווייט אוועקגעלאפן איבער די פעלדער, — האבן זיי פארבלאנד־זשעט און נישטמער געקענט אהיימטרעפן, ביז ס'איז ארויסגע־קומען אן אלטער גראער מענטש מיט איין אויג אין קאפ, און זיי פארנארט אין וואלד אריין...

האבן זיי געמיינט : דאס דער בית־עולם איז אויך אזא שטיק וואלד, און ס'איז פינסטער דארטן צווישן דיביימער אזוי ווי אין וואלד, און ווען מ'פארבלאנדזשעט אין אים, — קען אויך ארויס־

קומען אזא מענטש מיט איין אויג אין קאפ, און פארנארן, אז מ׳זאל שוין מער נישט צוריק אהיים טרעפן...

האט זיך אבער א סך מאל געמאכט, ווען זיי פלעגן זיך אזוי שיין שפילן אויף די פעלדער, ארום גוטן ארט, אין מיטן העלן טאג, די זון האט געשיינט, — און זיי זאלן מיט אמאל דערהערן דארטן וויינען; אזוי ווי מאמעס זאלן וויינען... א סך מאמעס אויף אמאל זאלן דאס דארטן אזוי שטארק קלאגן.... און נישט געווען איינגאנצן גאר זיכער ביי זיך, — אויב ס׳זיינען נישט די אייגענע מאמעס..

זיינען זיי אנידערגעפאלן אין איין שרעק צו דער ערד, זיך אויסגעצויגן אויף די בייכלאך, און צווישן זיך אזוי גערעדט:

— ניין... דאס גוטע ארט איז נישט דער וואלד, אדער אזוי ווי דער וואלד, ווי מ׳האט זיי דאס געהאט איינגערעדט...

און גלייך נאכדעם, ווי זיי זיינען אהיימגעקומען, — אנכאפן די אייגענע מאמע, ביי וועלכע מ׳האט גאר נישט באדארפט זוכן קיין סמנים אויפן פנים, ווייל די אויגן זיינען נאך געווען גענוג אנגעשוואלן און פארטרערט, — און העפטיק צוגעשטאנען עפעס אזוי ווי מיט א פרעטענזיע, וואס מ׳האט זיי געהאט אפצונארן:

— מאמע, ס׳א וואלד? און וואס האסטו היינט דארטן אזוי געוויינט?...

ו

וועלוועלע דער עלטערער, האט געזאגט צו די קינדער, — אז ער וועט וויסן זיי צו זאגן, וואס מ׳טוט אויפן גוטן ארט; נאר אזוי ווי זיי האבן געזאגט, אז וועלוועלע ווייסט נאך דערוויי׳ל נישט.

— האבן זיי אים געווארט, ביז ער וועט וויסן זיי צו זאגן...

אבער אין מיטן ווארטן, אין די טעג ווען די קראמען פלעגן זיך מיט אמאל פארמאכן, די שטובן בלייבן ליידיק, א קייט פון א לויה האט זיך געצויגן, און אלע טאטע־מאמעס האבן זיך געשטופט

מיט געשרייען, מיט ביטערע געוויינען איבערן בריקל, — אויפן בית־עולם, האבן זיי אנגעכאפט וועלוולען:

— וועלוול, דו ווייסט שוין וואס מ'טוט דארטן?

— נאך נישט, — האט זיך וועלוול געהאלטן שטייף און געקוקט, ווי ס'גאנצע שטעטל קומט אוועק אויפן בית־עולם, און ווערט דארטן פארפאלן — אבער כ'וועל וויסן...

און זיי האבן אים געגלייבט, וועלוולען: אים אליין גע־ווארט, אזוי לאנג געווארט, ביז וועלוול אליין איז קראנק געווארן און, נישט דא געדאכט — אליין אויך געשטארבן.

זיינען זיי געבליבן, די קינדער, נאכמער ווי פון זיין שטארבן, דערשראקן דערפון, וואס זיי האבן געזען, ווי א סך מאמעס האבן זיך צונויפגענומען און געשריגן, געוויינט — ווען אידן האבן גענו־מען דעם פארשטארבענעם וועלוולען, און ארויסגעטראגן אהין, אויפן אייגענעם ארט, דעם גוטן ארט, און צוריקגעקומען פאריאמערט, אן אים.

א פנים, אים דארטן געמוזט איבערלאזן...

אזוי זיינען זיי, די קינדער, מיט וועלוולס אפשטארבן טאקע דערגאנגען, צי וואס די אידן פלעגן זיך א סך מאל פאקן איבערן בריקל אויפן בית־עולם, און די מאמעס דערביי אזוי שטארק וויי־נען:

— אז דאס האבן זיי אויך דענסטמאל געמוזט ארויסטראגן זייערע געשטארבענע אהין, און זיי דארטן איבערלאזן...

און נאכדעם ווי די אידן האבן וועלוולען, זייער וועלוולען, געלאזט אויפן בית־עולם, אזוי איז שוין דער אייגענער בית־עולם נישט גע־ווען מער אזוי שרעקנדיק ביי זיי אין די אויגן:

— וועלוול איז דאך דארט, זייער וועלוול...

און צוקומענדיק נאָענט צום גראָבן, זיינען זיי שוין געווען מער צוגעלאָזן, מער חבר מיט אים; זיך אפילו געשפּילט פרייער אויף די פעלדער ארום; און איינמאָל, אַז זיי האָבן געהערט שטאַרק וויינען אויף אים, טאַקע די אייגענע מאַמעס וויינען — זיינען זיי מער נישט אהיים פרעגן ביי זיי: וואָס זיי האָבן געוויינט?... נאָר אָפּגעוואַרט ביז די מאַמעס זיינען אַוועק, און אויפן בית־עולם איז געבליבן צוריק שטיל, — האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט ביים גראָבן און צווישן זיך גערעדט:

— מ׳וואָלט באַדאַרפט אַריבערגיין אויפזוכן וועלוולען, די אידן האָבן דאָך אים דאָרט איבערגעלאָזט — ער זאָל זיי איינמאָל זאָגן, וואָס מ׳טוט דאָרטן, אַז מ׳זאָל ברויכן וויינען...

און איינער, אַ אינגל, האָט טאַקע באַלד אַ געשריי געטאָן אויפן קול:

— וועלוול!

אויפן בית־עולם איז ווי פריער געווען שטיל, ס׳האָט זיך קיי־נער נישט געהאַט אָנצורופן, — אַזוי זיינען זיי באַלד אָן מורא אַריבערגעשפּרונגען דעם גראָבן, און זיך האַלטנדיק פאַר די הענט־לאַך, אַוועקגעלאָזן פּאַמעלאַך, מיט געציילטע אָפּגעהיטענע טריט, צווישן די געדרייטע ביימער, אָפּזוכן וועלוולען; געקראָכן איבער די שטיינער, איבער די בערגלאַך ערד, געשריגן: „וועלוול... וועלוול...“ און אַזוי אַרומקריכנדיק אַ גאַנצן נאָכמיטאָג, וועלוול־אַהין, וועלוול־אַהער, מיד געוואָרן שרייענדיק, — צוריק אַריבער דעם גראָבן, און זיך געלאָזט אין שטעטל אַריין, זייענדיק פאַרמאַטערט, און אָפּגעזיפצט:

— וועלוול ווייסט שוין פאַר געווים, וואָס אַ בית עולם איז; ער מוז שוין אודאי וויסן; ס׳איז נאָר אַ שאָד, וואָס זיי האָבן אים נישט געקענט אָפּזוכן, — וואָרים, ער וואָלט זיי אודאי אויך געווען געזאָגט...

אַן אַ ברודערל

בערעלע האָט נישט געוואוסט : זיין עלטערער ברודערל, הירשע־לע, איז געשטאָרבן ; ער האָט זיך געשפּילט אין גאַס, ווען זיין ברודערל איז געלעגן קראַנק אין בעט ; און אַז זיין מאַמע האָט אויפגעמאַכט דאָס פענסטער, אַרויסגעבויגן איר קאָפּ און אים צוגערופן :

— בערעלע, קום אַרויף אין שטוב אַריין זען הערשעלען, ער איז נעבאַך אַזוי נישט געזונט...

איז ער ווי שטענדיק, אויך דאָס מאָל געווען שטאַרק אויפגע־רוימט, און זיך געפרייט אַרום די צעבראָכענע העלצער, וואָס האָבן גענומען אויפגיין אין פלאַמען מיט רויך.

שפּעטער, אַז די מאַמע האָט אים ווידער אַמאָל גערופן, גלאַט גערופן, און מיט אַ הייזעריקלאַך קול :

— בערעלע, קום אין שטוב אַריין...

און נישט דורכאויס זען זיין ברודערל, איז ער שוין יאָ שטיין געבליבן זיך אומקוקן, מער דערשראָקן פאַר דער מאַמעס פאַר־וויינט פּנים, אָנגעשוואָלענע אויגן, און זיך גע׳חדוש׳ט :

— הערשעלע איז דאָך אַלע מאָל נישט געזונט ; און וואָס וויינט היינט די מאַמע אַזוי ?

און זיך באַלד אָפּגעקערט פון איר ; די מוטער האָט אים נישט געזאָגט — זיין ברודערל לעבט נישט מער, און ער איז גע־בליבן ווייטער מיט די אינגלאַך אַרומרוישן אויף דער גאַס : און אַז ער איז פאַרנאַכט אַריין אָנגעיאָגמערט אין שטוב, דערזען ס׳בעטל איז ליידיק, אויפן טיש שטייען נישטמער אָנגעשטעלט די וויים־שווארצע פלעשלאַך, און אַזאַ שטילע, בלייכע אומעטיקייט ליגט

אויסגענאָסן אויף די טאַטע־מאַמע, — האָט ער זיך שוין מיט איינ־מאָל אויסגעטאָן פון די ווילדע געשלעגן, און באַנומען :

— הערשעלע איז שוין מער נישט קיין לעבעדיק ברודערל זיינס...

די מאַמע האָט אים אַ כאַפּ אַריינגעטאָן אין זיך, און אַרויס־געוויינט :

— שוין געשטאָרבן הערשעלע, זעסטו...

האָט בערעלע געפילט אין איר וואַרימן אָרומהאַלדז, אַזוי ווי זי וואָלט דאָ אויך מורא געהאַט פאַר אים, — און איר ליבלאַך געגלעט איבערן פּנים, די מאַמען...

— איך וועל שוין נישט שטאַרבן, מאַמע...

ביינאַכט האָט אים דער טאַטע גענומען אויף די הענט, וואָס ער האָט קיינמאָל נישט געטאָן, ווען הערשעלע האָט געלעבט ; צערט־לאַך געגלעט איבערן קעפּל, אָפּגעווישט דעם פאַרטריקנטן שוויים פון פּנים׳ל, אויסגעטאָן און געלייגט אים שלאָפן... איינ־געוויקלט מיט די קישעלאַך... און דאָס האָט אים זייער הנאה געטאָן, בערעלען, גאַר שטאַרק געפרייט, וואָס דער טאַטע איז אַזוי צוגעלאָזן צו אים, אַזוי נאָענט, און אַ סך ליבער באַקומען, ווייזט אויס, ווי ווען הערשעלע האָט געלעבט...

אויף מאָרגן, אַז ער איז אַרויס אויפן גאַס, האָט ער זיך באַרימט פאַר אַלע אינגלאַך, און זיי אויפגעטאָן :

— ס׳איז זייער גוט, אַז אַ ברודערל שטאַרבט ; ווייל די טאַ־טע־מאַמע האָבן נאָכדעם מער ליב...

די אינגלאַך האָבן אים אָנגעקוקט מיט מורא :

— אַזוי ?... און דיין טאַטע האָט דיך שוין נישט געשלאָגן מער ?..

— נישט אויפגעהויבן די האַנט !.. — שטייט בערעלע אין גרויסן.

און ער מעג שוין איצט ארומרוישן אויפן גאַס, בערעלע, אַנטאַן שאַדנס ביי לייטן ; ס׳מאַכט זיך : ס׳קומט ווער אריין צום טאַטן זיינעם זיך באַקלאָגן אויף אים, — הייבט ער נישט אויף די האַנט אויף אים, ווי ער האָט דאָס שטענדיק געטאָן, נאָר זוכט אים פאַר יענעם צו פאַרענטפערן, אויסצורײדן און גערעכטמאַכן :

— ס׳א ווילד אינגל, וואָס זאָל איך מיט אים טאָן ?...

און בערעלע איז גאַר, גאַר געהאָלפן ; שטאַרק צעפּיעשטשעט, און אַז ער פילט נישט מער דעם טאַטנס דאַרע האַנט, אַזוי איז ער צעלאָזן, און הייבט זיך אָן אויסצובוטן ביים עסן :

— ברויט וויל ער נישט ; זעמל — א דורכגעשניטן און אָנגעשמירט מיט פּוטער, זאָל מען אים געבן ; געלן קעז אינעוויי-ניק אריינלייגן...

נאָר אויף דער נאַכט, אַז די מאַמע לייגט אים שלאָפן אין בעטל אריין, וואו ער איז שטענדיק געשלאָפן צוזאַמען מיט זיין ברודערל, קען ער נעבעך אַליין נישט איינשלאָפן, און ס׳איז אים זייער אומעטיק ; מיט הערשעלען איז דאָך ס׳בעט גאָרנישט געווען אַזוי גרוים און גערױם... ער האָט זיך געמוזט קוועטשן פאַר א שטיקעלע אָרט... ליגן אָנגעשפּאַרט אויף זיין לייב... און ס׳איז געווען אַזוי וואַרים...

אַצינד איז דאָס בעטל צו גרויס פאַר אים אַליין, קאַלט אונטערן בעטגעוואַנדל און שלעכט צו ליגן... נעמט ער זיך וואַרפן, איבערלייגן פון דער רעכטער אויף דער לינקער זייט, פון דער לינקער אויף דער רעכטער זייט, און אַז ער קען נישט איינליגן, — אַזוי זעצט ער זיך נאָכדעם אויף און טראַכט :

— אָי, הירשעלע, ס׳מאַכט שוין בעסער געווען אַז דער טאַטע זאָל שלאָגן ווי פריער, און גראָד נישט אַזוי ליב האָבן, — נאָר דו זאָלסט געווען בלייבן לעבן...

און אַז ער פלייסט זיך צו האַלטן לאַנג פאַרמאַכט די אייג-לאַך, — זעט ער ווידער הערשעלען, זיין געשטאָרבן ברודערל, ווי ער לויפט אַרום אין דרויסן אויפן גאַס, מיט אַלע אַנדערע איינגלאַך,

וואָס זיינען געשטאָרבן ; ווי זיי האַלטן זיך פאַר די הענטלאַך און מאַכן אַ ראָד אַרום די אָפּגעלאָשענע העלצער, האָפּסען אַזוי פאַרשייט אַרום...

שרייט ער אויס פון שלאָף :

— אַי, הערשעלע, אַ שאָד, וואָס דו ביזט געשטאָרבן, און לעבסט נישט מער...

און כאַפּט זיך אויף. נאָר איידער ער קוקט זיך נאָך אום, זעט ער שוין שטיין די מאַמע מיט פאַרטרערטע אויגן, און הערט ווי זי זאָגט צום טאַטן :

— ס׳קינד קען נעבאַך אַליין נישט שלאָפן...

און זי נעמט אים אויף די הענט צו זיך אין בעט אַריין. וואָס ער לאָזט זיך גערן, און שעמט זיך אַליין דאָס צו זאָגן ; און אַז ס׳ווערט אים וואַרים מיט איר צו ליגן, מיינט ער — הירשעלע ליגט ווי פריער מיט אים אין בעטל... און פרייט זיך אַזוי אין שלאָף בערעלע, וואָס זיין ברודערל הירשעלע לעבט, און איז נאָרנישט געשטאָרבן...

באלד נאך סוכות איז געווען זייער א טייערע צייט פאר קינדער ; ס'האבן זיך אנגעהויבן די שלעכטע רעגנס, און איידער די אָרימע מאמעס האבן נאך צייט געהאט צו פארזען די שטובן, אז די שלעכטע ווינטן זאלן אין זיי נישט ארייננבלאזן — זייגען שוין די קינדערלאך אוועקגעפאלן און קראנק געווארן...

האבן די קינדער גאר נישט קיין מורא געהאט, וואס זיי זיינען קראנק ; קראנק־זיין איז ביי זיי געווען א טייערע זאך, און זיך דאס געוואונשן :

— כאטש אלע וואך, געזאגט...

שפילנדיק זיך געזונטערהייט אויף דער גאס, אויף וואס דער טאטע פלעגט קרום קוקן, און אמאל אויך אננעמען פארן אויער און אראפפירן אין שטוב אריין, האבן זיי זיך נאר געקענט טראכטן:

— אז מ'וועט אפטאן דעם בייזן טאטן, ווען מ'וועט ווערן קראנק, זיך ליגן אין בעט אריין...

*

בערעלע שלמה'ס — האבן די קינדער געוואוסט — קרינט פון טאטן געשלאגן, ווען ער איז געזונט ; און יאנקעלע פייגעלע'ס טאר זיך אפילו נישט שפילן מיט קיין קאץ...

און אז בערעלע שלמה'ס איז געלעגן קראנק אין דער מאמעס בעט, איינגעדעקט אין בעטגעוואנט, האט ער זיך אזוי געפרייט. וואס דער טאטע זיצט איבער אים אויפן בענקל, שאקלט זיך, איז פאר'מרה'שחורה'ט...

און רעדט אזוי פיין :

— אז דו וועסט געזונט ווערן, בערעלע, וועל איך מיט דיר גיין אין פריצ'ס סאַד אריין, און כ'וועל דיר קויפן א ציג...

און פאר יאַנקעלען איז נעבאך די מאמע געלאָפן איבער א האלבע שטאָדט כאַפן א קאַץ; זיך אויסגעשלאָגן מיט א יועלט מענטשן פאר דער קאַץ, און זי אים אפילו ארייננעגעבן אין בעט אריין:

— שפּיל דיך, אוצר'ל, מיטן קעצל; און אז דו וועסט, אם ירצה השם, אויפשטיין פון בעט, וועל איך נאָך אליין גיין צום היצעל דיר קויפן א הינטעלע...

און שוין מער נישט אַנגעשריגן אויף אים, ווי־ווען ער איז געווען געזונט:

— וועסט פארגעסן ס'לערנען, אז דו וועסט זיך שפּילן מיט קעץ, און האָבן א גראָבן קאָפּ...

די קינדער האָבן גאָר נישט קיין מורא געהאַט, ווי די טאַטע־מאַמע זייערע. — וואס זיי זיינען קראַנק; קראַנק זיין, האָט ביי זיי געהייסן — נעמען לעפעלאך פון די ביטערע פלעשלאך, ליגן איינגעדעקט אין די בעטן, און אמאָל אויך זיך לאָזן צולייגן נאַסע טיכלאך צום קעפּל...

און וואָס האָט דאָס אויסגעמאַכט קעגן דעם, וואָס זיי האָבן דענסטמאָל זיך אַלץ געקענט אויסביטן און אויסנעמען:

— זיי ווילן האָבן קעצלאך, הינטלאך, טויבן און ציגן...

און שוין דאָס וואָס די טאַטעס און מאַמעס, וועלכע זיינען צו זיי געווען אזוי שלעכט, זיינען מיט איינמאָל געוואָרן אזוי גוט, און געזעסן איינגעהויקערט, פאר'דאגה'ט, און ס'איז אויסגעקומען, ווי די קליינע קראַנקע קינדער זיינען מיט איינמאָל שטאַרקער געוואָרן פאר די דערוואַקסענע, געזונטע, טאַטע־מאַמע?...

און דערפאר, אז ס'פלעגט קומען באַלד נאָך סכות, ווען די טאַטע־מאַמע האָבן צו מיינסטן זיך געשראָקן פאר זייערע קינדער־

לאכם געזונט, און אין איילעניש גענומען פאריכטן די שטיב־לאך, אז דער ווינט זאל דורך די שפארעס נישט ארײַנבלאזן, די קעלט דורכן קוימען נישט דורכקריכן, — האבן זיך די קינדער געפרייט און געטאנצט פאר גדולה:

— איצט וועט מען שוין אלץ קאנען אויסנעמען ביי די בייזע טאטע־מאמע, אז מ׳וועט ליגן קראנק...

אויסברוך

די זון שיינט. ברייט ליגט אויפגעוואָרפן דער הימל, וואָס האָט זיך נאָך לאַנגע הכנות ריינגעוואַשן, און באַוויזן פאַר דער וועלט מיט אַזאַ רחבות, גראַד ווי ס'וואָלט איר עפּעס אַ גרויסער יום־טוב געווען באַשערט.

איבער בערג, ברייטע שטחים ערד, — שטייען פעלדער זאַנגען, ליגן לאַנקעס גראָזן, זיינען ביימער צעוואָרפן, און איבער זיי, אַלעמען פלאַטערט די שמחה, רוישט עפּעס ווי מענגעס פליגל פון באַ'חנ'טע טויבן; פאַרשוויצטע פּנים'ער, פאַרפלאַמטע באַקן, אויפגעקאָכטע הערצער, פאַר'שיכור'טע ריחות... ס'טויבט אין די גאַסן... דער דופק קלאַפּט שטאַרקער, אַנגעשטרענגטער, די ברוסט הייבט זיך העכער, כוואַליעס צעשפּאַרן איר, כוואַליעס פרייד — —

כ'שטיי ביים פענסטער, האַלט צוגעשפּאַרט כ'קאָפּ צו דער לייסט, און קוק אַנגעשטרענגט אויף די זומפּן, וואָס רויען אונטן אין די געסלאָך, גראַד ווי מאַראַווקעס נאָך אַ רעגן, ווען די זון שיינט־אויף, און ס'איז אַ שטאַרק גערעטעניש אויף זיי...

די ברעם פיבערט, צוקוקנדיק ווי ס'בייטן זיך די קאָלירן; ווי די בלייכע קריינקליכע באַקן ווערן שאַרלאַך־רויט, ווי דער הימל אויף מזרח־זייט; ס'פינטלען די אויגן, די שוואַרץ־אַפּלען פאַרגרעסערן זיך אין אַזעלכע גרויסע, שווערע, שוואַרצע נאַלעס, און באַלד אין קליינע, דראָבנע מאָן־קעפּלאָך; ס'צעשפּרייטן זיך די נאָז־לעכער אַזוי איינגן ווי ביי הינט ווען זיי דערשפּירן

מיט זייער שארפן חוש־הרית נבלה, און ציען זיך באלד איין ווי א שוואם אויף א טרוקענע היץ...

די נאכט שפרייט אויס אירע טונקלע שאטנס; שווערע טונקלע שאטנס זעצן זיך אפ איינער אויפן אנדערן ווי טויטע פארוועלקטע בלעטער; א פינסטערניש ווייעט אויף אלעם; ס׳לעשט זיך צוביסלאד ס׳גערויש אין די אויערן, ס׳פארשווימען די געשרייען, אזוי ווי דערטרונקענע כוואליעס, וואס ווערן ערגיץ אראפגעשלעפט אין די טיפע טיפענישן פון פאנאנדערגעשפרייטע ברעגעס אויף טייכן...

ס׳פאלט צו די נאכט, אן אומרואיק־שווערע נאכט...

די שטאט פארזינקט, ווערט דערטרונקען אין א ווילד שכרות; ס׳ריסעווען זיך בלויז די שווערע מאסיווע הייזער, גמאכן, סבלענדן די שייבן, צלם־שפיצן, קופאלן; אויף מערב־זייט פאלן אראפ די לעצטע רעשטלאך פונם טאג׳ס ליכטיגקייט — אין אזעלכע פארגליווערטע שווערע שטיקער, פונקט ווי די צעבראכענע שוועלן, ביי וועלכע מ׳האט אוועקגענומען דעם אנלעען; אויפן האריזאנט שווימען רואיק און פארטראכט ארום אזעלכע אונגעהויערע שטיקער, סקעלעטן פון חיות, וואס האבן נאך אודאי געברויכט לעבן פארן מבול.

און אין דער פינסטערניש שפירט זיך ערשט די אנגעשטרענגטע שווערקייט פון דער שטאט, וואס האט זיך מיט עטליכע שעה צוריק געוויגט אין די פאר׳שכור׳טע ארעמען פון אירע איינוואוינער; אין די קליינע צעצויגענע פאסיקלאר, וואס ציען זיך פון די גאז־לאמטערן איבער די לאנגע, אויסגעצויגענע טראטוארן — ציטערט נאך קוים א שוואכער שפור פון דער אויסגעלאשענער פרייד...

ס׳שוועבט עפעס א גראער אנגסט; פליגל פון פלעדערמייז פאכען בלינד, אומגעזען: הינט בילן, און עפעס רייסן, פליקן קאפיטעס פון בערד, וואס זאלן ערגיץ פראלן איבער די גאסן, שפריצן מיט פונקען פון זייערע פאדקאוועס.

א שווערע נאכט, אַן אומרואיקע . . .

די טיפע שטילקייט איז נישט קיין זאטע, צופרידענע שטיל־קייט פון א יום־טוב׳דיקער שטאט, וואס ליגט שווער, אוועקגע־פאלן, באַזויפן פון שכור׳ער פרייד, נישט אויסגעניכטערט נאָך פון איר שמחה; ס׳א שטילקייט פון מייז, איבערגעשראָקענע מייז, וואס האָבן זיך פאַריקט אין די יאַמעס; א פינסטערע שטילקייט וואו מ׳זעט נישט קיין ליכט־שיין מער; כ׳ברענט נישט קיין איינציקע לאַמטער, ס׳רייסט נישט דורך קיין פלעמל ערגיץ אין א שפּאַלט, נאר עפּעס א שטיל רוישן, וואס מ׳הערט אזוי ווי פון א קוואַל, וועלכער שטאַרקט זיך; א ברייטער, טיפער קוואל האָט זיך אַדורכגעריסן דורך די ערד און גייט אזוי הילכיק איבער דער שטאָט, פאַרפלייצט איר מיט אירע נאַסע אָרעמען, רייסנדיק שטיקער:

— טו־ר... טו־ר...

די ערשטע שאָסן באַגריסן הילכיק די שטאָט...

אונטערגאנג

כ׳שטיי בײם פענסטער, און זע די שטאט ווי זי שפרייט זיך אויס ארום און ארום, העכער און נידריקער ; ס׳שטארצן ארויס די הייזער, קוימענס, אפגעריסענע מויערן, זיי צעפלעכטן זיך דא געדיכט, און צעגייען זיך באלד שיטער ; אויף איין ארט : אין לאנגע, ברייטע, אויסגעפלאסטערטע גאסן, מארקן, און אויף א צווייטן ארט — אין שמאלע צעדרייטע געסלאך, ליקן, סקווערן...

טראכטנדיק וועגן איר, אזוי דרימלט עפעס־אויף אין זכרון א מעשה׳לע ; א מעשה׳לע פון א האריקן מכשף מיט א רויט מיצל, וועלכער האט דא געזאלט מיט הונדערטער יארן צוריק האבן אויפגעשטעלט זיין ביידל, וואס איז געווען דער ערשטער גרונט־שטיין צו איר, דער דאזיקער שטאט.

עטלאכע צוואנציק יאר, מיט נישט קיין סך עלטער ווי כ׳בין, געדענק איך איר, די שטאט ; פאר דער צייט זיינען א סך הייזער ביי איר ארויסגעוואקסן ,גרויסע הייזער, אין פארשידענע צעווארפענע טיילן ; עטלאכע הייזער ביי מיר אפילו, אויף מיין גאס, אקעגנאיבער, — וועלכע איך בין פשוט געווארן א דם שונא, ווייל זיי האבן מיר פארשטעלט די פעלדער, וואס האבן זיך געזען העט־ווייט אריבער די נידריקע הייזלאך, דורך מיין פענסטער.

שווערע, אומגעלומפערטע הייזער, ריזיקע דעכער, שפיצן פון צלמים, — זיינען מיר באזונדער ליב, ווען כ׳קען נישט דערקוקן צו זייערע הויכקייטן, און מאכן טונקלער די שמאלע גאסן ; כ׳ווער עפעס ווי א קליין קינד, שפירנדיק די גרויסקייט און די שוואר־

קייט פון די דאָזיקע הייזער, די שטומע כּחות וואָס ליגן דאָרטן אין זיי איינגעקנעטן...

כ'דערמאָן מיך: אַז כ'בין אַ פּיצל קינד געווען, און געגאַנגען אַלע טאָג אין חדר, האָב איך מיך אָוועקגעשטעלט ביי אַן אָרט, וואו ס'שטייט היינט אַזאַ גרויס הויז; מ'האָט דענסטמאָל אַ קליין הייזעלע אַראָפּגעוואָרפן, און גענומען שטעלן דאָס איצטיקע גרויסע הויז; פאַר מיינע אויגן האָט מען געגראָבן דאָס גרוב, אָנגעהויבן מויערן, און כ'האָב מיך גאָר קיינמאָל נישט געקענט זאַט אָנקוקן אויפן בויען, ווי געשיקט די ווענט פליען אַרויס פון אונטער די הענט, הייבן זיך אויף צו די הימלען; מ'לייגט אַ ציגל אויף אַ ציגל, דוכט זיך, נישט מער — און ס'ווערט אַזאַ דיקע הויכע מויער, אַ גראָבע; מ'האַקט אַ שורה פענסטער, און מ'דעקט אַ שטאָק, מ'פּאַרציט אַ געזעמס, און מ'גייט ווייטער אַרויף, אַרויף, ביז ס'ווערט אַ גמאַך, אַ שווערער ריז, אַ קאַסטן מיט לעכער, אַ סקעלעט: דער סקעלעט נעמט ערשט שפּעטער אויף זיך פליייש, באַקומט אַריין דאָס איינגעווייד, ווערט ביסלעכווייז פאַרפילט ווי אַ זייגער מיט אַ געוואָרג; און מיט איינמאָל — אַ הויז, אַ פילפאַרביק הויז, די ליכטיקייט שיינט אַרויס פון אַלע פענסטער, די שייבן גלאַנצן פון אויבן ביז אַרונטער...

און אַזוי וואַקסן אַרויס הייזער מיר אין די אויגן, און ס'ווערט פון זיי אַ שטאָט; וואו ערגיץ אַ קליין ברעקל הייזל, מאַכט עס אָרט פאַר אַ הויכע מויער, און וואו נאָר אַ ליידיק שטיקל פעלד — ווערט עס פאַרמויערט; די שטאָט ווערט יונגער מיט יעדן טאָג, און וואָס אַ יאָר שענער; וואָרים, וואָס מאַכט דאָס אויס ס'ביסעלע יאָרן אויפן לעבן פון אַ שטאָט?... מיט וויפל יאָרן הייסט אַ שטאָט אַלט?...

כ'שטיי ביים פענסטער, טראַכט וועגן דער גרויסקייט פון דער שטאָט, איר אונגעהויערן וואוקס, און אַזוי ווי ס'איז מיר שווער צו האָבן אַ באַגריף דעריבער, — מער שווער נאָך איצט ביים האַרץ עפּעס; דאָס קינדערשע געפיל, וואָס האָט געוואָרימט

מיט איטלאכן ציגל, וואס איז ארויפגעלעגט געווארן אויף א מויער; דאס געפיל פון פרייד פאר איטלאכן שטיקל מויער גופא, וואס האט ארויסגעשפראצט, — פלאטערט איצט ווי די פליגל ביי א קראנקע טויב, פול מיט מורא, פאר דער אייגענע שטאט מיט אירע גרויסע הייזער...

די שטאט איז אין סכנה.

ס׳פאלן די שאסן אויף איר; פון ערגיץ, כ׳ווייס נישט פון וואו, שיסט מען; און נאך אזוי בארעכנט, פול מיט כונה, אזוי ווי מ׳וואלט זיך פארגענומען מיט דעם דאזיקן שיסן, אלע הייזער אראפצוראמען; מ׳באקלערט, קענטיק, יעדן שאס, יעדן גראַ־נאט, — ער זאל טרעפן אין ארט; מ׳צילט זיך אריין אין דעם הויז, אין יענעם הויז, און מ׳מאכט א לאך נאך א לאך; מען ווארפט אראפ דעם דאך, און אז מ׳איז שוין פארטיק דערמיט — נעמט מען זיך באלד צום אנדערן הויז, צום דריטן, און צום פירטן...

ס׳הארץ פארגייט און פון דער קינדערשער פרייד, וואס די שטאט האט אזוי געוואקסן, ווערט די גרויסע מורא:

— זי זאל דא אמאל נישט אונטערגיין?

פארגליווערט שטעהען די הייזער, ווי א סטאדע אקסן צו־זאמענגעפרעסט, — וואס איז ארומגערינגלט פון וועלף, און ווארטן נאר אפ זייער ביטערן גורל:

— אויסגעכאפט צו ווערן דא, פונם ערשטן ביזן לעצטן, ווייל דער הונגער ביי די וועלף איז זייער גרויס, און ס׳איז אים שווער צו שטילן...

מ׳שיסט, מ׳שיסט שטארק און געדיכט, ברייט און מיט אימפעט; די הייזער פאלן כסדר צוזאמען; דא — דארט ווערט דאס ארט ליידיק... און קוקנדיק, ווערט מיר קלאר א סוד: ווי אזוי א שטאט, וואס איז נאך אזוי יונג, הייבט ערשט אן צו בליען, — קען אויף אירע יונגע יארן שוין אונטערגיין? און איך, א מענש, וואס מאכט דאס אוים מיין לעבן, מיינע יארן — אויפן לעבן פון א שטאט, זאל איך קענען איבערלעבן?...

זי גייט אונטער, מיט יעדער רגע גייט זי מער אונטער, די שטאָט; כ׳זע: ווי דאָס גרויסע הויז, וואָס איך בין פריער געווען אַזאַ דם־שׂונא — ציטערט; עס טרייסלט זיך ווי אין אַ קדחת, אין אַ חולה־נופל; אַזוי ווי ס׳וואָלט עס עמיץ אָנגעכאַפּט פאַר די אויערן און געשאָקלט... אַ גראַנאַט פליט אַריין, און מאַכט אַ לאָך, נאָך איינער, און ס׳לאָך ווערט גרעסער, די וואונד טיפער, די עפענונג — ברייטער, ביז אַ מויער לאָזט זיך אײַנגאַנצן אַראָפּ. פאַלט איין, און דער האָריזאָנט אַנטפּלעקט זיך, די צעגעלניעס וואָס האָבן זיך פריער אַמאָל געזען, קומען צוריק אַרויס, דער קאַלך־אויוון, דער שאָסע, וועלדער, דער פרייער אונטערשטאָטישער שטח...

כ׳שטיי ביים פענסטער, צוגעשפּאַרט צו דער לייסט, און טראַכט וועגן אונטערגאַנג פון אַ שטאָט.

באַלאַגערונג

פאַראַן נעכט, וואָס זיינען אַזוי געדיכט און טיף מיט זייער פינ־סטערקייט, ווי אַן אַלט אָפּגעשטאַנען וואַסער; וואָס, אַ חוץ זייער טיפקייט, האָבן זיי נאָך עפּעס אין זיך אַזעלכעס, וואָס מ׳קען נישט אַנטאַפּן, נאָר לאָזט זיך שטאַרק שפּירן און לעגט זיך מיט אַ שרעקליכע שווערקייט אויפן גאַנצן געמיט; דאָס געהער איז אַזוי פאַרשאַרפט, אַז מ׳קען אויפכאַפּן וואו ס׳באַוועגט זיך ערגיץ אַ בלעטל, און אויפציטערן ביים מינדסטן בלאָז פון אַ ווינטל; מ׳שפּירט זיך אינגאַנצן ווי אַ קליין ציטריק פייגעלע, וואָס איז איבער אַ נאַכט געבליבן אָפּגעריסן פון איר נעסטעלע, זיך איינגעטוליעט אויף אַ פרעמד אומבאַקאַנט צווייגעלע, און שרעקט זיך ביים קלענסטן ווינטעלע:

— ס׳זאָל דאָ ערגיץ נישט אַריינפאַלן צווישן די שאַרפע ציין פון אַ קאַץ...

אַזעלכע נעכט טרעפן זיך זעלטן; זיי קומען אומגעריכט אַרויפצושווימען גראָד ווי די דעמבעס אין טייך, נאָכדעם ווי זיי ליגן אָפּ הונדערטער יאָרן אויפן גרונט...

ס׳געפיל פון אַזאַ נאַכט האָב איך אויך געהאַט, ווען די שטאָט איז אָפּגעשלאָסן געוואָרן, און איז געווען אַרומגערינגלט פון דער בלינדער פיינדליכער קראַפט; מ׳האָט דאַן גאָר נישט געשאָסן, נאָר אין דער שטיל, מיט ציטערניש אָפּגעטרעטן, און כ׳האָב געפילט אַ שטריק אויפן האַלז, וואָס איז אויף אַזאַ אופן איינגעצויגן, אַזוי ווי ר׳וואָלט בכיון געלאָזט אַן אָרט אויף לופט, — צו אָטעמען; און נישט ער דערשטיקט, דער שטריק, נאָר הייסט מ׳זאָל רק אַזוי שטיין און זיך נישט רירן; און קוים גיסטו דיך אַ

ריר, פאַרגייט ער זיך אויף אַ האַרעלע טיפער, און ווערסט דער־וואָרגן...

כ'האָב מיך געשפּירט ווי יענע קאַץ, וואָס האָט זיך צופעליק געכאַפּט אויף אַ פּעטליע און הענגט אַ האַלב־דערוואָרגענע, מיט אָנגעבלאָזענע לונגען, שפּיציקע אויגן, נאָר מיט דעם באַוואוסט־זיין — אַז זי קען פאַר יעדן קלענסטן ריר, באַצאָלן מיט לעבן...

אַזאַ שטריק האָט אויך די שטאָט געטראָגן אין יענע נאַכט אויפן האַלז ; זי האָט זיך שטיל־ע־הייט געוואָרגן...

כ'בין געשטאַנען ביים פענסטער, געוואָלט אָנטאַפּן די פינ־סטערניש — דערשפּירן איר ממשות'דיגקייט ; די לעבעדיקע, צאַפּל־דיקע שטאָט איז געלעגן טויט, און כ'האָב פאַר אַ רגע געמיינט, אַז איך געפין זיך ערגיץ אויפן שפּיץ פון אַ לייכט־טורם אין מיטן ים, וואו ס'ליכט דינט צום לייכטן פאַר די שיפן אויף זייערע ווייַ־טע וואַסער־וועגן, טויזנט מייל ווייט און ברייט פון דער יבשה...

און מיט אַ מאָל, כ'דערהער טריט ; האַרטע טריט, און אָפּ־געהאַקטע קולות, הייזעריקע :

— נאַ פּראַוואָ, ניעפּריאַטעל !

אַ מינוט שפּעטער, אַ געשליפן דין שטימעלע :

— לינקס די רוסן !

און עטליכע שאָסן האָבן זיך אַ שאָט געטאָן, ווי עמעס אַ צווילינג פון אַ בליץ וואָלט צוריסן אַ שווערע כמאַרע — — — — — — — — — און ס'האָט זיך געצויגן שטיל די נאַכט, די שטיי־לע חושכ'דיקע נאַכט...

נאָר, ווען ס'איז אויסגעפאַלן דער טאָג : דער הימל האָט באַקומען די אמת'ע מראה, האָב איך דאַן געהאַט ס'געפיל :

— אַזוי ווי כ'וואָלט גאַנצע צען יאָר אָפּגעוועזן אין אַ באַלאַ־גערטע שטאָט...

פייערן

עטלאכע צוואנציק וויארסט פון שטאט ליגט דער פראנט ווי א האלבע לבנה אויסגעשפרייט ; ליגט רואיק און געדולדיק, בייזערט זיך א מאל שטארקער, שוואכער, אבער קיינמאל נישט סכנות׳דיק...

מ׳האט זיך שוין איינגעלעבט מיט אים אזוי ווי מיט א ווילדע קאץ, וועלכע איז אזוי לאנג גוט ווי לאנג מ׳לאסקעט איר, מ׳גיט איר צו עסן ; און טאמער זאל מען איר מער אנרירן, אזוי קען זי בייז ווערן איבער א רגע, זיך פארגעסן און גוט צעדראפען...

מ׳איז געווען רואיק כאטש מ׳האט זיך כסדר געריכט אויף עפעס, ווארים ס׳איז דאך פארט א פראנט ; און וועגן דעם וואס ס׳געשיט דארטן, אויף אים, — האט מען ס׳רוב נאר געקענט האבן א באגריף פון די פייערן אויף די הימלען; אזוי ווי ר׳איז געבוירן געווארן דער פראנט, איז רויט־באפלעקט געווארן דער הימל מיט אים ; אין אנהויב, מיט קליינע לייכטע פלעקן, וועלכע פלעגן אויפשיינען איבער א רגע, שפעטער — אויף א לענגערע ווילע, און דערנאך שוין אויף א גאנצע נאכט א מאל...

מיט יעדע וואך האט דאס ארומגעכאפט א ברייטערן שטח הימל, און די פארב אויך איז געווארן א שארפערע, אזוי — אז דאס אויג וואס פלעגט לכתחילה בלייבן אזוי ווי צוגעשמידט פון גרויס שרעק און פארוואונדערונג, האט זיך שפעטער צוגעוואוינט, און ס׳האט שוין גאר נישט געארט ; ווען־אפילו ס׳האט דארט גע־מעגט רעגענען מיט בלוט און פייער...

אזוי ווי ס׳ווערט נאר נאכט, אזוי בעטן זיך שוין די הימלען אויס מיטן רויטן געוואנט, און ס׳זעט אויס, ווי די שרפה

וואַלט דאָרטן אָנגעגאַנגען פון בייטאָג נאָך, נאָר וואָס צוליב דער ליכטיקייט פון טאָג, האָט זיך דאָס פייער נישט געקענט אָנזען; ס'מאָלן זיך שרעקליכע בילדער, סדום־ועמורה בילדער: טויזנטער קאָלך־אויוונס זאָלן ברענען, דערפער און וועלדער שטייען אין פלאַמען; נישט אנדערש, ווי מ'זאָל האבן אפגעעפנט די קראַנען ביי הייסע קעסלען, פון וועלכע ס'גיסט זיך דער אויפגעקאָכטער שמעלץ פון ערד, שטיינער און פייער — צוזאַמענגעמישט...

און אַז דער פראַנט רוקט זיך, דערווייטערט זיך, — ווייסט מען אַלץ אויך אין די הימלען; ריכטיקער: אין די פייערן וואָס אויף די הימלען; דאָס פייער אויפן הימל גייט, הייסט: דער פראָנט גייט, קומט נענטער... און וואָס נענטער — בלוטיקער, רויטער ברענט דער הימל; טראָגן זיך געדיכטער די שווערע בייכיקע וואָלקן, ווי די זאַטע קי וואָס גייען אראָפּ פון פעלד אַזוי אָנגעפרעסן און מיט פולע אייטערס...

אונטן ליגט די שטאָט, — אַ שוואַרצע, פינסטערע, פאַרשטומטע שטאָט, אַזוי ווי עפּעס אַ קראַנקער, — וואָס איז אַוועקגעפאַלן אויף חולי־נופלים, האָט זיך נאָר־וואָס אויפגעהערט צאַפּלען און האַלט נאָך בלויז פאַרהאַקט ס'מויל זיינס; ס'שמייכלען די דעכער, די שייבן, מיט אַ רויטן שמייכל, און ס'גלאַנצן די מויערן ווי די בלייכע באַקן ביי שווינדזיכטיקע מיידלאָך; ס'בליצן די געשליפענע שפּיצן צלמים מיט דער שאַרפקייט פון חלפים, און די פאַרפלאָנטערטע נעצן פון די טעלעפאָן דראָטן ציטערן ווי די אויסגעגלימטע פונקען און ברעכן זיך ווי די שפּיזלען...

אָבער די שטאָט אַליין איז רואיק, שוין צו רואיק; ס'שלאָגן די אָטעמס ביי מענטשן, ווי דאָס טיק־טאַקן פון אַ מענגע אויסרעגולירטע זייגערס; און אפשר גאָר ווי דאָס פּאָכן פון הינט מיט די זייטן, וואָס האבן מורא צו בילן, און פון פאַרשוויגענע קעץ; אַ שטילע, אויסגעליידיקטע שטאָט, וואו ס'איז נישט קיינער מער געבליבן, אַ פּנים, וואָס זאָל זיך אויפכאַפּן פון שלאָף, ארויסלויפן אַ נאַקעטער מיט אַ בלויזן קאָפּ צעשויבערטע האָר,

אנהייבן שרייען גוואלד, ביז ס׳לשון וועט אים ווערן אפּ־גענומען; ס׳הערט זיך נישט אין ערגיץ דער שווערער בים־באם פון א גלאָק וואָס זאָל נעמען וועקן די שטאָט:

— שטייט־אויף, ראַטעוועט זיך פון פייער, וואָס גייט אויף אייך...

שטיל איז, פונקט ווי דאָס פייער וואָלט גאָר קיין פייער נישט געווען; העכסטנס — א פאַלש פייער, א געמאַכטס, וואָס קען נאָר בלויז רייצן, בלענדן; און די רויט־בייכיקע וואָלקנס זעען אויס ווי צעלאָזטע סטאַדעס שעפּסן, וואָס האָבן זיך אזוי צעלאָזט מיט צעפּלאָמטע גרזשיוועס איבער אַן אַלטן בית־עלמין, א פאַר־לאָזטן; און די הייזער שטייען אזוי ווי מיט דער רואיקייט פון מצבות, אויף פאַרעלטערטע קברים...

די שטאָט מאַכט דעם איינדרוק פון א ריזיקע בראַנז־סטאַ־טוע, וואָס געפינט זיך איצט אין איר הערליכסטער באַלייכטונג; ס׳זעט אויס, ווי א בליץ זאָל האָבן צעריסן די הימלען, וועלכע האָבן זיך שוין מער נישט צוגעמאַכט, און ס׳האָט זיך אויף א לאַנ־גע ווײַלע אָנטפּלעקט דאָס טיפסטע, דאָס העלסטע פון איבער זיי דאָרט; די מאָדנע, רויטע, בראָנזענע סטאַטוע שווימט אונטן־אַרום, אפשר מיט דער אייגענער פאַרגליווערטקייט וואָס מ׳זעט ביי א מענטשן אין די אויגן, ווען מ׳פירט אים צו דער תליה, און האָט שוין פאַרלוירן יעדן ברעקל זינען פאַר שרייען, מאַכן גוואַלטן — — — ווייל אויך די שטאָט, נאָכדעם ווי זי איז געבליבן אזוי פוסט, — האָט, ווייזט אויס, פאַרלוירן דעם שכל צו שרייען און וויינען, בעטן רחמים — ווען די פייער־צונגען האָבן איר שוין אָנגעהויבן לעקן, און לאַשטשען די גלידער!...

די שטאָט איז אַזוי ווי אַ ניסל, וואָס וויגט זיך אויף די כוואַ־ליעס פון אַ צעוויגטן טייך; די מענטשן קלייבן זיך דערווייל אין רעדלאַך, שטעלן זיך גאַנץ געמיטלאַך אָפּ און צעגייען זיך; יעדער ריכט זיך, די שטאָט זאָל איבערגיין צום אַנדערן מיט גוטן, און אַן איין שאָס — ווייל, מ׳זאָל זיך ערגעץ אַנדערש־וואו האָבן טיף אַריינגעשניטן אין פּראַנט, מוז מען דאָ אָפּטרעטן מיט שכל, מ׳זאָל נישט בלייבן אָפּגעשניטן אין גאַנצן און מיט אַלעמען.

דערווייל קומט דער בין־הזמנים, ווען איין צד טרעט אָפּ און דער צווייטער ברויכט אָנקומען, — בלייבט די שטאָט אַן אויגנ־בליק אַליין, הפקר; די מענטשן דערשפּירן די נבלה, וואָס גיט שוין אָפּ מיט אַ געדוך; און פּונקט ווי אַ הונט וואָס קריכט בגנבה נאָך אַ וואָגן פלייש און צאַטעוועט — אַזוי קריעט זיך דער המון הינטער די ווענט און צאַקט שוין באַצייטנס מיט די ציין, פון דעם פעטן ביסן, וואָס ס׳וועט אים דאָ אַריינפאַלן, שפּירנדיק ס׳הפקרות פון אַ שטאָט הייזער, איבער וועלכע קיינער וועט דער־ווייל נישט האָבן צו זאָגן גאָר...

מ׳האַלט זיך נאָך דערווייל אָפּ, אונבאַוואוסט, נאָר אָט גיט זיך שוין אַ האַנט אַ ריר־צו צו אַ בנין, עמיץ נעמט אַראָפּ אַ פענ־סטער בלויז, און שוין גיט אַ המון אַ באַזעץ דאָס גאַנצע הויז, און מ׳צעטראָגט עס; איינער בייסט די ווענט, דער אַנדערער שלעפּט אַרויס די שענק, מ׳טראָגט אַרויס, און אויב ס׳איז נישטאָ וואָס אַרויסצוטראָגן, פליקט מען לעבעדיקע שטיקער פון הויז גופא; מ׳טוט עס אויס ביז צום העמד, נאַקעט־גאָל, אַז עס

בלייבט אפילו אָן איין טיר, אָן איין פענסטער... אַ הוילער סקע־לעט... אַ ליידיקער קאַכטן...

דוכט זיך: אַז קיינמאָל וועט אַ מענש זיך נישט אונטער־שטעלן, מיט אַ קלאָרן ישוב־הדעת, — ער זאָל נעמען אויף זיך אַ שאַנק, צי אַ פולן אָנגעפילטן קופערט, און אים אַראָפטראָגן איינער אַליין אויף די פּלייצעס פון עטליכע שטאָק, וויסנדיק: ער קען זיך איבערקערן, און די משא זאָל אים צולייגן, אַרויסקוועטשן די געדערים פון בויך; סיי ביי בהלה, אַ שריפה, למשל, ווען דער שכל ווערט אוועקגענומען, מ'דערשפּירט אין זיך איבער־מענטשלאַכע כחות, אָדער דאָס רייכקייט פאַרבלענדט אַזוי, אַז מ'זאָל ווערן צומישט און טראַכטן:

— לעבן און זיין רייך, אַ נישט ליגן אין דר'ערד...

איר האָט ווען אַמאָל געזען, ווי פּליגן באַזעצן אַ געפאַלע־נע בהמה, וואָס גוסס'ט נאָך, זשיפּעט, און צעביסן איר?... די בהמה קען זיי שוין אַפילו מיטן עק נישט אָפּטרייבן, נאָר וואָס עס בלייבט איר נאָך איבער דער לעצטער כח, וואָס זי קלויבט אויף אין איר מידן גוף, אַז זי זאָל זיך כאַטש נאָך קענען אַ צאַפּל טאָן, דעם לעצטן צאַפּל אפשר — און מיט זיך צולייגן דאָס ביסל פליגן, זיי זאָלן בלייבן צוגעקוועטשט אונטער די שווערע משא פון איר אומבאַוועגלאַכן קערפּער.

דער המון איז באַפאַלן דעם קערפּער, ווען ער איז נאָך גע־ווען גוסס, און ער שפּירט נישט די ווייטאָקן פון דער גוסס'ער חיה; ער זוכט דערוויייל צו שטילן דעם אייגענעם הונגער, מיט די טייערע שענק קליידער, זילבערנע געפעסן, געשטיקטע פאַר־האַנגען און ער ראַבירט, צעטראָגט די הייזער אויף שטיק־שטיק־לאַך; שפּירט נישט די סכנה אַפילו פון גוסס, זיין לעצטן כח, — וואָרים, איבער זיין פּנים איז צעשמירט אַ מיאוסער גרימאַס, אַ באַזויפענער; פון אַלע ווינקעלאַך קומט אַן די מאַסע, די הונ־געריקע, — דער אָרימער ווי דער מיטל־מענטש, דער גראָבער, דער רויער און דער געלערנטער — אַלע האָבן זיי דערשפּירט די זיסקייט

פון כשר'ן רויב, און קריכן אַריין מיט זייערע נעגל אין דער פּגירה, גראַבלען פון דאָרטן אַרויס דאָס אינגעווייד, און ווילן זיך דערמיט אָנפּרעסן צום טויט...

דער גוסס פּרואווט זיך נאָך דערוויילע אָפּצעוווערן, כאָטש ער האָט שוין אַפילו קיין כח נישט מער מיטן עק אָפּצוטרייבן די פליגן; ער קען נאָר אויפקלייבן די כחות, דעם לעצטן כח — ווייל די יסורים שפּאַרן שוין אָן אונטער'ן האַרץ, און טוט אַ ציטער, אַ שוואַכן קאַנוואָולסיוון ציטער, וואָס גייט באַלד איבער אין אַ צאַפּלען, אין אַ צאַפּלען פאַרן טויט; ס'דוכט זיך: ר'מאַכט אויף די אויגן, שאַרצט אַוועק די ליפּן, שטשירעט אויס די ציין, און פּרואווט זיך גלייכשטעלן אויף די פיס; און מיט פאַרלאָפּענע אויגן, אינגאַנצן איין פאַרשווימען שטיק בלוט, אַ רויע פאַרלאָפּענע וואונד, — וואויעט זי, און צאַפּלט זיך מיט אַ געפּערלאַך מרוטשען:

— דינדזש.... דינדזש...

דאָס האָט דער אָפּגעטראָטענער זיך אָפּגעשטעלט ביי די טויערן פון שטאָט, און צוזעענדיק דעם חורבן, — אויפגעמאַכט דאָס מויל פון זיין איינציק צעבראָכענעם האַרמאַט, און פייערט אויף איר, אויף דער מאַסע אייגענע מענטשן:

— נאַט אייך, און איר וועט זיך האָבן אָנצופּרעסן...

און די מענטשן, ווי גיך זיי האָבן זיך אויסגעניכטערט; זיך דערמאָנט אין ווייב און קינד, דערשפּירט דאָס אחריות פון אַ טאַטן, פון אַ מאַמען, — רוקען זיי זיך שוין הינטער די ווענט, טרעטן אָפּ מיט אויסגעגלאָצטע אויגן, דערשראָקענע צום טויט, בעטנדיק:

— לאָזט אָפּ, מ'איז אייך שוין מוחל אייער האָב-און-גוטס, אַבי ס'לעבן נעמט נישט אַוועק, און הערט-אויף אויף אונז צו שיכן...

דאָס באַגעגעניש.

די זון האָט געשיינט.

צווישן צעריסענע, צעפליקטע וואָלקנס איז זי געשווימען, די זון, אין טיף־אַנטפּלעקטן הימל, און שטראַלנדיק באַרשיט די ערד מיט גאָלד.

ס׳בלויע וועלדל האָט געזונגען, און אַ לייכט ווינטל — שטי־פעריש געטריבן די פּאַסן־ליכט איבער די פעלדער־זאַנגען, און די לאַנקעס גראָזן געוויגט.

אויפן באַרגל איז אַ ווינט־מיל געשטאַנען ווי געקעפּט — די שוואַרצע פליגל אָראָפּגעבראָכן; הינטערן באַרגל איז אַ דערפל געלעגן אויסגעשיט און געציטערט... צעצויגענע כאַלופּעס האָבן זיך ווי געוויגט, געטרייסלט, — פאַרן שלאָף אײַנדרויסן האָבן שווע־רע רייטוועגן זיך אַריינגעשניטן מיט די רעדער אין זאַמד, געסקריי־פּעט, ווי די אָקסן וואָלטן פאַר אַ לאַנגע צייט נישט געווען געשמירט; זעלנער מיט פאַרשוויצטע פּנים׳ער האָבן איינגעהויקערט, אונטער די שווערע משאות, — זיך געקאָפּעט, אַ פוס־אַריין, אַ פוס אַרויס — און אויף זייערע קעפּ האָבן קאַסקעס געבלענדט קעגן־איבער די זון, ווי די צעפלאַמטע שטורקאַצן.

ס׳דערפל איז אַזוי ווי איינגעשרומפּן געוואָרן; די הייז־לאַך — מער צוגעפאַלן צו דער ערד, די נפשות זיך אויסבעהאַלטן; נאָר וואָס דער טאָג אַליין האָט געלאַכט אויף די וועגן וואו ס׳מילי־טער האָט געטרעטן, און אַלץ אַרום האָט ברייט אויפגענומען דאָס גע־זאַנג, די ברייט־צעלאָזטע, מיליטערישע כאָרן, וואָס האָבן זיך דאָ אָנגעהויבן, ווען זיי האָבן דאָרט אויפגעהערט — גראַד ווי אַ פרוי וואָס שפּרייט טיף אויס אירע אָרעמס פאַרן געליבטן.

פון די הימלען האט זיך זאכט אראפגעגאסן ס'ליכט אויף זייערע קעפ, און ס'האבן זיך געשמאלצן זייערע היטלען, דאס באשלעג פון די וועגן, די רויטע קופער־בראנזענע רערן פון הארמאטן, אזוי ווי מ'וואלט זיי איינגעטונקען אין אויפגעקאכטע פעסער מיט גאלד...

די שטראלן האבן געשפילט אין די אויגן פון די מחנות, וואס האבן אויף א פרעמדע ערד געטראטן, און זיך ערגעץ מיט דער אייגענע געהויבענער שטימונג פונם מארגן — אוועקגעלאזט דורך די טויערן פון דער ברייטער אויפגעפראלטער וועלט, און צווישן די הויכע פעלדער־זאנגען אין לאנגע שנורן פארלוירן געווארן.

אינם בלויען וועלדל, וואו די פייגעלאך האבן זיך אויף די צווייגלאך צעשטעלט, אינאיינעם דאס קלארע, זילבערנע מארגנלידל פון זייערע העלזלאך ארויסגעטרעלט — זיינען עטליכע רייטער ארויסגעריטן, אין גרויען פעלד־אנטאן, מיט די פיקעס אין די הענט, זיינען זיי געזעסן פעסט אין די זאטלען, און אז א פיצל מחשבה זיך געלאזט פירן פון די פערד; ארויסקומענדיק פון פארנט — אנגעשפיצט די אויערן, זיך אפגעשטעלט הארט הינטער די ביימלאך, און מיט א פארהאלטענעם אטעם זיך איינגעקוקט אינם וואונדערבארן בילד, וואס האט זיך דארטן געמאלן פון די מיליטער־גרופן, זיך צוגעהערט צום שטילן כארכלען פון די רעדער, וואס האבן געשניטן די זאמדן, גראד ווי ס'מאלן פון א וואסער־מיל.

זיי זיינען געשטאנען אזוי צענומען, פארכאפט, און האבן אזש נישט געשפירט קיין שום סכנה איבערן קאפ...

— אזוי נאנט, — האט זיך ביי וועלכן ארויסגעריסן — אינגאנצן עטלאכע טריט...

און איינער האט ארויפגעלייגט די האנט אויפן פערד'ס קארק, צוגעפירט מיט די שפארן צום בויך, עפעס איינגעבויגן דעם קאפ פון זיך זעלבסט, און בלויז ווי מיט די אויגן גערעדט: „מ'קען רייטן צוריק...“ נאך איידער זיינע אויגן האבן געהאט אדורכגעבוירט די טיפקייט פון צווישן די פעלדער, געפינען אנאויסדרוק פארן

בילד, און אַ ציגעטאַן אומבאַוואוסט דאָס ציימל, — ווי ס׳פערד האָט פאַריסן נ׳קאָפּ, אַ דריגע־געטאַן מיט די הינטערשטע פיס, און זיך צעהירזשעט...

און שוין האָבן עטלאַכע זעלנערלאַך, וואָס זיינען ערגיץ גע־לעגן אויסגעצויגן הינטער אַ קרזשאַק, מיט אַמאָל זיך אויפגעכאַפּט ווי איבערגעוועקט פון אַ דרימל, אַ קאַפּוירגעהויבן אויף דער גיך די ביקסלאַך, — און עטלאַכע שאָסן האָבן זיך אויף אַמאָל אָפּגערופן, זיך צעפּלויגן; ס׳האָט אַ הילך געטאַן אַרום, אַ ציטער געטאַן די לופט, די זאַנגען זיך צעטרייסלט, דער וואַלד — צעוויגט, און פון די צווייגן האָט זיך אַ טשאַטע פייגעלאַך צעשפּרייט אין לופטן, און אַזוי צעשריגן, ווי מ׳וואָלט אין זיי דאָרט אַריינגעשאָסן...

די רייטער זיינען אַנטלאָפן...

און ס׳האָבן זיך געוואַלגערט בלויז גראָז ווי אויסגעפּליקטע שמיקלאַך באָרד פון מענטשלאַכע פּנים׳ער, וואָס די פּאַדקאָוועס האָבן ויסבמום און מיט זייער שאַרפן פאַרנעם, — אויסגעריסן; אויף דער ערד זיינען געבליבן צוויי רייטער, וועלכע זיינען אויפן אָרט גלייך אַרונטערגעפאַלן טויט פון די פערד; זיי זיינען געלעגן צעשפּרייט, מיט אַ ברייטקייט, צעוואָרפן די הענט, גאָלע צעשוי־בערטע קעפּ, און ס׳האָט אויסגעזען: ווי ביי זיי אויף די פּנים׳ער וואָלט נאָך געשפּילט די אייגענע באַזעסענע מחשבה פון פריער, ווען זיי זיינען נאָך אויף די געזאָטלטע פערד געזעסן; ביי איינעם איז אַפילו די קני געווען אַביסל אונטערגעהויבן, — אויפגעשטעלט. און ביים אַנדערן עטוואָס פאַרקוועטשט די פויסט: די אויגן האָבן ביי ביידן אַזוי קלאָר געקוקט צום הימל אַרויף, אַזש די ווייסלען זיינען נאָך געלען געווען פון דער געלער זון.

און ס׳איז געווען שטיל.

די טשאַטע פייגעלאַך האָט זיך צוריק אָפּגעשטעלט אויף די צווייגן און געפּישטשעט. פון דער טיפער געדיכטעניש אינם וואַלד איז ערשט אַ פאַרשפּעטיקטער האָז אַרויסגעקומען, קענטיק: נאָך נע׳תמ׳עלט פונם שיסן, זיך געדרייט אויפן פעלד, געזוכט פון דאַנעט

אנטרינען צו ווערן, ביז ער האָט פּלוצלינג די געפאַלענע רייטער דער־בליקט — זיך אויף אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט, אַראָפּגעלאָזט אויף די הינטערשטע פיסלאַך, אויסשפּיצנדיק די גרויסע אויערן, ווי מיט אַמאָל פאַרשטאַנען:

— אַז גראָד דאָס מאָל האָט מען אים נישט געמיינט...

געגעבן אַ שווינד־אַוועק צווישן די פעלדער, איבערלאָזנדיק נישטמער ווי אַ פּאַכן אין דער לופט, פונם לויפן מיטן אימפּעט....

די זון האָט זיך מיט אַמאָל פאַרשטעקט אונטער אַ כמאַרע, אַלץ ארום האָט אַנ׳אַנדערע מראה געקריגן; ס׳איז טונקעלער גע־וואָרן אויפן פעלד, די ליכטיגקייט וואָס אין די פּנים׳ער פונם מיליטער, און דער בלאַסק פון שטאָל, ס׳בלישטשען פון די היטלען — איז אַוועקגעקומען; דאָס שטראַלנדיקע, וואָס האָט געשפּילט אויפן קעפּל פון יעדער זאַנג — זיך אָפּגעטאָן; און דאָס ווינטל וואָס האָט פריער געצערטלט, געפּיעשטשעט — נאָכמער געטריבן די שאָטן־פלעקן, אומרואיק געווינקט די זאַנגען; אויף דער וואַלד איז פינסטערער געוואָרן, ווי אַ זקן וואָס האָט איבער זיין טיפע עלטער זיך פאַרטראַכט, און די ברעמען אַראָפּגעלאָזן.

די ליכטיגקייט איז ווי מיט דער האַנט אַוועקגענומען געוואָרן, אַ מרה־שחורה האָט זיך איבער אַלעם צעשפּרייט. גראָד ווי די וועלט וואָלט אין זיך פאַרזונקען געוואָרן, עפּעס פאַרלייקענען געוואָלט; דער הימל איז געוואָרן מאַט, אָפּגעלאָשן, אָהן פאַרבן; און פון עט־לאַכע צוגעלייגטע באַלופּעס, וואָס זיינען נענטער צום וועלדל אויס־געקומען — האָבן זיך עטלאַכע פייערלאַך אַרויסגעזוזעצט אויפן פעלד, און, אָפּגעהאַקט, עפּעס צווישן זיך גערעדט:

— מ׳וואָלט באַדאַרפט אַ בליק טאָן זען?

— און אפשר לאָזן ליגן ביז נאַכט?

— זיי באַהאַלטן אויפן סמענטאַרזש?

— נישט גלייכער: אויפן אָרט?

זיי האָבן צוגעוואַרט ביז ס׳איז געוואָרן טונקל, ווען אַ פייער־

דיקע רויטקייט האָט געציטערט איבער דער ערד, די שפּיצן ביימער האָבן געברענט, די רויטע צוויקל־בלעטער — געבלישטשעט, ווי באַשפּריצט מיט רויטן זון־שטויב, אַלץ ארום האָט זיך געלאָשן ווי נאָך אַ וועלט־שׂרפה, און דער האָריזאָנט איז געווען אַזוי שווער ווי דער שטערן ביי אַן׳אַלטן זקן, וואָס האָט שוין פיל איבער דער וועלט געטראַכט; זיינען זיי דערנסטמאָל, די פייערלאַך, אַוועק צום וועלדל. און ביי דער גאַנצער שרעק, וואָס האָט זיך איבער דער וועלט אריבער־געטראָגן, — שטיל און ערנסט זייער ארבייט געטון; זייערע פּנימ׳ער האָבן געבלענדט ווי קופּער, בעת זיי האָבן אריינגעלייגט די רייטער אין גרוב, ביי וועלכע די קערפּער זיינען נאָך געווען פריש, און געשמעקט מיט וואַלד־ריחות, און די גלאַטע, ראַזירטע פּנימ׳ער האָבן נישט געהאַט נאָך פאַרלוירן די צאַרטקייט, ווי ביי ווייכע פּרויען־העלזער.

ס׳האָט אָנגעהויבן קאַפּען אַ רעגנדל, וואָס האָט אויפגעפרישט ס׳פעלד, דערקוויקט די ערד, וואָס האָט אין זיך פריש חיות אריינ־געקריגן, און דער וואַלד האָט גענומען רויכערן מיט ווייראויך, די ביי מער — צו טריפן מיט זשיוויצע, פאַרשפּרייטן אַזאַ אַראָמאַט, וואָס היילט ווי באַלזאַם, און נאָנט ביים ליפּענעם צלם זיינען עטלאַכע גויעם געפאַלן צו דער ערד, און די רוישנדיקע אַקאַציען־ביימלאַך האָבן צעטראָגן זייער געבעט:

— יעזו, יעזו, זיי אונז מוחל, וואָס צוליב אונזער זינד איז דאָ אַזאַ גרויס אומגליק געשען, און נעם־אָן פאַר גוט, וואָס ס׳דאַרף האָט זיי אונטער איר שירעם באַהאַלטן...

א מייל ווייט.

גלייך ווי מ'פארט ארויס פון דער אלט־הייליק פוילישער שטאט, מיין געבורט־שטאט, און מ'לאזט זיך מיטן ברייטן מילכ־ווייסן שאסע־וועג צום נאנטן שטעטעלע, אזוי ווערט ס'אויג פארטרונקען אין א ים פון פרעכטיקע בילדער, וואס ליגן אזוי ווי פון גאט, דעם מאלערס האנט, אויף די ארומיקע שלאנקפולע, פוילישע פעלדער ; נישטא וואו אפילו ערגעץ א ברייטער לאכנדיקער מייך, וואס זאל רייצן ס'אויג מיט זיינע שוימיקע כוואליעס ; נישטא די גוסס'ע פארנאכטיקע זונשטראלן, וואס צינדן־אן דעם ברעג מיט מיליאנען בלישטשענדיקע שטיינדלאך און פערל־מוטער־פארביקע מושלן ; פעלדער בא'חנ'טע, לאנגע, ביומ'ע ערד־בייטן, שווארצע און באגראזטע, — שלענגלען זיך נאכאנאנד בארג־ארויף, בארג־אראפ, אזוי ווי פון אייביק־אן באשאפענע, וואס קיין מענטשלאכע האנט זאל זיך נאך נישט האבן מיט זיי מתעסק געוועז...

פאר א ווײלע, און ס'פארציט זיך עפעס א נייגנדע בענקשאפט מיט א באהאלטענע מורא ; ביים סאמע עק אין פעלד, ליגט דער אלטער, דורות־אלטער קריסטלאכער בית־עולם, מיט זיין ווייסע פאראיינזאמטע שטיינערנע מויער; און מיט די טויזנטער שארבנ־לעכער פון פארלאשענע אויגן, ווינקט ער דורך די שוויגנדיקע ביימלאך, וואס דעקנ־צו מיט א געהיימניספולן שאטן די שטיינערנע מצבות ; די ביימער, וועלכע האבן פארלאזן זייערע ווארצלען טיף דא אין דר'ערד, אדורכגעבראכן די צעפוילטע אלט־אלטע ארונים, און זיך ארומגעוויקלט ווי די שלאנגען מיט די ווארצ־

לען אַרום די סקעלעטן און ביינער, און זייגן אויס דאָס לעצטע טראָפּן זאַפט, אויב ס'איז נאָך אַזעלכעס אין זיי פאַרבליבן...

אַ קליין ביסעלע ווייטער הייבן זיך אויף פון ביידע זייטן וועג — יונגע ביימלאַך, וואַלד־קינדער, וואָס ווערן טיפער אַלץ עלטער, דיקער, בעיאַרטער, און צום סוף — ווי אַלטע, אָפּגע־לעבטע, פאַרשטיינערטע זקנים, וואָס זיינען אודאי נאָך מיט הונדערט יאָר צוריק, נאָכדעם ווי די פּוילישע ערד איז אַריינגע־מאַלן אין פרעמדע הענט — געבליבן פאַרשטיינערט פון צער און ווייטאָק...

ווייט אַרום כאַפּט דער וואַלד, ווי אַ העלער בלאָער פלעק, פון וועלכן ס'צעטראָגט זיך דער טרוקענער סאָסנאָווער ריח ; נענטער, ביים כאַמע צוגאַנג, שטייט אַ קליין הייזעלע, עטלאַכע מאָגערע ביימלאַך, וואָס זומער־צייט, אַז זיי צעבליען זיך, פאַרשפּרייטן זיי אַ גאַנצן טייך פון קלייניקע, ווייסינקע בלי־בלעטעלאַך — דאָס איז די הוים פון אַלטן גאַיאָווע ; אויף אַ הויכן הילצערנעם צלם וואָס שטייט איינגעגראָבן ביים טאָל, איז צוגעקלאַפּט ס'בילד פון דער הייליקער מוטער, אונטער אַ שוואַרץ־רעמל מיט אַ גע־שפּאָלטן שטיקל שייבל ; זיינען די פּויערים אַמאָל צוגעשטאַנען צום אידישן פּאַכטרזשאַרזש, דאָס ער זאָל בײַי איר אומישנע האָבן דאָס שטיקל שייבל צובראָכן, און ווען נישט דער גלח פון דער פּאַראַפיע, אַן אַלטער גלח נאָך פון פּוילנס אַלטע גוטע גלחים, — וואָלט זיך געוועזן אָנגענומען פאַר אים, ווער ווייסט, ווי ער וואָלט אָפּגעשניטן...

פון דערווייטנס קוקט אַ באַגרינטער באַרג, אויף וועלכן ס'פּאַ־שעט זיך אַ סטאַדע שעפּסלאַך ; צונויפגענומען אינאיינעם, עסן זיי פונם זאַפטיקן גראָז, און מיט אַזאַ וואונדערלאַכן בליק — אַזוי ווי די וועלט וואָלט ערשט נעכטן פאַר זיי באַשאַפן געוואָרן, און זיי זאָלן טאַקי זיין די ערשטע פון גאָט אויסדערוויילטע באַ־שעפענישן, — אויף איר....

ווי אַ שמאָלער וואַסער־שטריך לויפט דער וועג, ציט זיך

אויס העט־העט־וואו, באַרג־אַרויף־און־אַראָפּ ; און באַלד גלימערט אויף אַ שמאָל דין וואַסערל, אַ קינד פון דער פּוילישער מאַמע, די ווייסל, וואָס האָט זיך דאָ אַוועקגעלאָזט אין די גרעניצן פון איר לאַנד, — שפּאַצירט זיך דאָ ס'וואַסערל שטיל און מיט אַ קינדערשע פּישטשעריי, אָן איבעריקע הויכע געשרייען, האָרכט זיך צו צו אַלעם און טראָגט אַוועק צו איר מוטער, די אייביק־יונגע, גוטע בשורות פון אַלעם...

אַרום שטייען די פעלדער, איינגעטונקען ביז איבערן גאַרטל אין הויכע קאָרענע און ווייצענע זאַנגען, וואו ביינאַכט פינקלט פון זיי אַרויס דאָס ליכט פון די גלי־ווערים, און ס'צעגיסט זיך דאָס גרילצן פון די לאַנג־גראָזיקע שפּרינג־פליגן, אינאיינעם מיטן קוויטשען פון זשאַבעס, — דאָס אָרימע געזאַנג פון די פּוילישע ערד, פון די פּוילישע פעלדער און טייכן...

אויף אַ קליין אויסגעשיט בערגל מיט אַ פּאָר קרומע שטיינערנע שטיגלאַך — שטייט אַ ווינטמיל, אַ פּוילישע אָרימע ווינטמיל ; אַז דער ווינט בלאָזט און ס'איז דאָ צו וואָס, דרייען זיך די פליגל אין דרויסן און ס'מאָלט זיך פון אינעווייניק ; נאָכן שניט מאָלן זיי, די מילעכלאַך ; אַז דער פּויער האָט מיט מזל־ברכה אַראָפּגענומען גאָטס גאָב פון די פעלדער, פירט ער ראשית אַוועק אָפּצומאָלן עטלאַכע קערן אויף מעל און גרויפּן — פאַר זיך, אַזוי פיל, ווי ער פאַרשטייט, דאָס ס'וועט קלעקן פאַר אים מיט די קינדער איבערן לאַנגן ווינטער, און מיטן איבעריקן פאָרט ער אַריין אין אַ יריד־טאָג צו זיין איד, און לייגט דאָס אָפּ ביי אים אין קראָם :

— נאַ דיר מאָשקע, און גיב מיר פון לעדער פאַר מיר מיט מיין ווייב אויף שיך, אויף הויזן און אויף אַ קלייד...

אויפן סאַמע מיטנוועג, הינטער אַ באַרג פון איין זייט, און דעם וואַלד'ס פּלייצע פון דער אַנדערע זייט, — ליגט אַ דאָרף : אַ כאַטקע מיט אַ שטרויען־דאַכל, אַ פּאָר ביימלאַך, און פון הינטן אַ שטאַל וואָס דינט פאַר אַ פערד מיט אַ בהמה צוגלייך — דאָס

איז ס'בעל־הבית'ישקייט ; אזעלכע בעל־הבית'ישקייטן ציען זיך אוועק איינע הינטער דער אנדערע, און איינע פון דער אנדערע, קייטלען זיך אוים ווי רינגלאך פון א לאנגע קייט, און דאס איז א דארף, א דארף אין פוילן...

ס'קומט זומער, אין שטאט ווערט היים, אזוי קומען די עט־וואס־מער רייכערע אראפ אין דעם דארף אריין ; באדינגען זיך מיטן פויער פאר וויפל־ס'איז, ער זאל זיי אפלאזן די שטוב, — און ער אליין קלויבט זיך ארוים מיטן ווייב און קינד אין שטאל אריין, מאכט זיך אן ארט נעבן דער בהמה...

פארנאכט קומען זיך די מיידלאך מיט די בחורים צונויף, זעצן זיך אוים אויף דער הוילער מוטער ערד, רופן צו דעם הויפישן אלטן „אוואצארוש", ער זאל פאר זיי שפילן ; יענער נעמט בלאזן אויפן האָרן, און ס'שטייען־אויף תחית־המתים די אלטע פוילישע פארלאזטע שלעסער מיט זייערע פריצים און ריטער, וועלכע האבן צוליב זייער טרינקען און ארומהוליען מיט שיינע ווייבער, — פארלוירן פוילן ; ס'לאזט זיך הערן דאס טרומייטערן פון מלחמות, די פרייליכע געשרייען, ס'טאנצן פון פאר'כשופ'טע נאקעטע מיידלאך ארום די גלעזערנע ברונימס, דאס קרעכצן פון פויערים, וואס האבן באקומען געשמיסן פון דער „פאנשטזיזנע"...

גאנץ אלט־פוילן שטייט פאר די אויגן...

אז די פור קומט הינטערן רויטן בארג, גיין די פארשוינעו, וועו אפילו ס'זאלן נישט מער זיין ווי צוויי־דריי, — אראפ פון די פור, און זי גייט ליידיק אויפן בארג־ארויף ; דער בעל־עגלה מיט די מענטשן, וועלכע זיינען איצט נישט מער מורנה פאר אים, — גיין נאך נאכן וואגן, ביי וועלכן די פערדלאך האבן א נישט־קשה'דיק שטיקל ארבייט, ביז זיי קריגן אים אן אלעמען ארויף אויפן בארג, וואס גייט אזוי משופע־הויך, ווי אויף א גלייכע וואנט ; און מ'האט דאס געפיל, ווי עס וואלט אויף אים געלעגן עפעס א בר־מנן, וועלכן מ'באדארף דערפירן ערגעץ אין א גאנץ אידיש שטעטעלע אריין...

אַרויפקומענדיק אויפן באַרג, כאַפּט מען זיך צוריק אַרויף אויף דער פור; ס'אויג כאַפּט שוין אָן דעם שכנות'דיקן באַרג, די דריי גרויסע אַלטע שטיקער מויערן פון אַ חורבה, אײנע פון אַ סך אַזעלכע חורבות, וואָס די בערג זיינען מיט זיי פאַרזייט איבער גאַנץ גרויס פּוילן; און דער בעל־הגלה גיט אַ שמיץ די פערד, וועלכע לאָזן זיך האַפּערדיק באַרג אַראָפּ אין טאָל, וואו ס'ליגן אין אַ קופּע אָנגעוואָרפן הייזלאַך, קליינע פּיצלאַך הייזלאַך פון אַ אידיש שטעטעלע, ווער ווייסט, פון וויפל הונדערטער, הונדערטער יאָרן...

דער אור־אַלטער וואַלד.

דער וואַלד איז געווען אַלט, שטאַרק אַלט, אַ זקן ; טיף, טיף־געדיכט, און פאַרפּלאָנטערט ; מ׳האָט אויף מײַלנברייט געזען זײַן בלאָען פּאַרנעם, אָבער ס׳האָט זיך קיינער נישט אונטערגעשטעלט אַוועק צו אים, און די געדיכטע בלאָקייט צו דערגרינטעווען...

ער איז פול מיט אַלטע, באַיאָרטע ביימער, דער וואַלד ; מיט גלייכע, שטייפע, פּאַריסענע — וואָס שווייגן אַפילו ביי די אומרואיקסטע געוויטערן ; ווען די הימלען פאַלן אימה׳דיק־צו, ווערן פון די ווינטן צעקנייטשט, צעטראָטן, ווי די בעטגעוואַנטן פון שווערע פּיס...

ארומן וואַלד איז געווען פעלד ; אָבער אַזאַ פעלד, וואָס דער אייגענער וואַלד האָט אַ פּנים נישט געוואָלט האָבן געראָטן אויפגעגאַנגען, צי גאָר לכתחילה יונגערהייט אומגעקומען ; אַזוי ווילד־האַריק באַוואַקסן און מאוס, ווי גאַנצע שטיקער אויסגעפּליקטע באָרד, — אַ דורכגעפּלאָכטן מיט וואָרצלען, אַז קיין אַקער האָט איר נישט געקענט אַדורכגיין, און קיין שום שאַרפאייזן — אויפשאַרצן...

און אַזוי ווי די ערד האָט זיך דעריבער נישט געטויגט צום זייען קערנער, — האָבן די לייט, מיט וועלכע דאָס ווילדע שטיק ערד איז געווען באַזעצט, זיך געשאַרפט, און פון תמיד אין דעם וואַלד די פּאַר׳עקשנ׳טע ביימער געהאַקט, שטיקער פון אים געפּליקט, און פאַר זייי ערגיץ מיט די בעסטע שפּייזן באַקומען געצאָלט, מיט וואַרימע פעלצן און פעטע אייל...

דאַריבער האָבן די העקערס, פאַרשטייט זיך, געזוכט אָנצוקריגן די פעטע, גראָב־בייכיקע ביימער, — אָבער די אַלטע, באַ־

יאָרטע קלוגע ביימער וואָס האָבן טאַקי שפּאָר אויף זיך געהאַט, די דאָזיקע לייט זיינען זיך געשטאַנען אין אַזעלכע גוטע ערטלאַך פאַרשטעקט, אין פּעטע זומפּיקע גריבער, פון וועלכע זיי האָבן אודאי אַזעלכע אויסגעפּאַשעטע קאַרקעס געהאַט, — וואו די העקערס האָבן מורא געהאַט אַ פוס צו באַטרעטן; עפּעס אַזעלכע פּעטע, פאַר־שימלטע זומפּן מיט גרינע פּעלצן, וואָס זעען אויס ווי די פּעלן ביי שליימיק־גליטשיקע וואַסער־חיות, וועלכע וואָלטן צוליב די גראָבע ביימער געלויערט אויף די העקערס, און געזוכט וועלכן ס׳איז פון זיי אַנצוקריגן; און ער זאָל פאַרגיין אונטער די פּעטע פּעלצן, זיך איינהיילן אין זיי, אַלצאיינס ווי אריינפאַלן אין פינסטערן בויך פון אַ בייזע חיה, אָדער בלייבן ליגן אין דער טיפעניש פון אַ טייך, למשל...

ערשט אַז ס׳כאַפּט אַ פרעסטל, און פרירט־איין די פייכטע גריבער, שטייען די העקערס אויף איבער זיי, — אַצינד איז זייער צייט גע קומען, און נעמען זיי אויסרוימען; ווער רעדט. ס׳פאַלט נאָך אַראָפּ אַ שנייעלע, כאָמש אַ דראָבנעס, און זיי קענען זיך אָפּזוכן, די הע־קערס, אין די טריט, און מ׳מוז זיך נישט האַלטן צוזאַמען, אַלע איינאיינעם ווי אַ סטאַדע שעפּסן, — אַזוי צעלאָזן זיי זיך ברייט, רייסן אחזוריותדיק די פּעטע ביימער, וואָס האָבן זיך אין זומער פאַרזען אָדער זיך אויסגעקליבן צו שטיין דווקא אין די גרינע סאַפּעס, נישט בלויז זיך צופּאַשען דעם גראָבן קאַרק, נאָר טאַקי דערפאַר מ׳זאָל נישט באַלד קענען צו זיי צוקומען...

די אַלטע ביימער זעען, ס׳איז מיטן אָנקומען פון די פרעסט, זייער סוף אויך געקומען, ווערט ביי זיי ס׳שטיקל לעבן הויכ־חשוב, אַ סך מער, געוויינטלאָך, ווי־ווען זיי האָבן קיין סכנה נישט געשפּירט; און די אייגענע אַלטע גראָע שטרענגע ביימער, וועלכע פלעגן צוזען, ווי מ׳האַקט נאָכאַנאַנד פאַר זיי אין די אויגן די יונגע ביימלאָך, און זיך נישט־וויסנדיק מאַכן, ווייל זיי אַליין

זיינען געווען זיכער, מיט די גרינע סאַפּעס, — האָבן קודם זיך דערפילט אַזוי שולדיק, צוליב זייער טויטע גלייכגילטיקייט צום יונגוואַרג ; אין דעם יונגוואַרג וואָס פירט סיי־ווי־סיי אַ געמיין אָרים לעבן, אַפילו ווען ס'לעבט שוין אײנגאַנצן, שטייענדיק אויף די האַרטע שטיינערנע ערד, און ווען מ'האָט זיי בלויז איינמאָל געגעבן צו פאַרזוכן, וואָס יענע האָבן געהאַט צו עסן אַ גאַנץ קיילעכ־דיק יאָר, — שוין ערנסט אַ טראַכטגעטאָן איבער דער צרה, וואָס רירט אַלעמען אָן ; געטראַכט בלויז, און דערווייל גאָר נישט געטאָן, — געלעבט מיט נסים, אַרויסקוקנדיק אויף דער זון, אויף אַ הייסע ברע־נענדיקע זון, וואָס זאָל אָנוואַרימען די בלאַטע, איר אַביסעלע דער־ווייקן, אַ האַרעלע לאָזן אויפגיין, אַז די העקערס זאָלן מוזן פון זיי אָפּטרעטן ; און ווי באַלד פון זיי, אַזוי האָט מען דאָך שוין די איבריקע, די יונגע ביימלאַך טיפ־טייער אין דר'ערד ; אָבער אַזוי ווי די זון איז ווינטער נישט אַזוי הייס, ברייט נישט, נאָר וואָס דער שניי גיט זיך אונטער, גייט עטוואָס איין, — קען מען נאָך אַלץ שטיין און געשמאַק האַקן ; אַזוי, אַז די אַלטע מיחוס'דיקע ביימער, מוזן שוין קלערן אַ תכלית, און דערביי גלייך אָנרייצן איינעם אַ בוים, אַ זייעריקן, וואָס די העקערס האָבן זיך אים גענומען אונטער־האַקן :

— דו זעסט, ס'איז נאָך דיר, טאָ רעכן דיך אָפּ כאָטש מיט זיי, פאַר אונז אַלעמען...

דער אַלטער בוים, צו וועלכן די העקערס האָבן זיך דאָס געהאַט געוואָשן, האָט נאָך פון זיין בראָך גאָרנישט געוואוסט ; פונם קריצן מיט די זעגן, ביי אים צופוסנס, — האָט ער פאַר דער גאַנצער צייט געמיינט : אַ קראַ האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי אים פּיקן, אַרויספּיקן די שוואָמען וואָס זיינען זיך אָנגעוואַקסן ביי אים אויפן לייב ; און דערשפּירנדיק מיט איינמאָל, ס'איז דער מלאך המות, — ווידער געוואָרן אַזוי צעמישט, אַז ס'איז אים לכתחילה גאָר נישט איינגעגאַנגען, וואָס די גוטע שכנים ריידן דאָרט אין אים אַריין ; ס'איז אים מיט אַ מאָל אַזוי באַנג געוואָרן, כאָטש

אויף דער עלטער, — צו שטאַרבן, און זיך אַזוי גערן נאָך געוואָלט דערוואַרטן אויפן זומער, ווען די זון וועט אים אַדורכבריען ס׳לייב, און די הויט זיך נעמען היילן פון די וואונדן, וואָס די פרעסט האָבן אים פאַרשאַפט ; ער וועט זיך אַדורכשוויצן מיט זיינע פעטיגקייטן, און ווי מאַנכע פיש אויסגיסן ס׳שמאַלץ פון זיך — ווערן הארט, זיכער, שטייף, און דאָ בייסן זיך די זעגן טיפער איין מיט די ציין, און ס׳ווערט שווערער צו אָטעמען ; און אָדער האָט געפּלאַצט, נאָך אַן אָדער, און ער וועט באַלד מיט אַלעם זיין אָפּגעשניטן פון דער ערד, מער מיט איר נישט האָבן צו טאָן גאָר ; ווערן אַ כשר׳ער בר־מנן, וועלכן מ׳וועט נאָכ־דעם ערשט נעמען זיין רעכטס־טאָן : ווי אָפּשיילן די הויט, צערומגלייכן די סענקעס, אַרומגלעטן, גלאַטיק, שיין...

און דאָ הערט ער די קולות פון די ביימער, דאָס קרעכצן פון וואַלד, פון דעם אַלטן יאָר־הונדערטן וואַלד, וועלכער קען אַ פּנים נישט ביישטיין קעגן די עטלאַכע העקערלאַך דאָרטן, — ער שרייט צו אים :

— שווייג נישט אונזער עולה, אויב דו קענסט דיר מער אַליין נישט העלפן, האָב אין זין אונזער שפּעטערדיקן סוף, וואָס וועט נישט בעסער זיין...

און זייענדיק האַלב־טויט, שוין פאַרטויבט, זיך גענומען פיל־וויניק איינקשנען ; באוואוסטלאָז.—און נאָך מישוב׳דיק זיך אָפּ־ווערן ; און אויב ער האָט זיך נישט געקענט דערכאַפּן און בלייבן שטיין אויף די אייגענע פיס, — כאָטש נישט געוואָלט פאַלן אַזוי ווי זיי ווילן, די העקערס, ווי אַ כשר׳ע בהמה; און וואָס מער די הע־קערס האָבן אים געשלעפּט פאַרן קאָפּ מיט די שטריק, געצויגן פאַר־ביסן, אים געריסן, — דערווייל נאָך אַלץ געשטאַנען ,אַזוי לאַנג ווי ער האָט נאָך דאָרטן אויף אַ האַרעלע געשפּירט די ווייטע וואָרצלען זיינע אין דר׳ערד ; און אַז מ׳האָט אים מיט אַלעם אָפּגעהאַקט, מיט יענעם אימפּעט וואָס אין די ערשטע רגע׳ס, נאָכן טויט, אַזוי האָט ער פאַלנדיק מיט דער גאַנצער פולער שווערינקייט און

מעגלאך, — זיך געווארפן אויף די העקערס, און צוגעלייגט עטלאכע פון זיי...

— ווערט כאטש גע'הרג'עט אינאיינעם מיט מיר...

די העקערס האבן באקומען דעם קלאפ, זיינען די הענט ביי זיי אפגעפאלן; כאטש נישט מער ווי א צופאל — זיך געטראכט, האט אבער דאס אומקומען פון די עטלאכע העקערס, זיי גענוג צוגעלייגט און דערווייטערט אויף א שפאר שטיקל צייט פון וואלד, זיי פארטריבן אין די היילן, פון וועלכע זיי האבן זיך שוין אזוי גיך נישט ארויסגעוויזן...

דער וואלד ווידער האט אויפגעהויבן נ'קאפ; און ס'האט ארויסגעשריגן פון אים, דורך די העלזער ביי מיליאנען פייגל, קראען און סקאווראדעס, ווילדע טירן, חיות, און פיל־ווייניק פארשטענדיקע מאלפעס; ער האט זיך געריסן, דער וואלד, מיט די העלזער פון אט די אלע ברואים, וואס לעבן, האבן זייער היים און מקום־מנוחה אין דעם פרייען אומבאגרעניצטן שטח וואלד, וועלכן ס'איז פארגעשטאנען א סכנה אין א משך פון טויזנטער יארן פילייכט, אויב די העקערס זאלן אים אזוי האקן, — ער זאל מיט אלעם פארשווינדן ווערן, אזוי ווי ר'וואלט גאר קיינמאל נישט געווען. א סך לענגער ווי ס'ברויך נעמען, ביז זיי וועלן אליין אויסשטארבן און אומקומען...

דאס געשריי פון וואלד, דאס שאלן, רודערן, הילכן, — האט זיי נאכמער אפגעהאלטן, די העקערס; אבער דער חשק האט גיך צוריק אויפגעפלאמט, ווען זיי האבן געזען ווי די האק ראסט, די ווייסע ציין פון דער זעג ווערן באלד באדעקט מיט אזא טונקל מאטן גלאנץ, און שוין נישט מער באלד געדענקט אין די אלטע העקערס וואס לעבן נישט מער, — און ארויס צוריק אויפגעהייטערט צום וואלד; זיי האבן דאך נאך אלעם נישט געוואוסט, אז דער וואלד האט זיי דאס אפגעטאן, — און נישט גע־

קענטביישטיין דעם נסיון קעגן די שלאַנקע יונגעביימלאַך, וואָס האָבן געפערלאַך געטרייצט, און שוין איבער אַ מינוט כאַטש זיי געוואָלט זען ליגן אויסגעצויגן טויט צו זייערע פיס; נאָר דאָס מאָל, ביים אויסהאַקן זיי, שוין געווען מער אַפגעהיטענער, און זיך אַפגערוקט אויף אַ שפּאָר שטיקל אָרט, — ס׳זאָל זיי נישט שאַטן; אָבער אַזוי ווי איטלאַכער בוים ביז דעם יונגסטןביימל איז איצט געווען אָנגעזאַפּט מיט שנאה, און געזוכט זיי שלעכטס צו טאָן, — אַזוי האָט איינער, ביי וועלכן די העקערס זיינען, מסתמא נישט געווען אַזוי אַפּגעהיטן און פאַרגעסן זיך אַפּצורוקן אויף אַזוי פיל ווי מ׳ברויכט, — כאָטש אָנגעכאַפּט וועלכן פון זיי ביי די פיס, און זיי אים אַפּגעריסן...

זיינען די העקערס געבליבן טויט, און ס׳האָט זיי דאָס גענומען גיין אין קאָפּ אַריין:

— ס׳איז עפּעס נישט גלאַטיק מיטן וואַלד; גאָר נישט געוויינטלאַך מיט די אומגליקן; נישט אַנדערש, ווי ער לאָזט זיך נישט האַקן...

און מ׳זעצט זיך צו אויף דער ערד, אַריינטראַכטן; ס׳איז דאָך קאַלט, — לייגט מען אָן אַ ביסל צווייגן, וואָס פון די אַרומגעהאַקטע ביימער, און מ׳מאַכט פייער; און אַז מ׳זיצט שוין, ברויכט מען דאָך פּיפּקעס, און זיך וואַרימען אַרומן פלאַם: וואַרים, ווען מ׳האַקט איז וואַרים אַפילו אויף די גרעסטע קעלט, אָבער ווען מ׳רוט — שפּירט מען גוט די פראָסט אין די ביינער; אַז מ׳לייגט אַרויס די האַק פון דער האַנט — נעמט עס גוט אַדורך, צובערכט עס איטלאַכס גליד, און ס׳איז אַזוי זיס צו זיצן אַרום דעם טונקל־רויטן פייער; ס׳ווערט נאַכט, און דאָס פייער צעפלאַקערט זיך איבער דעם ווייסן שניי, וואָס הייבט־אָן בלאַנקען קופּער־רויט; דאָס קליינע העלע פייערל רייסט זיך פון וואַלד אַרויס איבער די פעלדער, שפּאַרט זיך אַריין אין די טיפע טיפענישן פון די פאַר־

פרוירענע זומפן, וואו ס׳ליגן די אונטערגעהאקטע שווערע ביימער, און מ׳קלערט גאר נישט זיי ווען אמאל ארויסצוקריגן פון דארטן; און זעען: ווי ס׳קומען אן יענע העקערס, די אלטע, וואס זיינען דארט אומגעקומען, — זיי גייען איינגעבויגן, אזוי ווי אונטער דער לאסט פון די העק מיט די זעגן; נאך אין די אייגענע הארטע שטיוול, צעקנייטשטע קופער־רויטע געזיכטער, און נעמען זיך אויפשטעלן צוריק אן אלטן אונטערגעשניטענעם בוים, הייבן אים מיט אלע כחות, אז מ׳הערט דאס פרייכן זייערס; און באלד ווי זיי האבן אים שוין צוריק גלייכגעשטעלט אויף זייער פריערדיק ארט, און מיינען: שוין... זיי זיינען שוין פטור.... און נעמען אוועק די הענט פון אים — גיט ער זיך גלייך אוועג־איבער ווי א טויטער, וואס מ׳שטעלט אוועק אויף זיינע הילצערנע פיס, — און לייגט זיך צוריק אוועק, א פלאץ...

אומגעפאלן, אזוי נעמען זיי זיך שוין ווידער אים גלייכשטעלן, און אזוי אן אויפהער, אז א סוף, האבן זיי אן ארבעט מיט אים, זיך די לעבער אפצורייסן, — ביז דאס פייער הייבט זיך אן צו לעשן, די הענט האבן זיך נישט גענומען ביי קיינעם, אויפצולייגן צווייגן, — און ס׳ווערט טונקעלער, אזוי הערן זיי אויף צו זען דארטן, וואו ס׳איז שוין פינסטער, אויב די העקערס האבן אפגעטראטן, אדער זיי שטייען נאך ביי ס׳זייעריקע....

זיי שטייען־אויף, די העקערס, קוקן זיך־אן מיט פינסטערע בליקן און גייען אוועק:

— מ׳ברויך אים שוין מער נישט האקן, דעם וואלד; ווארים, מ׳וועט גענוג האבן צו זינגען און צו זאגן, ביז מ׳וועט צוריק אויפשטעלן דאס, וואס מ׳האט שוין ביז איצט אויסגעהאקט...

דאָס פּאַסטוכל

באַגינען, אין אַ העלן צאַרטן פֿרימאָרגן, ס׳איז נאָך פֿריש געווען דער הימל, שטראַלנדיק דאָס פעלד און געשמעקט מיט טוי; די ביימלאַך האָבן געזונגען, די פֿייגעלאַך געשפּילט, — האָט דאָס פּאַסטוכל אַרויסגעטריבן זיין סטאַדע שעפּסלאַך הינטערן באַרג זיך פּאַשען.

מיד איז דאָס פּאַסטוכל געווען, און אויף זיינע אויגן איז נאָך געלעגן דער שלאָף פֿון ביינאַכט. איז ער געגאַנגען פּאַמעלאַכל, די פֿעלערינע אויף די אַקסלען אָנגעהאַנגען, — און זיינע גאָלע פֿיס זיינען נאַס געוואָרן פֿונם פֿייכטן טוי.

די שעפּסלאַך האָבן זיך באַלד צעשיט הינטערן בערגל, און זיך געפּיטער׳ט; געריסן די זאַפטיקע גראָזן, וואָס האָבן זיך גע־צויגן פֿון דער ערד, — און דאָס פּאַסטוכל האָט פֿון מידעקייט אַראָפּ־געבויגן זיין קעפּל; זיצנדיק אַזוי האָט דער שלאָף ביי אים גענומען פּאַלן אויף די ברעמען; דרימלענדיק, אין זינען געהאַט זיינע שעפּס־לאַך, — און די ווייעס פֿון זיינע אויגן האָבן זיך עטלאַכע מאָל פֿון זיך אַליין אויפֿגעמאַכט, אָפּענגעלאָזן די שוואַרצאַפּלען, וואָס האָבן דורך קליינע שמאָלע שפּעלטלאַך אַרומגעזוכט די שעפּסלאַך, זיי נאָך אַמאָל איבערגעציילט, און זיי נאָכדעם שוין שטאַרק צוגעמאַכט — איז דער קאָפּ אים גענצט אַראָפּגעפֿאַלן, און געבליבן ליגן ווי אָפּ־געהאַקט צווישן ביידע אויפֿגעשטעלטע קניען פֿון די פֿיס.

שלאָפֿנדיק אַזוי אויפֿן ווייסן טאָג, ווען די זון האָט שוין ברייט געלאַכט צו די פֿעלדער, — האָט ער אין שלאָף גע׳חלומ׳ט פֿונם רויטן מיידעלע, וואָס איז נעכטן געקומען צו דער ברונען

שעפּן וואַסער מיט דער קרוג, און אים געהאָלפֿן אָנטרינקען די שעפּסלאַך.

פֿאַר דעם רויטן מיידעלע האָט ער שוין אַ סך מאָל אונטער איר פֿענסטער זיינע לידער אויפֿ'ן פּייפּערל געזונגען, נאָר זי איז נאָך קיינמאָל ביינאַכט נישט אַרויסגעקומען צו אים; און נעכטן, צוזעענדיק ווי ער ציט שווער די פּעסלאַך וואַסער פֿון ברונעם אין דער קאָריטע אַריין, האָט זי פֿלינק געגעבן אַ שפּרונג־אונטער און אומגעריכט אים אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט:

— שטיי, וועל איך דיר העלפֿן אָנטרינקען דיינע שעפּעלאַך, פּאַסטוכל...

און געזען, ווי ביים דרייען דאָס ראָד ציטערט דאָס פֿלייש אַזוי געדיכט איבער אירע עלנבויגנס, און אירע בעקלאַך ווערן רויט ווי די פֿעל ביי רויטע פֿוקסן — האָט זיך ס'הערצעלע ביי אים זייער געפֿרייט, און אונטערגעשפּרונגען מיט גרויס גדולה:

— פּאַמעלאַכל, שיין מיידעלע, פּאַמעלאַכל, שיין מיידעלע...

דערנאָך, אַז די שעפּעלאַך זיינען שוין געווען גוט אָנגעטרונקען, האָט ער זיי צופֿרידן געטריבן פֿון יענער זייט באַרג אין טאָל אַראָפּ, זיי געוואָלט געבן צו פֿאַרזוכן פֿון די הויכע באַ'טעמ'טע גרעזער, און זיך אַליין צוגעזעצט אויף דער ערד, די פֿיס אונטער זיך, איינגעקוקט אינם רויטן מיידעלע, וואָס איז אים געשטאַנען פֿאַר די אויגן, און איר געגומען זינגען זיסע לידער אויפֿן פּייפּערל; זינגען פֿאַר איר, דעם רויט־האָריקן וואַלד מיידעלע, וואָס פֿלעגט אין זיינע אויגן זיך אָנהענגען אויף אַ צווייגל פֿון אַ קאַרשנביימל און זיך אַזוי פֿאַרשייט דרייען ווי אַ רויטע וועווערקע איבער אַ רעדל אין שטייגל.

און זינגענדיק, נישט געזען גאָר ווי פֿון צווישן די פֿאַדערשטע ביימלאַך אין וועלדל האָט אַ יונג וועלפֿעלע אַרויסגעשטעקט ס'קעפּל, און מיט זיינע גרינע אויגן דערשראָקן זיינע שעפּעלאַך. די שעפּעלאַך האָבן זיך נעבאַך אַלע אויפֿגעכאַפּט און אין־איינעם געגומען שרייען:

— פּאסטוכל, גוט־פּאסטוכל, פּארטרייב אים, דעם בייזן וואָלף..
נאָר ביז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט האָט שוין דאָס וועלפעלע געהאַט אַ שעפּסעלע אין מויל, און זיך געלאָזט אַנטלויפן דערמיט אין וואַלד אַריין, צו זיין באַהעלטעניש...

און דאָס פּאסטוכל האָט גענומען נאָכלויפן, כאַטש מיט די לייר־דיקע הענט, שלאָגן דעם וואָלף; דער וואָלף איז פאַמעלאַך גע־לאָפן, ווייל דאָס שעפּסל האָט זיך ביי אים אין מויל שרעקלאַך געוואָרפן און זיך אָנגעשלאָגן אין זיינע פאָדערשטע פיס. אַזוי האָט דאָס פּאסטוכל אים באַלד אָנגעכאַפּט, אים אומגעוואָרפן צו דער ערד, דעם וואָלף, צוגעטראָטן מיט די פיס ביים קאַרק, ער זאָל אַרויסלאָזן דאָס שעפּסעלע פון מויל, און גענומען אים שלאָגן מיט די הוילע פויסטן איבערן קאָפּ:

— דו, וועלפל גנב! מיר אין די אויגן וועסטו קומען צו־כאַפּן אַ שעפּסעלע?

ביז דער וואָלף איז געבליבן ליגן טויט.

דערנאָכדעם האָט ער גענומען דאָס צעביסענע שעפּעלע אויף זיינע הענט און, טרייבנדיק די סטאַדע אַהיים, — עס שוין מער נישט אַראָפּגעלאָזט; אָפּגעלעקט ס'בלוט, וואָס האָט געטריפט פון זיינע ראַנעס, וואָס דעם וואָלפס ציין האָבן אים געמאַכט; זיי געוואַשן, געלעקט מיט דער צונג, ווי אַ מאַמע איר פּיצעלע זייג־קינד..

קומענדיק אפילו אין שטאַל אַריין, דאָס שעפּעלע שוין געהאַלטן ביי זיך, און עס געוואַרימט; די שעפּסלאַך האָבן זיך אַלע צו־זאַמענגערוקט, צונויפגעטוליעט און אַריבערגעלייגט די קעפּלאַך איי־נע צו די אַנדערע אויף זייערע רוקנדלאַך; און אַז ס'איז געוואָרן פינסטער אין דער שטאַל, האָט עס אויסגעזען איבער זייערע הויכע געדיכטע וואָל, ווי אַ פוכיקער שניי וואָלט אַראָפּגעפאַלן, זיך דאָ אַריינגעשאָטן דורכן צעלעכערטן דאַך.

די שעפּעלאַך האָבן אַלע געהאַלטן פאַרמאַכט די אויגן, אויף קיין איין האָרעלע זיך נישט גערירט, און דער גאַנצער איבערשרעק

פון וואלף בייטאג איז זיי איצט געלעגן אזוי פריש אויף די פנימ־ער.

דעם פאסטוכלס ברעמען האבן אראפגעהאנגען איבער דעם צו־קאליעטשעטן שעפסעלע זיינעם, וואס האט זיך געקרימט פון יסורים, — און טיף פארזארגט געשלונגען יעדע קרומע מינע דעם שעפסלס, נישט אויפגעהערט עם צערטלען, פיעשטשען און גלעטן :

— שלאף, שלאף, מיין יונג שעפעלע ; ס׳וועלן זיך דיר איינ־גיכן אויסהיילן די ראנעס, וואס דער וואלף האט דיר געמאכט... שלאף, שלאף, אוצר׳ל !

האבן זיך ביים שעפעלע פלוצלינג אויסגעלייטערט די אייג־לאך, און אנגעהויבן לייכטן איבער דער שטאל, ווי די לבנה וואלט אינדרויסן אויפגעגאנגען, און אהער אריינגעקוקט ; מיט אמאל זיך געשטעלט אויף די אינטערשטע פיסלאך, זיך גענומען אויס־גלייכן, אויסטאן און ארויסקריכן פון פעלכל, זיך באוויזן אין בלויזן לייב, מיט דער זיידענער הויט, ווי ביי א קינד וואס די מאמע וואלט ערשט געהאט...

און ער האט דערקענט אין דעם אויסגעטאנענעם שעפעלע, דאס רויט־האריקע מיידעלע זיינס, וואס האט ערשט צעפירט אירע הענטלאך איבער זיין קאפ מיט אזוי פיל געבעט :

— זיי נישט אזוי פארזארגט, שיין פאסטוכל מיינס, וואס איך היט נישט אפ דיינע טריט אויפן פעלד : לאז דיך פארטרייבן אליין די שעפסלאך אין שטאל אריין ; דערפאר, זעסטו, וואס דו האסט מיך היינט באשירמט פון וואלפס ציין, און פון זיין מויל ארויסגעריסן, וועל איך שוין מער קיינמאל נישט אפטרעטן פון דיר און דיך לאזן אליין, שיין פאסטוכל...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

און דאס פאסטוכל האט זיך אויפגעכאפט.

די שעפסלאך האבן זיך שוין געהאט אנגעגעסן, געווען זאט, זייערע

אייטערס,—פול, און האָבן שווער אראפּגעהאָנגען; האָט ער זיי אָוועק געטריבן צום ברונעז, וואו דאָס רויטע מיידעלע האָט שוין געהאַט אנגעצויגן אַ פולע קאַרעטע וואַסער, און געלאַכט אויפן הויכן קול פון אים:

— וואָס ביזטו היינט אזוי לאנג פארשלאָפן, פּאַסטוכל?

האָט ער איר פון זיין חלום דערציילט.

דער בליק

ס'איז געווען אין אָנהויב פון די קילע הערבסט־טעג, ווען דער הימל האָט זיך ערנסט געוואָלקנט, און ס'האָבן גערוישט די באַגילדטע אָפּגעפאַלענע בלעטער פון די ביימער, אין די גערטנער.

די בענק זיינען געווען פאַרלאָזט, ליידיקע אַלייען, און די קילע לופט האָט אָפּגעווישט דעם הייסן שטויב, דעם פייכטן שוויים, — ס'האָט אַלץ אָנגעהויבן דערפרישנד צו אָטעמען...

אָפּ־אָטעמען און אויסגיין, ווי די פאַרעלטערטע זשיקלאַד...

און דאָס וואַסערל אין גאָרטן האָט זיך געקנייטשט ווי דער שטערן פון אַן אַלטן זקן, געזעגנט מיט יענער טיפער זאָרג, פאַר דער אָנקומענדיקער עלטער...

אין יענע טעג, ווען דער גאָרטן איז געווען שטיל, קריינקלאַך שטיל, — האָב איך אָנגעהויבן צו פאַרזיצן אין אים; דאָס שטילע פאַרנעמען זיך פונם אָוונט, וואָס פלעגט זיך אַריינשלייכן ווי אַ באַרוויסע פרוי צווישן די אַלייען; דאָס בלייכקייט פון די פרויען־געזיכטער, וואָס זיינען דאָן איבערגעבליבן צוואַרפענע אויף די בענק, אַזוי ווי מיט אויסגעצערטע לונגען; און דאָס פאַרטראַכטקייט פון די מיידלאַך, וועלכע קומען אָפּזוכן די וואַרימע ליפּן, וואָס אין די הייסע זומער־טעג...

כ'פלעג אָנהויבן פאַרזיצן, ווייל די אָוונטן אַפשר פלעגן זיך צואיילן, מיט יעדן טאָג קומען פריער, און הענגען כסדר ביי טריבע הימלען, פון פרימאָרגן אָן, — איבער די ביימער, אַזוי ווי דער טאָג וואָלט דאָן אינגאַנצן געוואָרן פאַרזען...

אין די דאָזיקע אָוונטן האָב איך מיך לייכט צוגעהערט צום שטילן געזאַנג פונ'ם מידן הערבסט; מיט צוגעמאַכטע אויגן, אַראָפּ־

געלאַזטע ברעמען און אָפענע אויערן, אַזוי אייגן ווי אַ הונט וואָס ליגט אויסגעצויגן אויפן בויך, און שלינגט די שטיקער טיפע ווייט־קייטן, — אַזוי האָב איך אַריינגעזויגן דעם מאַטן זילבערנעם הערבסט; דעם הערבסט, וואָס אויף די בלייכע פּנימער פון די פרויען, און דאָס פייערלאַכע פאַרגיין פון זומער, וואָס ליגט אַרויס־געוואָרפן צווישן די הויפנס בלעטער, אויף דער ערד...

דעם זינגענדיקן הערבסט, וואָס ווערט אַרויסגעזונגען פון די ביימער, פון די ווינטן, און דורך זיי צעבלאָזן...

אויפמאַכנדיק די אויגן, האָט ס'רוב, די פינסטערקייט פון צווישן די געדיכטע, געדרייטע ליידיקע וועגן וואָס צווישן די ביימער, — אָפּגעשראָקן; די צעקרימטע ביימער אָן די בלעטער, האָבן אויס־געזען ווי מאָגערע עלענבויגנס ביי שוואַרצע מענטשן, וואָס וואָלטן זיך געהאַלטן אַרומגענומען, געווען אַרויפגעדרייט און צוזאַמענגע־וואַקסן; און די ווייסע זאַמדיקע שלאַכן האָבן דערמאָנט אין אויס־געגליטשטע שטערן אויפן הימל, וואָס לאָזן איבער גאָר זיך אַזעלכע זילבערנע שלאָדן...

כ'גיי אַוועק אָן שום ווילן; און אין גיין, ווי אינם זיצן, ליגט אַזאַ שווערע מידקייט,—די גאַנצע מידע שווערקייט פונם הערבסט; און עפּעס גיט דערביי ערגעץ־וואו אַ פּיק, פּונקט ווי ביי אַ ווערימל אונטער אַ צוגעלייגטן הויפן ערד, וואָס וויל נישט לעבעדיקערהייט באַגראָבן ווערן...

עפּעס גיט ערגעץ דאָ אַ פּישטשע אַ פייגעלע, וואָס איז מסתמא אַראָפּגעפאַלן פון אַ בוים, אַ יונג פּיצל פייגעלע, אָן פעדערן אויפן לייב...

כ'קום־צו צום וואַסער, ליגט עס אַזוי פלאַך, מיט אַ מאַט געזיכט, און אַ גלאַטן שטערן — אָן איין קנייטשעלע, אַ טויט־וואַ־סער, אַן אָפּגעשטאָרבן וואַסערל...

אַרום, אויף איינע פון די פּאַרלאָזטע בענק, זיצט, דוכט זיך,

א פרוי ; אדער דער איבערגעבליבענער שווארצער שאטן פון וועמען רוט זיך אפ איינער אליין אפשר, ארום אלע געדרייטע וועגן, אין דער שטילער, טריבער איינזאמקייט פון דעם הערבסט־פארק, — וואס אטעמט טיף אין זיך אריין די פייכטע נאכט...

דער ווינט וועקט פאר א ווײַלע איבער ס'וואסערל, גלעט עס שארף, ווי עס געוואלט איינבעטן פריער מיט גוטן, און באלד — מיט בייזן :

— שטיי אויף, דו אלטער שטיפער, פאר א ווײַלע, דו...

דאס וואסערל ווערט אומרואיק, ווי א באליידיקטע פרוי, און די צווייגן נעמען זיך אן איר עולה, באוועגן זיך לייכט אריבערהענגענדיק, און מורמלען :

— וואס וויל ער, דער שלעכטער ווינט, נישט לאזן שלאפן א ווײַלע ?... נאך ווייניק ארומגעהוליעט ?...

ארום נעמען באלד רוישן די אנגעווארפענע בלעטער, הייבן זיך אויף,ווארפן זיך איבער, רודערן זיך געדיכט, און דאס איינע געשטאלט, וואס אויף דער באנק, גיט זיך נישט קיין ריר...

טיף פארזונקען איז עס און פארלאשן, ווי דער זומער איז פארלאשן...

ערשט א קליין טראפעלע שפעטער, ווען אויפן הימל ערגעץ הייבט אן טיף צו דונערן, און אונאויפהערלאך מאלן ווי אין א מירזשער, גיט זיך דער שאטן א טרייסל ווי א אפגעבונדן שיפל אויפן וואסער, און ס'שטייט מיט איינמאל אויף א פרוי, א יונגע באוועגלאכע פרוי, גלייכט זיך אויס, ווי זי וואלט נאר געהאט געשלאפן דא, און בלייבט א ווײַלע שטיין, נישט צו רירן זיך מער — קוקנדיק בלויז מיט די אויגן.

אויגן טיפע, אויגן גרויסע, און אפשר קליינע, ווער ווייסט זיי, נאר פון זייער בליק, פון זייער בליק — האט א שרעקלאכע טיפקייט ארויסגעקוקט, און צו א שרעקלאכע טיפקייט ארייגעקוקט...

כ'האב נישט געזען מער ווי די אויגן וואס האבן געקוקט, פי־

לייכט איבער דער גאנצער ברייט פון וואסער, צווישן די געדרייטע וועגלאך אין גארטן און פילייכט : געזוכט ווערען, וואס האט איר געלאזט אזוי לאנג ווארטן, און אוועקגיין, אומגעזען זיך, אין הערבסט, נאכדעם ווי די הערצער האבן אפשר צוזאמען געברענט אין זומער ; כ'ווייס נישט מער : דער בליק אירער איז מיר געבליבן הענגען פאר די אויגן, ווי א שווארץ־שטיק שפינוועבס, נאכדעם ווי זי איז שוין פון לאנג געהאט אוועק, און דער גארטן איז ליידיק געווען...

דער הערבסט האט זיך געשלעפט אונטער בייזע פאררעגנטע הימ־לען, און שניידיקע ווינטן.

דער גארטן האט געיאמערט, דער איינער וואס האט אפשר אויפריכטיק באוויינט דעם פריצייטיקן טויט פון זומער ; געקלאגט אויפן הויכן קול, און זיך געריסן, ווי א מאמע איבער איר טויט קינד...

און ווען די אלייען זיינען געווען פארלאזן, די בענק האבן ארומגעשווימען אין וואסער, און די בלעטער — געוויינט און געפוילט ; אין די טעג אפילו האב איך נישט אויסגעמיטן צו זיין ביים וואסערל, און געמיינט : כ'וועל אפשר נאך אמאל דערזען דעם אנבליק פון יענעם ענלאכן שטיק שפינוועבס, וואס ס'איז מיר געבליבן הענגען פאר די אויגן...

כ'האב דאן געהאט געזען דאס מענטש, דורכן בליק פון די אויגן, און נישט אינם זיצן אויף דער באנק, פארזינקען זיין שעה'נ־לאנג, באוועגלאז, — נאר אין יענעם איינעם בליק, ווען זי איז אויפגעשטאנען פונם ארט, און זיך ארומגעקוקט — ווארים אזוי ארומקוקן זיך קען א מענטש, וואס קוקט זיך צום לעצטן מאל ארום אויף דער וועלט, איידער ער דערשפירט ווי די כוואליעס שלעפן אים אראפ פאר די האר צום אפגרונט ; פארטרינקען אלע זיינע מחשבות, וואס בלאנדזשען נאך ארום אונטערן שארבן פון מוח...

און דער דאָזיקער בליק, וואָס האָט מיך אַרויסגערופן פון שטוב אַן אַ ליכטיקן שמייכל אויפן פּנים, געטריבן אונטערן גאַס־רעגן, אַדורכצוגיין די טונקעלע אַלייען, און אים זוכן מיט אַזאַ ציטערנדיקער מורא; מיך אַנגעהאַלטן ביז נאָך דער האַלבע נאַכט, אַרומגעטריבן אַ מרה־שחורה׳דיקן איבער די געשלענגלטע שטעגלאַך, וואו כ׳בין זיכער געווען, אַרויסגייענדיק פון איינעם אויפן אַנדערן:

— דאָס דאָרטן, וועל איך איר געוויס אַנעמען פאַר דער האַנט, אַריינקוקן אין די אויגן, און דערזען דעם בליק, דעם שוואַרצן בליק...

און כ׳האָב איר נישט געזען מער...

אפילו אין די זוניקע הערבסט־טעג, ווען די זון האָט געלאַכט, דער גאָרטן האָט געלאַכט מיט דער געלקייט פון פאַרוועלקטע בלעטער, דאָס וואַסערל געווען אויפגעלייגט, און גיכער געשיינט, דראַבנע שיפלאַך זיך אומגעוויגט, לייכט באַוואוינגן: און אויף דער ערד האָבן גערוישט די הויפנס געלע בלעטער, וואָס האָבן זיך נישט געלאָזט מער אַזוי ווייך און שטיל צוטרעטן מיט די פיס, נאָר געשריגן הויך אויפן קול, — אפילו דאַן איז זי נישט געווען, נישט געקומען מער...

א בליק געווען...

א טריבער, אומעטיקער בליק...

און איך בין נעגאַנגען נאָך אים, אליין נישט געוואוסט: צו איר חושך האָט מיך דאָס געצויגן אין די טונקעלע וועגן, אָדער די טריבע ליכטיגקייט; ס׳האָט זיך מיר כסדר אויסגעוויזן: אַן אומגליק געשיט... גייענדיק אין גאַס, ביים מינדסטן קלאַפּ, זיך שוין אומגעקוקט — אויב ס׳איז נישט ווער אַראָפּגעפאַלן פון דער הייך; און ביי אַ הויכן געשריי פון אַ קינד, — צי ס׳איז נישט ווער אַרונטערגעפאַלן אונטער אַ שווערן וואָגן...

כ׳האָב כסדר געשראָקן...

איר בליק האָט מיך אָנגעשראָקן ; איר בליק, האָט זיך מיר געדוכט, — איז דער ערשטער און דער לעצטער, איידער מ׳באַגייט אַ מעשה־רע, נאָך וועלכן ס׳בלייבט שוין מער נישט איבער, ווי דער אנדענקען פון אַזאַ בליק...

און זיך נישט צוגעגלייבט : ס׳האָט אַזעלכער ביי איר דענסט־מאָל געזאָלט זיין...

כ׳האָב מיך אַזוי אַרומגעטראָגן מיטן פּאַרק ; געלעבט מיטן פּאַרק, און אויסגע׳חלום׳ט מיט אים, די פריע אוונטן פון די יונגע הערבסט־טעג, הינטער דיביימער, אויף פאַרלאָזטע בענק: און נישט אויפגעהערט אַריינצוקוקן אין דער ליידיקער טיפקייט, וואו איר בליק האָט אַמאָל אַריינגעקוקט...

אַ טיפע לערקייט געווען, אַ הוילע, וואָס האָט זיך דאָ אויס־געצויגן אַזוי ברייט, איבער אַלע טיפענישן, וואו ס׳זיינען אַלע ביימער געוואָרן אָפּגעווישט, אַלע וועגלאַך — אָראָפּגערוימט, נאָר אַ ליידיקע וויסטקייט ; און אַמאָל, ווי געדיכטע וועלדער וואָלטן אויף אים זיך אָפּגערוט, מיט אַ טיפע עלטער פון די גראָבע ביימער אויפ׳ן קאַרק און געשיקטע וועלף זאָלן אויף יונגע פאַרשייטע הירשן צאַטעוועט ; ס׳האָט אויפגעהערט צו זיין פּאַרק, — וויסטעמישן זיך געצויגן, געלע זאַמדיקע וויסטענישן, זאַמדיקע בערג, אומגעהויע־רע לאַנקעס, ברייטקייטן, וואַסערן ; וואַסערן טיפע, אויף וועלכע וואַסער־מענטשן טאַנצן אַרום, טונקען זיך אונטער, און לאָזן דער־ביי איבער אַזאַ שוים, ווי שיפן וואָלטן פאַרפאַלן געוואָרן אויף יע־נע ערטער...

ביז דער ווינט פלעגט דורך די צווייגן אַראָפּטרייסלען די וואַסערן צו מיר אין האַלז אַריין, מיך אויפוועקן, און וועלן פאַר־טרייבן :

— גיי אַהיים, שטיק אומרו, וואָס דו ביזט ; אַ בליק האָט

דיך געקענט אזוי צעטראגן, אז דו זאלסט דיר מער נישט קענען קיין אָרט געפינען ?...

ס'איז דער אייגענער שטילער, טריבער פּאַרק ; ס'טריפט פון די צווייגן, אנטבלויזטע צווייגן, נאַקעטע ; צווישן די קליינע, שיטערע פלעמלאך זעט זיך נאָך מער די נאַסקייט, וואָס טריפט אַראָפּ איבער דער קאָרע פון דיביימער און צעגיסט זיך אין אזעלכע לאַנגע שניר־לאַך איבער דער ערד...

ס'האָט געברויכט זיין שפּעט ; דער רעגן האָט געהאַט אַ קליין ביסל אויפגעהערט, און די ערד האָט נאָך געשלונגען די קאַל־טע טראָפּנס, ווי אַן אָפּגעשטאַנען פּישל, איידער די דינע פרעסט־לאַך האָבן איר געזאָלט אָנטאָן קייטעלאַך אויף די הענט...

בין איך געשטאַנען און געטראַכט פון זומער, וואו ער רוט זיך ערגעץ אָפּ אין די וואַרימע לענדער, די פייגל פישטשען הינ־טער די פענסטער, און שוואַלבן דראַפּען מיט די פליגלאַך אויף די וואַסערן...

און כ'קען שווערן, אַז כ'האָב גאָר נישט געקלערט פון איר, און נישט פון איר בליק, ווי כ'האָב אים דערזען ; כ'ווייס נישט פון וואַנעט, און פון וואו, און צי פון דעם אייגענעם שאָטן, וואָס האָט דאָ ערגיץ געזאָלט זיצן אזוי פאַרהוילן הינטערן וואַסערל, כ'ווייס נאָר — ס'איז איר בליק געווען... איר בליק... נישט טיפערער און נישט ברייטער, נאָר דער אייגענער ; כ'בין צומאָלט אויפן אייגענעם אָרט נישט געווען, און דער בליק האָט אויך געקענט קומען פון דאָרטן, פון ערגעץ אַנדערש, פון אומעטום, — און מ'האָט אים אודאי געזען איבער דער גאַנצער טיפקייט פון פּאַרק, אין אַלע זיינע ווינקלאַך...

און כ'בין געגאַנגען אהיים אָפּגעקילט, כ'האָב אים מער שוין נישט באַדאַרפט נאָך אַמאָל זען.

דער חלום

דער הימל ווערט טונקעלער, כמורנער, די וואָלקנס שווערער און נעדיכטער.

ס׳רוישן שטיל דיביימער, ס׳פאַרנעמט זיך אויף אַ רעגן.

אַ דונער קוילערט זיך ערגעץ ווי דערווייטערט אין אַ פאַרמאַכטע כלי; אַ בליץ גיט אַ שטאָך ווי רויטע אויגן פון אַ וואָלף, וועלכער זאָל האָבן אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אַריינגעקוקט אין דער נאַכט...

שוואַרץ איז ערשט דער וואַלד, אומבאַוועגלאַך שטייען די סאָסנעס, און ס׳גיט זיך נישט וועלכע פון זיי קיין ריר.

ס׳איז ווייס דער וועג, מילך־ווייס דער שאָסע, פונקט ווי אַן אויסגעשטרעקטע האַנט פון אַ פרוי, וואָס האָט אַפּגעהילט דעם שוואַרצן אַרבל פון איר אָרעם...

פאַרלאָזט איז די אַלטע חורבה, ציטערדיק די ווענט פון די צעפאַלענע בנינים, און ס׳דוכט זיך ווי זיי זיינען עפּעס אַזוי נישט זיכער, און קענען אַראָפּגעבלאָזן ווערן פון אַ ליאַדע ווינטל, פונקט ווי די נעסטן פון פייגל וואָס זיי האָבן זיך דאָרטן אויסגעבויט אין זייערע לעכער...

אַ שטיל געזאַנג...

זשאַבעס קוואַקען... פישלאַך שטעקן אַרויס די מיילער פון די וואַסערלאַך און שעפּן לופט, קוויקן זיך מיט די פרישע רעגנ־טראָפּנס, וואָס מאַכן אַזעלכע רינגעלאַך אויפן טייכל, קליינע רינגעלאַך צווישן גרויסע רינגען...

נאַכט־פליגעלאַך לייכטן־אויף, טליען, אַרומפליענדיק אין גראָז.

און פארלעשן זיך ווען זיי פאלן אראפ צו דער ערד...

א פלעדערמויז שארכט...

ס'איז די שטילע, זאפטיקע, קערנדיקע נאכט פול מיט ריחות, וואס נאך א הייסן זומער־טאג, ווען אויפן הימל האבן זיך אנגע־קליבן וואלקן, וועלכע קלעטערן כמורנע איינער איבערן אנדערן, ווי די בערן אין די בורעס; און אויף דער ערד פאלט דער טוי, שמעקט מיט וואלד־שוואמען און יאגדעס, וואס וואקסן פון די פולע גערדיכטע רעגנס...

אויף די וועגן, דוכט זיך, ברויכן ערגעץ האבן זיס איינגע־שלאפן די אנטרייבער אויף די קעלניעס, די פערדלאך אליין זאלן זיך שלעפן עפעס ווי אויפן עולם הדמיון...

אין אזא אוונט קומט ארויס א פרוי פון דער חורבה, — א הויכע, שלאנקע פרוי, אזוי ווי מיט בלינדע אויגן און אויסגעשפרייטע הענט; דורכזיכטיקע קליידער אויפן ווייסן לייב, וואס לייכטן ווי א העלער פאס פון ים; זי נעמט זיך באוועגן צום וועג, אבער ווערט גלייך צעשווימען, און דער קאפ בלייבט ביי איר הינטערשטע־ליק, ווען די פיס שטייען שוין אוועק; די הענט שטרעקן זיך אויס אויף א ווייטן מהלך, און נעמען זיך באלד צוריק איין, בלייבן אויף הינטן, ווען דער קערפער איז שוין כמעט ביים וועג...

און די מיידלאך וועלכע גייען דא ארומעט אהיים, — און זייערע פנים'ער פלאמען, אין די אויערן רוישט א שטילע מוזיק, און די הערצער קלאפן פאר פרייד, אזוי שלינגען זיי מיט די אויגן איר גע־שטאלט, און קאנען זיך נישט זאט קוקן אויף איר...

— ווער ביזטו, — פרעגן זיי — וואונדערליכע פרוי, וואס דו קומסט יעדן אוונט צו אונז אקעגן ארויס, באשפרינקלט מיט זיל־בערנע שטערנדלאך ?...

ענטפערט זי נישט באלד, די פרוי, נאר אז זיי לייגן אראפ די קעפלאך, שלאפן איין פול מתיקות — גלעט זי זיי, און שמייכלט מיט איר זילבערן שמייכעלע:

— אייער זיסער חלום...

אוונט־רויט...

ווייטער פון איבער דער הויכער־הויך פון די פילע ישוב־פלעקן, וואָס ליגן צופוסנס פון דער וועלט...

איבער די הויכע, הויכע בערג, וואָס אָטעמען פאַרשטיקט מיט זייערע שטיינערנע ברוסטן; דאָרט ליגן די געטער אין זייער אייביקן שלאָף, און אין זייערע מוסקולן ווי ביי יונגע, שטאַרקע לייבן, לויפט אַדורך דאָס פייערדיקע, זוניקע בלוט, — זידט עס מיט איר רויטע שוים, און שפּאַרט זיך מיט טיפע יערנדע כחות, קוואַלן־כחות, כחות פון ביטערן ווייַן....

און די וואָלקן, וואָס גייען אַזוי נידריק איבער זייערע קעפּ, ווערן אויפגעריסן אַרום די עקן פון די אויפגעשטעלטע פּיס, אויסגעשטרעקטע עלנבויגנס, און קילן אָפּ דאָס בלוט ביי די געטער, פּונקט ווי דער טוי — פאַרטריקנטע צווייגן...

און דאָס ליכטיגקייט איז דאָרט אַזוי אויסגע׳חלומ׳ט, איבער די בערג... בלייכע, מאַטע רעגנבויגן־פאַרבן, צווישן טאָג־און־נאַכטיקע הימלען...

טאָג און נאַכט קומען זיך דאָרט צוזאַמען נישט ווי דאָ, נאָר ווען די זון־שטראַלן באַרירן נאָך די קנעכלען פון מערב, באָדט זיך שוין דער מזרח אין געלן לבנה־שיין...

אַז די וואָלקן גייען העכער אַרויף, שטייגן די געטער אויף איבער די בערג אַזוי גרוי און ווי אויסגעהאַקט פון שטיין, וועקן זיך איבער מיט די שטאַרקע קרעפטיקע קנאַכן, געזונטע פלײשיקע ריפּן און באַגערן...

טאָג און נאַכט צעגייען זיך, און ס׳בויערט שוין די לייבן־גבורה די בערג־טיפענישן אַדורך; אַ גליד רירט זיך... באַ....

א האנט באוועגט זיך שווער, א שטיינערנע האנט, אנגעגאָסן מיט פעטע קלעפּיק בלוט; א פוס לענגערט זיך אויס, און די גראָבע פינ־גער ציטערן... די ברוסט אָטעמט שוין גענונט, א ברייטע ברוסט; און דער קאָפּ הייבט זיך מיד־פארשלאָפן קאפויר, נישט אויסגע־רוט, און עפּעס א נאאיוו אויג קוקט אין דער ווייט מיט א גולם־חידוש צו די שכנות׳דיקע בערג, וואו ס׳פלאַטערן די יונגע לייבער פון די געטינס, ווי די זעגלען אויפן ווינט... און — — — — — הא — — — — — הא !...

ס׳צינדט זיך אָן א פייער אויף די בערג, דאָס ווילדע שטאַרקע פייער פון רויטן בלוט, וואָס אין זייערע גראָבע שטיינערנע אָדערן... און — — — — —

— — — — — הא — — — — — הא !...

בלאָזן די ווינטן און פייפן... טראָגן אויף זייערע אַקסלען די געטער פאר די האָר, וואָס ווערן צעשמאָלצן אין שכנות ביי די ווייבער אויף די בערג, אין אזעלכע גינגאָלדענע פייערן, וואָס גיסן זיך אַראָפּ, פאַרנאַכט, אויפן האָריזאָנט, פון די פאַרבלוטיקטע הימ־לען...

— הא — הא — הא !

בלאָזן די ווינטן און פייפן דאָ אזוי, ווען די געטער ווערן פארברענט פון גלוסטן, און די הימלען זיינען רויט און אָפּגעגאָסן...

— הא — הא — הא !

בלאָזן די ווינטן און פייפן צווישן די רויט־הויטיקע, ווייס־הויטיקעביימער אין די וועלדער, וואו ס׳לויפן דערשראָקענע האָזן און ברוינע פוקסן...

— בא — בא — בא — בא — באו !...

דאָס האָבן די געטער פון ערגעץ אייך, קינדערלאַך, אנגעשראָקן, — וועלכע שטאַרבן יעדן אוונט אויף די בערג, ווען די זון גייט אונטער, און די הימלען ווערן רויט...

— בא — בא — בא — באו !...

פאַרשרייען די ווינטן זייער טויט מיט דונערן און בליצן אין

די ווייסע וועלדער. ברייטע צעפּלאַשעטע פעלדער, מיט שטורם און רעגן און בייזן געוויטער...

— בא — בא — בא — בא — באו !...
די וועלט גייט אונטער...

אַ זומער־נאַכט

אַ הילצערן הויז, צוויי פענסטער הויך. אונטן, ביי דער טיר שטייען פון ביידע זייטן, — צוויי הויכע שוואַרצע פעסער, אין וועלכע דאָס וואַסער לויפט אַריין דורך די רינעס פונעם דאַך.
אַ גערטל פון פאַרנט. עטליכע יונגע ביימלאַך. נאַכט. אין דער שטוב, וואָס אויפן ערשטן שטאָק שלאָפן צוויי אינגע מיידלאַך.

די אינגערע
וועקט זיך איבער און געגעצט
אַ—אַ—אָו !...
פילסט, שוועסטערל, דעם טוי ?...
די עלטערע
שלעפעריק בייז
טשעפּע דיך אָפּ פון מיר...
די אינגערע
זע : ס'פאַרהיינגל
גיט זיך אַ ריר,
ווי אַ פליגעלע פון אַ בין...
נעמט אַוועק ס'פאַרהיינגל
אוי, אַ ווייסע הון
שלאָפט אויפן שטענגל ;
ווייסלט זיך אַרויס
ווי אַ זילבערנער שטרויס,
און ווי אַ פאַרגלייזט אויג

בײַ א מויטן...
מיט יעדן בויג. —
װיגן זיך די פעדערן, װי די צויטן,
אויף איר לײַב ארום,
און צעפּאַלן זיך װי בלעטער פון א בלום
תחלת־װעלקן...

די עלטערע

ליגט זיך איבער בייז׳

זיך אודאי פארביינקט צו די נעלקען
אין גערטל...

די אינגערע

לײַדנשאַפטליך׳

שא, כ׳כען אן ערטל
אין סעדל, —
אז מ׳קריכט אריבער די שטאַכייטען,
בײַ די אונטערשטע בײַטן, —
זעט מען טיף אין בערל,
װי ס׳באָדן זיך די יונגען;
װי זײ שמידן רינגען,
פּלעכטן בײַטשן
אזוי משוגע מיט די מוסקולן,
צװישן בערג און װאַסער־טאָלן;
און באַלד, — זײ קנײַטשן
ס׳װאַסער אין צאַרטע פאַלדן,
בשעת זײ טיקן אונטער זיך, װי די שװאַלבן...

די עלטערע

ציט אריבער ס׳קישן איבערן קאָפּ׳

ס׳א משוגעת...

די אינגערע

גלעט איר לאַסקאַװע׳

ביזט אין כעס ?

נאָך א ווײַלע

פּילסט, שוועסטערל, די לופט ?...

מ׳הערט קלאַגן

דוכט זיך, ס׳רופט

א מיאַוקען פון א קאַץ...

נערוועז

דוכט זיך: פון דער פּאָרצײַלענע טאַץ

אונטן, וואָס בײַם ברונען,

פאַרשפּינען

די שוואַרצע פלעדערמײַז,

דעם אַלטן, גראָען גרײַז

פון אײביק יונגן געטש...

די עלטערע

בײַז

ביזט ווערט פּעטש,

מאַכסט צורעכט א נאַכט...

די אינגערע

ווי פריער

ווײסט, וואָס כ׳טראַכט ?

די עלטערע

וואו די הינער זיצן...

די אינגערע

ראַפּטום

בליצן !...

נאָך א ווײַלע

ס׳וועלן שטאַרקע היצן

אָפּברענען די הענט ;

מ׳עט ליגן פאַר׳חלש׳ט אונטער די ווענט,

ארויסבלעזלען די צונג,

זיך קילן אויפן ווינט,
און אויהבעטלען ביים נאַרישסטן יונג
ווי אַ אומבאַהאלפן קינד, —
אַ לאַסקע...

ד י ע ל ט ע ר ע

(בייז)

מאַטקע פלאַסקע!...

ד י א י נ ג ע ר ע

(צערטליך)

ביזט נ'כעס?

(פלויגנ')

ש־ש... כ'הער רוישן אין פּאַס!...
באַרט זיך נישט ווער?...

ד י ע ל ט ע ר ע

(מאַכט חוזק)

אַ ווייסער בער...

ד י א י נ ג ע ר ע

(אַנגעשטרענגט)

ש־ש... כ'הער...
ס'פּאַס שטייט אונטער דער רין...

ד י ע ל ט ע ר ע

(קרימט איר נאָך)

ס'פּאַרוועבט איר מסתמא, די שפּין...

ד י א י נ ג ע ר ע

(פאַרכאַפּט)

ס'איז מיט רעגנ־וואַסער פול...
ס'טונקט זיך עמיץ אין דער שטיל,
ווי אין טיפע קוואַלן...

ד י ע ל ט ע ר ע

אַ קאַץ, מסתמא, אַריינגעפאַלן...

ד י א י נ ג ע ר ע

דו... דו... נישט גוטס...

ראפּטום

א בליץ !...

גאָך א ווײַלע

שוועסטערל, דוכט זיך, מ׳גייט ?...

ווער קען דאָס זיין

אזוי שפּעט ?...

ד י ע ל ט ע ר ע

וואָס דיר פאַלט איין ?...

אודאי דער הונט

אויף דער קייט...

צווייפלט

און פּיליייכט : דער ווינט

בלויז ?...

ד י א י נ ג ע ר ע

שטיל

שש... ס׳גראַטשט א מויז...

ד י ע ל ט ע ר ע

גייט אראָפּ פון בעט

נישט אמאָל צווישן די שכנים ?...

קוקט ארויס דורכן פענסטער

כ׳זע נישט קיינעם...

ד י א י נ ג ע ר ע

גיט א ציטער

עפּעס פארבייגעלאָפן !...

ד י ע ל ט ע ר ע

לאָזט נישט שלאָפן,

איי, דו ,יונגע ציג...

קום, לייג דיך אַראָפּ און ליג...
פאַרמאַך די אויגן...

ד י א י נ ג ע ר ע
פאַרנאַרט

אַ פיש, אַ נקבה — האָט רויגן?...

ד י ע ל ט ע ר ע
פאַרדראָסיג

ס'האָט איר היינט אָנגענומען...

ד י א י נ ג ע ר ע
לענגערט זיך

אַ, כ'וואָלט שוין גערן איבערגעקומען
נ'סוף:
ווייסט, כ'גיי איינמאָל אַרויף,
איבער די טרעפּ, —
פאַלט מיר אפשר נישט אַראָפּ אַ בינט קעפּ
צו די פיס;
און כ'גיב אַזוי, נישט היינט געדאַכט, אַ ניס,
ווי זיי נעמען צאַפּלען,
שוואַרצע, גרינע, געלע אַפּלען,
מישן אויס זיך אין די לעבער,
ווי ביי ווילדע קעץ אויף דעכער...

ד י ע ל ט ע ר ע
בייז

איר אָנגעכאַפּט ס'משוגעת...

ד י א י נ ג ע ר ע
פּלוצלינג

כ'גיי מיך אַראָפּ באָדן אין פאַס...

ד י ע ל ט ע ר ע

מ'ברויך דיר ליגן אייז
צום קאָפּ

ד י   א י נ ג ע ר ע
עקשנותדיק
כ'גיי אראָפּ...
ד י   ע ל ט ע ר ע
פאַרברעכט די הענט.
אָהן א העמד ?...
ד י   א י נ ג ע ר ע
ס'איז נישט פרעמד
מיר אונטן
יעדע שפּאַרע,
וואו ס'קענען אפילו די ווינטן
ליגן פאַרשטעקט ;
כ'וויים וואו א פּאַרע
אין א כענטשלאַכע קעל
זיך קרעקט ;
און א הויך פון א זעל
ציטערט ווי א בלאַט...
ד י   ע ל ט ע ר ע
גיט א שפּרונג
א ראַט !...
נאָך א ווײַלע
ס'א משוגעת, א מויד,
אזוי ווילד ;
האָט נאָך אודאי חשק צו שפּרינגען
איבער א פּלויט
מיט יונגען...
דו, יונגע צווײַג...
ד י   א י נ ג ע ר ע
קאַפּריזנע
ניין... כ'בין אזוי מילד

ווי ס׳אויג
פון אַ טויב ;
און רויט־צעפּלאַמט ווי אַ שויב, —
ווען די זון פאַרגייט...

די עלטערע

שלאָפן קום, ס׳איז שפּעט...

די אינגערע

גייט אַרויס אויפן באַלקאָן

פינסטער ווי אין אַ זאַק...
איי, ס׳קילט די באַק,
און ס׳פּנים...

די עלטערע

שרייט אָן

פון אַזעלכע נאַראַנים
ווי דו ביזט...

די אינגערע

בייז

האָסט דיך מיר אָפּגעמיאוסט !...

גייט אַרונטער אין גאָרטן און שלייכט זיך אַרום)
בליצן שטראַלן,
און רעגנטראָפּן פאַלן,
גרויסע טראָפּן ווי די ניס, —
צוטרעטן די פיס...

די עלטערע

(בייגט זיך אַרויס פון פענסטער, וואָרנט איר
ס׳ליגט דאָרט אונטן צעבראָכן גלאָז...

די אינגערע

(פאַר זיך

ווי פייכט ס׳גראָז
איז, און ס׳שמעקט דער שטאָף ;

ס׳זויגט די נאכט אוים דעם סאָק
ביי מיר ;
און כ׳שפיר —
א ווינט גלעט מיין אָרעם :
ס׳בייגט זיך איין דער שטיין.
דער אַלט־געטאָקטער גאָט, —
בוקט זיך כרעים,
און רירט זיך פון אָרט אוועק...
די עלטערע
(קומט ארוים)
אַנגעמאכט א שרעק
אין שטוב צו זיין אליין...
די אינגערע
מ׳לייגט זיך רוקן־גלייך,
די פים — אויסגעצויגן,
פארמאַכט די אויגן,
איז אזוי ווי מ׳וואָלט געדרימלט
און געהימלט,
ליגנדיק אויפן טייך...
(לייגט זיך אזוי אוועק)
די עלטערע
(קוטשעט צוזאַמען)
אזוי פארשייט...
די אינגערע
(שפרינגט אויף)
כ׳הער : עמיץ רייט...
פארלוירנע טרים...
די עלטערע
קוטשעט
אַן אַלט געמיט...

ד י א י נ ג ע ר ע

(ווי פריער, פאַר׳חלומ׳ט)

פייכט די גראָזן...

ס׳ליגן די וואָלקן אנגעבלאָזן

אַזוי ווי שווארצע בערן,

ס׳קאַפּעט זיי פון די אויגן טרערן,

גרויסע טראָפּנס ווי די באָב, —

אויף דער שווארצער ערד אראָפּ...

ד י ע ל ט ע ר ע

(טוליעט זיך)

ס׳איז קאַלט... כ׳ציטער...

ד י א י נ ג ע ר ע

די נאַכט ווערט שוין שיטער...

ס׳עט באַלד נעמען טאָגן...

ווארט, כ׳וועל זיך פריער צוואָגן

ביים סטאַק, —

איידער ס׳קוקט מיך אָן דער טאָג...

(נעמט זיך צעלאָזן די האָר)

ד י ע ל ט ע ר ע

(ציטערט)

כ׳ווער געשטאַרט...

ד י א י נ ג ע ר ע

ווארט... ווארט...

(דערפרייט)

כ׳זע א געשטאַלט...

ער קומט ארויס פון וואַלד...

אַזוי הויך, די פּלייצעס — ברייט;

קוקט צעשטרייט

ווי ער וואָלט געפאָרשט...

די עלטערע

כ'חלש פֿאַר דאָרשט...

די אינגערע

פֿאַר זיך

אַ, ווי די ברוסט באַוועגט זיך מיר,
און עפּעס ציט
דורך יעדן גליד...

די עלטערע

בייז

און ווען, חלילה, אַן אומגליק געשיט ?...

די אינגערע

לאַכט

וועט זיין אויפֿן הימל אַ יריד !...

גיט זיך אַ כאַפּ מיט ביידע הענט פֿאַר אַ צווייג פֿון אַ בוים, און בלייבט הענגען

די עלטערע

וואָרנט

צוברעכן נאָך אַ בוים...

דער בוים קנאַקט

די אינגערע

וויגט זיך

אין לופֿטן איז אַזוי גר־ויי־ם !...
איי, ווי גוט ס'איז אַזוי...
ס'פּליסט דער טוי
פֿון די צווייגן
אַריין אין די גלידער...

די עלטערע

דערשראָקן

דוכט זיך : אַ גערודער ?...

די אינגערע

וויסט נישט וואָס זי רעדט

געוואָלט זייגן
ביי דעם וואָלקן ;
שוין נישט איין צעבער
ביי אים אויסגעמאָלקן,
און ווערט אַלץ גרעבער —
אַ גאַנצער ביק...

די עלטערע

(פּעסט)

כ'גיי צוריק...
פאַרנעמט זיך גיין און מ'הערט אַ גערויש אין
הויז, — זי בלייבט דערשראָקן
אויפגעוועקט ווענען ...

די אינגערע

זאָל זיך יענער שעמען...

די עלטערע

און אַ קלייד !...

די אינגערע

(וויגט זיך הענגענדיק אויפן בוים)

טיפער די פרייד,
די גדולה ;
אין אַ נאַכט אַ שטילע,
פון חודש מאַי,
וויגן זיך סאַרנעס צוויי
פאַר די הערנער...
אַ קנאַק — די צווייג איז איבערגעבראָכן און זי
שטייט אויף די פיס

ס'טאָגט...
קומען די נאַכט, מיר צונעזאָגט,

און שוין רינגט
פון הימעל דער טוי
און דער גרונט
בורעט גרוי
ארום די עקן...

ס'גערויש ווערט שטארקער אין הויז

די עלטערע

משוגענע, מענטשן וועקן
זיך איבער שוין אין די בעטן

די אינגערע

קומט צו זיך, באדויערט
אזוי פיל גראזן צו טרעטן...

מ'הערט טריט אין הויז.ביידע מוידלאך קוקן זיך אן דערשראקענע, אויפעוואכטע, און גיבן א שפרונג אין די פעסער וואסער, וואו זיי לאזן זיך אראפ איבער די קעפ און ווערן אנטקומען אין זיי

א מענטש

שטעקט ארויס נ'קאפ אין דער טיר, אין שלאף־ראק, שטעק־שיך — פארשלעפערט

הום...
דוכט זיך : געהערט א ברום...
און די צווייג איז אפגעבראכן...
פונקט ווי ס'וואלטן אויף איר געקראכן
ווערים און באשווערט ;
סמנים פון טריט...
פארוואלגערט א ריט,
אויף דער ערד...

נעמט ארויין נ'קאפ, פארמאכט הינטער זיך די טיר

ביידע מוידלאך שטייגן דאן אויס פון די פעסער־וואסער, זיי זיינען אנגעצוואגן ווי די קעץ ; זייערע האר — צעפלאסן, פונקט ווי די וואלקנס, דורך וועלכע ס'נעמט זיך אדורכשפארן א ליכטיקער טאג אויף דער ערד...

אינהאלט:

	זייט
דער זיידע	5
די עלטער	11
דער שאפער	16
מיט דער כוואליע	22
מחבל	28
דער ריז	35
נאכ'ן בזיט	40
דאס פערדל	47
דער ממזר	52
בלאפעס	59
דער אמעריקאנער דאקטאר	66
א וואוילע מויד	76
באשערט	82
זייער שוועסטער	88
איר געלעכטערל	94
דאס אנשיקעניש	98
דער קעלער	106
פארלארענע יארן	112

זייט

די מאַמע — — — — — — — — — — — — — — 118
דאָס רויטע הויז — — — — — — — — — — — — 127
דער גרעבער — — — — — — — — — — — — — — 140
דער בית־עולם — — — — — — — — — — — — — 146
אין א ברודערל — — — — — — — — — — — — — 151
קרייענקן — — — — — — — — — — — — — — — 155
אויסברוך — — — — — — — — — — — — — — 158
אונטערגאַנג — — — — — — — — — — — — — — 161
באַלאַגערונג — — — — — — — — — — — — — 165
פייערן — — — — — — — — — — — — — — 167
רויב — — — — — — — — — — — — — — 170
דאָס באַגעגעניש — — — — — — — — — — — — 173
אַ מייל ווייט — — — — — — — — — — — — 178
דער אור אַלטער וואַלד — — — — — — — — — — 183
דאָס פּאַסטוכל — — — — — — — — — — — — — 190
דער בליק — — — — — — — — — — — — — — 195
דער חלום — — — — — — — — — — — — — — 202
אָווענט־רויט — — — — — — — — — — — — — 204
אַ זומער נאַכט — — — — — — — — — — — — — 207